ה. ד. נאָמבערג

# געזאמלטע ווערק

ערשטער באנד

פארלאג „קולטור-ליגע", ווארשע

# פליגעלמאן

## I.

### ווער און וואָס איז פליגעלמאַן און וועגן זיינע באַקאַנטע

פליגעלמאַן איז אַ יונגערמאַן פון עטליכע און דרייסיג יאָר. ער האָט אַ קליינעם, אַביסל איינגעהויקערטן גוף; אַ גרויסן, קרומען שטערן און אַ קליין בלאָנד בערדל. די אויגן זיינע זעהען אויס ווי פאַרלאָפן מיט פאַרע. עס דוכט זיך, אַז מען דאַרף זיי נאָר מיט אַ טיכל איבערווישן, כדי זיי זאָלן העל גלאַנצן.

נישט זעלטן, גייענדיג פאַמעליך איבער דער רוישנדיגער גאַס אויף אַ לעקציע איינגעבויגן, האַלטנדיג די הענט אין די טאַשן, טראַכט ער, אַז אויף דער וועלט האָבן געלעבט אַ סך גרויסע מענשן: בודהאַ, שפינאָזאַ, קאַנט און נאָך אַ סך אַנדערע, און ער, דעם קוניווער שמש אַ זון, ווייסט זייערע פילאָזאָפישע סיסטעמען אויף קלאָר און קאָן נאָכזאָגן אַלץ, וואָס ער האָט געלעזן פון זיי, וואָרט באַ וואָרט.

און אַז אויף דער גאַס איז אַ שיין וועטער, די דראָזשקעס האַקן גראָר נישט אין די אויערן, און אויף דער לעקציע ברויך מען זיך נישט צו אײַלן, טראַכט ער נאָך מיט פאַרגעניגן, אַז אין תוך אַריין זיינען אַלע פילאָזאָפן נישט איבעריג קלוג געווען; יעדערער האָט זיך פאַרמאַכט אין זיין ווינקעלע, געטראַפן, דאָך אַביסל נאָר געטראָפן; און ער, פליגעלמאַן, ווייסט אַלץ, וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן, און נאָך ווייסט ער, אַז דער עיקר, דער תוך כל־התוכות איז דאָס לעבן, דאָס לעבן אַליין טאַקע.

און פון זיין לעבן איז פליגעלמאַן צופרידן. די ערשטע פינף יאָר אין וואַרשע זיינען אָנגעקומען אַביסל שלעכט, נאָר דערמאָלט

איז ער געווען אַ מענש אָהן פעסטע איבערצייגונגען, אָהן אַ וועלט־אַנשויאונג, און פון יענעם לעבן האָט פּליגעלמאַן נישט ליב צו טראַכטן. זייט אַכט יאָר אָבער האָט ער זיך בעסער איינגעריכט, באַקומען גוטע לעקציעס און האָט אָנגעהויבן לעבן רוהיג, לויט פעסטע פּרינציפּן, אַביסל אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, אַליין אין זיין צימער אויף דעם פינפטן שטאָק.

זיין צימער איז שטענדיג אויפגעבעט אויף אַ באַזונדערן אָרט, אויף פּליגעלמאַנס אייגענעם אָרט. מיט דער דינסט באַנוצט ער זיך נישט, זייענדיג איבערצייגט קעגן יעדער קנעכטשאַפט. און אַז מען ברויך די פּאָדלאָגע צו וואַשן, וואָס ער קאָן אַליין נישט טון, האָט ער פּרעטענזיעס צו זיך אַליין און האַרפּט זיך פאָר, אַז ער מאַכט קאָמפּראָמיסן, און ווערט איבערצייגט, אַז אַן אָרנטליכן מענשן איז לעת־עתּה זעהר שווער צו עקסיסטירן אויף דער וועלט.

באַקאַנטע האָט ער אַ סך, נאָר נאָהענטע מענשן — גאָר ווייניג. צווישן זיינע באַקאַנטע יונגעלייט האַלט מען אים פאַר זעהר אַ געבילדעטן, פאַר אַ פילאָזאָף און אַ עסטעטיק, נאָר ריידן רעדט מען פון אים נישט. גאַנצע חדשים פאַרגעסט מען אָן אים גאָר, ערשט אַז מען ברויך געלט אויף עפּעס אַ זאַך, דערמאָנט מען זיך אָן אים, דעמאָלט רופט זיך איינער אָן:

— אַ! אָן פּליגעלמאַנען האָט מען גאָר פאַרגעסן!

— טאַקע! — זאָגט דער אַנדערער, און אַלע פאַרוואונדערן זיך, וואָס פּליגעלמאַן איז זיי נישט געקומען אין קאָפּ אַריין.

און אַז מען קומט צו אים, איז פּליגעלמאַן מכבד מיט טיי, פרעגט זיך נאָך וועגן אַלע באַקאַנטע, גיט געלט, נאָר גלאָט זיך שפּאַרן אַזוי, האָט ער נישט ליב און זעהט, אַז דער שמועס זאָל נישט צו נאָהענט צוקומען, ער זאָל ניט באַרירן, ווי ער דריקט זיך אויס, זיין וועלט־אַנשויאונג. דער באַקאַנטער נייט אַוועק צופרידן, פאַרציילט די חברים, און אַלע רימען פּליגעלמאַנען זעהר און פאַרגעסן ווידער באַלד פון אים אויף עטליכע חדשים.

נעהענטער פאַר אַלע איז אים לעוואַנטקאָווסקי, אַ לערער, אַ טאַטע פון זעקס קינדער און אַ גרויסער אָרימאַן, נאָר זעהר אַ פריילעכער. באַקענט האָבן זיי זיך אין אַ בוכהאַנדלונג.

לעוואַנטקאָווסקי האָט עפּעס אַ מאָרגנע תּאווה צו ביכער. קוים דערשיינט אַ נײַ בוך, אויף העברעאיש אָדער אויף אידיש, און ער קאָן עס דערווייל נישט קויפן, ווערט ער זעהר טרויעריג און אויפגערעגט, און זיצנדיג בײַ פליגעלמאַנען, וויל ער נישט טרינקען קיין טיי. פליגעלמאַן באָרגט אים אַ סך מאָל געלט און האָט דערפון עגמת נפש, ווייל לעוואַנטקאָווסקיס ווייב האַלט אים פאָר, צו וואָס ער באָרגט אים געלט.

מיט לעוואַנטקאָווסקין איז פליגעלמאַן אָפנהאַרציג און רעדט מיט אים אַ סך מאָל פון זיך אַליין:

— די פּאָעטן מיינען, אַז נאָר זיי אַליין פילן די שיינקייט פון דער נאַטור. ס'איז אַ ליגן. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס זיי קאָנען דאָס געפיל אַרויסגעבן אין אַ פּאָעטישער פאָרם, און איך קאָן נישט: איך באַשעפטיג זיך נישט דערמיט. צום בײַשפּיל: איך צאָל אַ רובל טייערער פאַר מיין צימער, נאָר ווייל בײַנאַכט שיינט אַרײַן די לבנה. איך בין אַן אָפּענער מענש, איך האָב זיך אויסגערעדט מיט דער ווירטין, אַז איך צאָל אַ רובל טייערער נאָר מיט דער באַדינגונג, אַז אין צימער איז דאָ די לבנה. איר ווייסט, לעוואַנטקאָווסקי, דער המון, דאָס פּראָסטע פאָלק, איז, פאַרשטייט איר, גראָב. שטעלט אייך פאָר, מיין ווירטין האָט געשמייכלט, אַז איך האָב זי געפרעגט, צי בײַנאַכט שיינט די לבנה אין צימער, און, פאַרשטייט איר, זי איז איבערציינט, אַז איך בין אַ נאַר... מיט איין וואָרט, איך זאָג אייך, לעוואַנטקאָווסקי, אַז אַן אָרנטליכן, קלוגן מענשן איז שווער צו לעבן אויף דער וועלט. יאָ!

פליגעלמאַן רעדט רוסיש, לעוואַנטקאָווסקי פאַרשטייט נישט די שווערע ווערטער, נאָר מורה איז ער, און לעזט אים פאָר אַ שיר וועגן דער טבע.

— אַ גוטער שיר — ענטפערט פליגעלמאַן — איר וואָלט נאָר געבּרויכט צו האָבן אַ טיפערן פילאָזאָפישן בליק. אַשטייגער, איר זאָגט: „מה יפה הטבע, על כל הר וגבע“. אַן אמתער פּאָעט פילט, אַז דער באַרג און דער הימל און די ערד און די גאַנצע נאַטור איז פונקט דאָס אייגענע, וואָס מיר אַליין...

— ווי הייסט? — פרעגט לעוואַנטקאָווסקי, און דאָס פּנים זיינס ווערט ווייעגדריג־ערנסט, אין אָפּענעם מויל זעהען זיך לאַנגע צוויי שורות ציין, און זיין האַנט ציטערט אין דער לופט.

— עס איז אַזוי. איך, צום ביישפּיל, פיל עס גאַנץ גוט. עס טרעפט אַ סך מאָל, וואָס איך פיל, אַז איך און דער הימל און די לבנה איז אַלץ איינס, איין אַבסאָלוט, פאַרשטייט איר, נאָר אין פאַרשיידענע פאָרמען...

— הערסט דו?! אין פאַרשיידענע פאָרמען! דאָס האָב איך דאָך באַלד געזאָגט, היינט מילא, וואָס ווילט איר? איז דאָך ווידער גוט!

און לעוואַנטקאָווסקי וואַרפט אַזוי מיט דער האַנט, אַז פליגעלמאַן ווערט אָן דעם מוט: ער האָט פיינט, אַז מען צעקאָכט זיך.

— יאָ, דער שיר איז גוט, זאָגט ער, מיר וועלן נאָך ריידן דערפון, אַ גוטע נאַכט.

טיילמאָל, אַז ער גייט אַרויס, גייט אים נאָך לעוואַנטקאָווסקיס ווייב, אַ אידענע מיט אַ געלבליך פּנים און מיט איינגעפאַלענע בריסטן, און שטעלט אים אָפּ:

— פאַני פליגעלמאַן, טאָמער קאָנט איר באָרגן פופציג קאָפּעקעס?

פליגעלמאַן באָרגט און האַלט זיך אַביסל אויף אין הויז, ווייל באַלד דערהערט זיך פון שטוב געשרייען פון מאַן און ווייב. לעוואַנטקאָווסקי וויל פופצען קאָפּעקעס אויף טאַבאַק, דאָס ווייב וויל נישט געבן; לעוואַנטקאָווסקי זאָגט, אַז ווען נישט ער, וואָלט פליגעלמאַן איר נישט געבאָרגט. דאָס ווייב ענטפערט:

— דו ביסט נישט ווערט מיט אים צו ריידן!

לעוואַנטקאָווסקי ווערט שטיל, עס הערט זיך נאָר, ווי ער גייט אַרום אין שטוב, און אויף פליגעלמאַנס פּנים צעגיסט זיך אַ צופרידענער שמייכל, וואָס ליגט שוין אַזוי אויפן פּנים, ביז ער קומט אַהיים און זעצט זיך לעזן.

לעזן לעזט ער לאַנג, פאַמעליך, שטענדיג אין דער איינענער פּאָזע, זיצנדיג, און מיט דעם איינעגעם, ערנסטן, רוהיגן אויסדרוק אויפן פּנים. טרעפט זיך אַ מערקווירדיג אָרט, שטעלט ער זיך אָפּ, לעזט עס נאָך אַמאָל דורך, און קען עס אויף אויסנווייניג,

ציהט די וואַנצע און לעזט ווייטער, אַלץ ווייטער, און עס דוכט זיך, אַז זיין מח וואָלט גאָר קיינמאָל נישט מיד געוואָרן צו שלינגען די זייטלאַך, ווי די לונגען — לופט. עס גייט דורך אַ צייט, ער נעמט אַרויס דאָס זייגערל, און אויב ס'איז שוין עלף, מאַכט ער צו דעם בוך, ציהט נאָך אַמאָל די וואָנצע, און אויף זיין פּנים צעגיסט זיך אַ מאָרגנע זיסקייט.

און אַז די לבנה איז דאָ אויפן שטיק הימל, וואָס זעהט זיך דורכן פענסטער, לעשט ער אויס די לאָמפּ, רוקט צו דעם שטול צום פענסטער און קוקט אויף דער לבנה. ער רויכערט אַ פּאַפּיראָס, ציהט אים לאַנגזאַם, אַ רויך צעליינט זיך אין דער בלויליכער לופט, און אין דעם נעפּל שווימט די לבנה, פּאַמעליך, פרום און ערנסט... אַן אַלטן חסידישן טרויעריגן נגון, די איינציגע מעלאָדיע, וואָס פליגעלמאַנס אויערן האָבן אויפגע־כאַפּט אין זיין לעבן — ברומט ער צו דערביי; דער נעפּל צעטראָגט זיך, דער טונקעלער הימל מיט דער לבנה ווערן העכער, און פליגעלמאַן האַלט דעם קאָפּ געהויבן אין דער הייך, קוקט לאַנג און פילט, אַז ער און דער הימל און די לבנה און די גאַנצע וועלט זיינען איינס, איין אַבסאָלוט אין פאַרשיידענע פאָרמען, און אַז דאָס לעבן איז אַלץ. ליגנדיג דערנאָך אויפן בעטל, ווערט ער אַנשלאָפן מיט דעם געדאַנק, אַז דאָס ערליכסטע, קלינגסטע לעבן איז דערביי אויך דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, צו זיין לעבן איז רייך אויך מיט פּאָעזיע

אַט אַזאַ מענש איז פליגעלמאַן.

## II.

### וועגן פליגעלמאַנס ערשטער ליבע

פון ליבע האַלט פליגעלמאַן זעהר.

— ליבע — פלעגט ער זאָגן — איז דער הויפּט־פּרינציפּ פון לעבן. דאָס לעבן אָהן ליבע האָט נישט קיין זין און פאַרלירט זיין פאַרטיידיגונג. אַ מענש, וואָס איז נישט געניינט פון דער נאַטור צו ליבע, האָט ווייניגער ווערט, ווי אַ מענש, וואָס קען נישט לעזן און שרייבן.

און פליגעלמאַן איז פון דער נאַטור זעהר גענייגט געווען צו ליבע. נאָר אַז מען לעבט אַ פאַרשטענדיג, קלוג לעבן, דאַרף מען זיך ריכטן צו זיין אָפּגעזונדערט און עלנט.

— איך קאָן נישט קיין ליגן זאָגן, איך קאָן נישט חנפענען — פלעגט ער זיך טרייסטן פאַר זיין אומגעשיקליכקייט בּאַ פרויען.

און געהאָפט האָט ער שטענדיג, אַז עס וועט זיך טרעפן אַזאַ נשמה, וואָס וועט זיין נשמה פילן, אַז דייטליך רייגנדיג, קאָן קיין פלאַכע נשמה אים נישט ליב האָבּן.

אַמאָל, נאָך דעם, ווי ער האָט זיך איבּערגעצויגן אויף אַ נייער דירה, האָט ער בּאַמערקט אין אַ קעגן־איבּערדיגן פענסטער אַ בּלייכליך געשטאַלט מיט שוואַרצע האָר, אין אַ העלער בּלוזע און מיט אַ שניי־ווייסן שטייפן קאָלנער. אויגן, גרויסע און שוואַרצע, האָבּן געקוקט גלייך צו זיין פענסטער. עס איז געווען אין דער פריה. אין דרויסן איז געווען ליכטיג, אַ העלע שיין איז געלעגן אויף אַ האַלבּער, קעגן־איבּערדיגער מויער. די פענסטער זיינען געווען אָפן, און דאָס מיידל האָט געהאַלטן די האַנט איבּער די אויגן און האָט געקוקט. פליגעלמאַן האָט אויך געקוקט. דאָס מיידל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פאַרשעמט, איר בּרוסט האָט זיך בּאַוועגט, עס האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט אָפּגעזיפצט. פליגעלמאַן האָט אַלץ געקוקט אויף איר מיט אַנטציקונג. נאָך דאָס מיידל האָט ווידער אויפגעהויבּן די אויגן און ווידער זיי אַראָפּגעלאָזט פאַרשעמט, און די בּרוסט האָט זיך ווידער בּאַוועגט... פליגעלמאַן האָט אַ קלאַפּ געגעבּן מיט צוויי פינגער אויפן פענסטער און געזאָגט צו זיך:

— נענוג!

און איז אַוועקגעגאַנגען פון פענסטער צופרידן, וואָס ער האָט זיך אַליין בּאַזיגט, וואָס ער האָט ווייטער נישט געקוקט, כאָטש דאָס האָט זיך אים אַזוי געוואָלט.

„דער גרעסטער נצחון פון אַ מענשן איז, אַז מען איז זיך אַליין מנצח״, האָט ער געטראַכט דערנאָך, גייענדיג איבּער ויער נאָס אויף דער לעקציע. נאָר זיצנדיג אויף דער לעקציע האָט ער געפילט, אַז ער איז עפּעס אומרוהיג, אין דער זייט בּאַם האַרצן האָט זיך עפּעס אַלע ווייל צוגערוקט, עפּעס אַ נאָג

געגעבן און ווידער זיך אָפּגערוקט; די שוואַרצע האָר און די העלע בלויע מיטן ווייסן קאָלנער האָבן געציטערט אין מוח, און בכלל איז ער געווען אויפגערוימט, עפּעס הייטער, ווי ער פלעגט אַמאָל זיין ערב פסח אין די אַלטע, אַלטע יאָרן.

„הם... יאָ"... האָט ער געטראַכט פאַר זיך אַ גאַנצן טאָג, געווישט מיט די הענט די וואָנצעס און האָט כמעט קיין איבעריג וואָרט נישט אַרויסגערעדט, באַהאַלטנדיג פון זיך עפּעס אַ סוד. זיין פּנים האָט אַ גאַנצן טאָג געשמייכלט.

באַנאַכט, ליגנדיג אין בעט, קוים האָט ער די אויגן צוגעמאַכט, האָט זיך דאָס בעטל אויסגעדרייט, און ער איז אויסגעקומען מיט די אויגן צום פענסטער, ער האָט אַלץ געטראַכט וועגן דער געשטאַלט, און אין פינסטערן פאַן זיינען געלאָפן פיל, פיל פייערדיגע פינטעלאַך און עפּעס ווייס האָט זיך נאָכגעשלעפּט, ווי אַ לייכטער נעפּל. געדוכט האָט זיך, אַז די פינטעלאַך, פליהענדיג, מאַכן אַ גלייכע געאָמעטרישע ליניע פון יענעם פענסטער צו זיינעם. אין מיטן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער ליגט נאָר מיטן קאָפּ צום פענסטער, און האָט זיך אָנגעהויבן צו אָריענטירן אין בעט. קוים האָט ער דערטאַפּט די וואַנט און האָט געעפנט די אויגן, איז דאָס בעטל אויסגעדרייט געוואָרן, און ער האָט געקוקט גלייך אויפן ווייסן אויוון. ער האָט זיך אויפגעזעצט, אויסגעדרייט דעם קאָפּ. אַקעגן־איבער איז געווען פינסטער. ער האָט זיך צוריקגעלעגט, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז דאָס בעטל ווידער אויסגעקומען פאַרקערט.

— הם... האָט ער געשמייכלט צו זיך אין געדאַנק און איז איינגעשלאָפן מיט עפּעס אַ פרישן חלום.

צו מאָרגנס איז דאָס מיידל ווידער געזעסן באַם פענסטער. זי האָט געלעזן אַ בוך, און פליגעלמאַן האָט געקאָנט קוקן, וויפיל ער האָט געוואָלט, נאָר דאָס מיידל האָט פּלוצלינג אויפגעהויבן די אויגן און געקוקט אויף אים, גלייך אויף אים, און אין דעם בליק איז עפּעס געווען.

„די נשמה פון אַ מענטשן שפּיגלט זיך אָפּ אין בליק און אין געלעכטער", האָט ער געחזרט פאַר זיך עפּעס אַ פראַזע פון לאַנג, נאָר לאַנג שוין דורכגעלעזענעם בוך. „מערקווירדיג, ווי גוט געזאָגט".

ער איז צוגעגאַנגען צו זיין קליין שפּיגעלע, איינגעקוקט זיך אין זיין פּנים און האָט געפונען, אַז זיין בליק איז נאָר איננאַנצן אַן ענליכער צו איר בליק. עס איז קיין ספק נישט געווען, אַז ער געפעלט איר: „אַ נשמה אַ נשמה פּילט“.

אַזוי האָט עס זיך געפירט צוויי וואָכן. דאָס מיידל איז געזעסן באַם פענסטער, און פליגעלמאַן האָט געקוקט. אַמאָל, אַז ער האָט געקוקט אויף איר, האָט זי פּלוצלינג, ווי געוויינליך, אויפגעהויבן די אויגן, נאָר נישט ווי געוויינליך — האָט זי זיי אַראָפּגעלאָזט און געקוקט אים מיט שטאָלץ אין די אויגן אַריין אַזוי לאַנג, ביז ער, פליגעלמאַן, האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פאַרשעמט! דערנאָך, אַז ער האָט בגנבה נאָך געוואָרפן אויף איר אַ בליק, איז אויף איר פּנים געלעגן אַ שמייכל און איר ברוסט האָט זיך אַזוי פריי באַוועגט... פליגעלמאַן האָט זיך געפילט באַזיגט דורך אַ מיידל.

— אַ שטאַרק פאָלק — האָט ער דעם זעלבן טאָג גערעדט מיט לעוואַנטקאָווסקין, זיצנדיג באַ זיך אין צימער און טרינקענדיג טיי — אַ שטאַרק פאָלק זיינען די פרויען...

— אָהאָ — האָט לעוואַנטקאָווסקי געענטפערט און האָט אָנגע־הויבן צו דערציילן עפּעס פון זיין ווייב.

— וואַרט, לעוואַנטקאָווסקי, פאַרשטייט איר, איר פאַרשטייט מיך שלעכט — איך גיי נישט אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט. איך רייד וועגן דעם, אַז שטרייטנדיג האָבן זיי אַ סך מער טאַקט און זיכערקייט, ווי מאַנסלייט, ווייל זיי זיינען זיכער אין זייער קראַפט, אין זייער שיינקייט, אייגנטליך איז דאָך שיינקייט אַלץ; די עסטעטישע איז דאָך די העכסטע וועלט־אַנשויאונג, דייטליך ריידנדיג.

לעוואַנטקאָווסקי האָט, ווי געוויינליך, ווען זיין חבר האָט זיך אַריינגעלאָזט אין עפּעס אַ הויכן שמועס, געשוויגן, געזופּט טיי און אָנגעשטעלט עפּעס אַ מין ערנסטע מינע, ווי אַ קינד, בשעת אַ זיידע בענטשט אים. טיילמאָל נאָר האָט ער אָנגעקוקט פלי־געלמאַנען, אַ זיפץ געגעבן און צוריק אָנגענומען די ערשטע פּאָזע. פליגעלמאַן האָט ווייטער גערעדט:

— דעם אמת ריידנדיג, ווייסן מיר דאָך גאָרנישט. די פּסיכאָ־לאָגישע עלעמענטן זיינען אַזוי פאַרווירט, אַז עס איז זעהר גרינג צו ווערן אַ מיסטיקער. צום ביישפּיל: איר טרעפט עמיצן אויף דער גאַס, לאָמיר אָננעמען, צום ביישפּיל, אַ מיידל; איר קוקט זי אָן, זי — אייך, און די צוויי בליקן האָבן צווישן זיך געהאַלטן אַ וכּוח, געקעמפט, איינער האָט געזיגט... און ווי אַזוי איז דאָס צוגעגאַנגען?... אָט הויבט זיך אָן ספּיריטואַליזם. נאָר, פאַרשטייט איר, דער ריינער פאַרשטאַנד הייסט אויף אַלץ זוכן באַשייד, אַלץ בינדן לויט דעם געזעץ פון אורזאַכליכקייט, און וואו מען ווייסט נישט שטעלן אַ פראַגעצייכן, נישט פאַרלאָזן זיך אויף סודות... איך ווייס אויף זיכער פון אייגענער פּראַקטיק, אַז ווען נישט מיין פאַרשטאַנד, וואָלט איך שוין לאַנג געווען אַ מיסטיקער. יאָ!

— איר האָט אַ סך געלעזן... האָט לעוואַנטקאָווסקי אָפּגעזיפצט.

— לעזן איז נישט דער עיקר — פליגעלמאַן איז געוואָרן זעהר ערנסט — פאַרשטייט איר, די פילאָזאָפיע וויל פון דער טעאָריע מאַכן דאָס לעבן, נאָר דאָס לעבן איז אַ סך ברייטער, אַ סך... מען ברויך פון לעבן, פון פּראַקטיק, זוכן די וואַהרהייט... פאַרשטייט עס, קלערט וועגן דעם.

באַנאַכט האָט געשיינט אַ קיילעכדיגע, ריינע לבנה. זי איז אַרויס פונקט פון אונטערן קוימען פון אַ קעגן־איבערדיגן דאַך; איבערן הימל האָבן זיך געטראָגן לייכטע, נידעריגע וואָלקנדלאַך, און די לבנה צווישן זיי איז געלאָפן, געלאָפן און אַלץ אויף איין אָרט געשטאַנען; אויפן הויף איז אַלץ געווען באַגאָסן מיט אַ בלוילינע לופט, אין אַ קעגן־איבערדיגן פענסטער האָט זיך נאָך געלייכט, נאָר די ראָליעט איז געווען אַראָפּגעלאָזט, און פליגעלמאַן איז געזעסן באַם פענסטער, און זיין בליק האָט זיך געוואָרפן צווישן הימל און פענסטער.

די ראָליעט האָט זיך אויפגערוקט, און אַרויסגעקוקט האָט אַ באַקאַנטער קאָפּ. די אָרעמס, צוויי נאַקעטע אָרעמס פון אַ יונג מיידל, האָבן זיך געזעהן, די האָר זיינען געווען צעזאָרפן... און פליגעלמאַנס אויגן האָבן ר'ך געשווינד אויפגעהויבן צו דער לבנה.

„אַ כיטרע פאָלק“, האָט ער געטראַכט און איז איינגעשלאָפן אויפגערעגט.

אַמאָל, פאַרנאַכט, איז פליגעלמאַן געזעסן איבערן בוך און האָט געלעזן. אין דרויסן איז געווען אַ שטאַרקער רעגן, בליצן האָבן געבליצט, און דונערן האָבן געשלאָגן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז נאָך יעדער קלאַפּ איז פליגעלמאַן צוגעלאָפן צום פענסטער איבערצייגן זיך, צי אַלץ אַרום אים איז גאַנץ, און האָט געזעהן, אַז אַקעגן־איבער קוקט אַרויס זי. געדוכט האָט זיך, אַז זי האָט אים נישט באַמערקט, זי איז געזעסן אָנגעלענט מיטן קאָפּ אויף דער האַנט, און די אויגן זיינען געווען מוראָדיג: געקוקט האָבן זיי אויף דעם שוואַרצן וואָלקן, און אין זיי איז געלעגן אַ טרויער, אַ סך אַ שווערערער, ווי דער וואָלקן אויבן... פליגעלמאַן איז אומגערולדיג אַרומגעגאַנגען איבערן צימער.

דאָס געוויטער האָט זיך געענדיגט, אין דרויסן האָט זיך באַוויזן אַ שיין פון דער זון, אַלץ איז געווען אָפּגעוואַשן און פריש. פליגעלמאַן איז געשטאַנען באַם פענסטער און געקוקט. דאָס מיידל האָט אויך אַ סך מאָל אויפגעהויבן די אויגן, און איר בליק איז געווען דרייסט. פליגעלמאַן אין אָנהויב אַביסל פאַרשעמט, דערנאָך אַלץ דרייסטער און דרייסטער, האָט געקוקט אויף איר אָהן אויפהער, און דאָס פּנים זיינס האָט זיך צונעגרייט צו אַ שמייכל. דאָס מיידל האָט ווידער אויפגעהויבן די אויגן און איז עפּעס פלוצלינג אַוועקגעגאַנגען, צוריקגעקומען עטליכע מאָל, און זי האָט אויסגעזעהן זעהר אומרוהיג.

„די ריכטיגע צייט“, האָט פליגעלמאַן געטראַכט און האָט זיך אונטערגעגעבן מוט... ער האָט אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ, און אַ זיסער שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זיין פּנים ———

נאָר דאָס מיידל האָט זיך ראַש אויפגעשטעלט, אַ גרויסע רויטע צונג האָט זיך באַוויזן, און זי ראָליעט איז ראַש אַראָפּגעפאַלן...

עטליכע סעקונדעס האָט געדויערט, ביז פליגעלמאַן איז געקומען צו זיך. און אַז ער האָט זיך אומגעקוקט, איז די ראָליעט געווען אַראָפּגעלאָזט, און אין דער זייט האָט זיך געזעהן דער רעגנבויגן.

באַנאַכט, לינגדיג אין בעט, האָט ער שטאַרק געביסן די ליפּן און ער האָט נישט געקאָנט געפינען דעם ריכטיגן אויסדרוק פאַר דעם געפיל, וואָס ער האָט איצט געטראָגן אין האַרצן צו דעם מיירל: פאַראַכטונג אָדער כּעס? פינטעלאַך זיינען ווידער געלאָפן, ווי רעמאָלסט אין יענער נאַכט, נאָר איצט זיינען זיי געלאָפן עפּעס גאָר אָהן שום אָרדענונג, האָבן זיך צעטראָגן אין אַלע זייטן, און פאַר די אויגן איז געבליבן נאָר די שוואַרצקייט, און פאַרן שלאָף האָט זיך דאָס בעטל עפּעס געדרייט און גע־קייקלט אין אַ לערן רוים.

אויפגעשטאַנען איז ער מיט דעם געדאַנק, אַז ער ברויך אָנ־צושטריינגען זיין ווילן, אום צו קעמפּען קעגן דעם אומגליק, אַז באַ אַ קלוגן פאַרשטענדיגן מענשן ברויך קיינמאָל דער מוט נישט צו פאַלן, און ריידנדיג מיט לעוואַנטקאָווסקין, האָט ער געזאָגט:

— אַ מענש ברויך צו זיין פאָרזיכטיג. מען מוז זיך שטענדיג אָנגרייטן קרעפטן, כּדי צו זיין גרייט קעגן יעדן אומגעריכטן אומ־גליק, וואָס ערוואַרט אונז אומעטום. איך קאָן זאָגן, אַז ווען נישט, וואָס איך בין שטענדיג פאָרגעברייט קעגן יעדן אומגעריכטן צופאַל, פאַרשטייט איר, לעוואַנטקאָווסקי, וואָלט שלעכט געווען, יאָ שלעכט וואָלט געווען!

## III.

### ווען פלינעלמאַנס אָפּגעשוואַכטע נערוון ווענן זיין ווען התונה האָבן און ווי אַזוי ער איז משוגע געוואָרן

עס זיינען דורכגעגאַנגען צוויי יאָר, און פלינעלמאַנס לעבן האָט זיך ווייניג געענדערט. עס איז נאָר געוואַקסן דאָס ביינקשאַפט אין זיין האַרצן נאָך אַ ווייב, אַ ביינקשאַפט האָט אים אַ סך מאָל זעהר צערודערט, און אין דער לעצטער צייט אויפגערעגט די נערוון און געשטערט צו לעזן. עס האָט זיך געטראָפן, אַז ער האָט פּלוצלינג פאַרגעסן גאָר אַ באַקאַנט וואָרט. פאַר די אויגן

האָט אים אַ סך מאָל געשווינדלט, און אין קאָפּ איז עפּעס אַלץ שיטער געוואָרן און ווי צעשרויפט.

עפּעס האָט זיך אים אָפּטער דערמאָנט זיין קינדהייט. ער האָט געדיינקט דעם פאָטער, אַ קליין, דאַר אידל, וואָס האָט שטענדיג געהוסט. עפּעס אַ קאַלטע נאַכט האָט זיך געדיינקט. דער פאָטער איז אַראָפּגעקראָכן פון בעט מיט אַ הוסט, און אים איז געוואָרן זעהר קאַלט, בלייבנדיג אַליין אויפן געלעגער. ער האָט געדיינקט דעם פאָטערס טויט: ליגנדיג אויף דער ערד, האָט ער אויסגעזעהן אַזוי קליין, אַז ס'האָט זיך געדוכט, ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט און איינגעשלאָפן. די איינציגע עלטערע שוועסטער פליגעלמאַנס האָט שטאַרק געוויינט און געווישט מיט דער שירץ די נאָז. און אַהיים קומענדיג צוריק פון דער לויה, האָבן זיי זיך ביידע געשלאָגן און געריסן איבער אַ האַלבן פּאָמעראַנץ, וואָס איז געבליבן אויפן פענסטער... דערנאָך האָט ער געגעסן טעג... די שוועסטער איז היינט אַ מלמדתע, וויל אַוודאי זיין נאָמען ניט הערן, ווייל ער איז אַן אַפּיקורס. זי האָט אַוודאַי אַ סך קינדער, וואָס גייען אַזוי אָפּגעריסן און פאַרשמאַכט, ווי לעוואַנטקאָווסקיס קינדער, און ער, פליגעלמאַן, געהער זיי אָן אַ פעטער. עפּעס מאָרנע איז דאָס אַלץ אויסגעקומען.

אין נייעם פּאַספּאָרט, וואָס פליגעלמאַן האָט באַקומען איינגעשיקט פון זיין געבורטס־שטעטל, איז ער געשטאַנען איינגעשריבן זעקס און דרייסיג יאָר, און דרייענדיג דעם פּאַספּאָרט אין דער האַנט, האָט ער זיך שטאַרק פאַרטראַכט. אים האָט געשראָקן דער געדאַנק, אַז ער האָט שוין פאַרשפּעטיגט חתונה צו האָבן. ער האָט געגומען זוכן באַקאַנטשאַפט. דאָס אָבער איז אים אָנגעקומען זעהר שווער.

אין דער לעצטער צייט האָט ער זיך באַקאַנט מיט עפּעס אַ מיידל, אַ דאַנטיסטקע. זי איז געווען נישט זעהר שיין, אַביסל אַ דיקע, מיט אַ פול פּנים, נאָר זי האָט הויך געלאַכט, אַזוי אַז עס איז שווער געווען צו הערן, וואָס זי רעדט, און האָט ליב געהאַט אויפצופלעכטן און צוצופלעכטן אַלע ווילע די האָר. פליגעלמאַן האָט אָנגעהויבן אָפט אַריינצוגיין צו איר, און אין האַרצן איז געוואַקסן אַ האָפענונג.

נערערט מיט איר האָט ער שטענדיג וועגן ביכער, שרייבער און פילאָזאָפן. זי איז געזעסן שטיל און האָט אַלץ אויסגעהערט, אויסגעהערט, אין מיטן נאָר פלעגט זי איבערהאַקן:

— איר ווילט טיי?

עס האָט געדויערט אַ גאַנצן חודש. אַמאָל איז זי אַריינגעגאַנגען אין דער ערשטער שטוב ברייננען טיי, פליגעלמאַן איז געבליבן אַליין, ער האָט זיך אומגעקוקט אין דער שטוב און האָט נישט געוואוסט, וואָס ער טוט דאָ. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס שפּיגעלע פון-טיש און האָט עס גערדרייט פאַר זיין פּנים. אין מיטן איז זי אַריינגעקומען מיט טיי.

— איר שפּיגלט אייך אויך? אַבי איר, מאַנסלייט, רעדט אויף אונז פרויען, אַז מיר קאָקעטירן! ערליך, ס'איז אַ געלעכטער.

— יאָ — האָט פליגעלמאַן געצויגן די ווערטער — מיר ווילן אויך געפעלן, ווי דען? איבערהויפּט, איך — אייך.

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגערעדט שטיל מיט נישט קיין זיכער קול, דאָס מיידל האָט נאָר געפרעגט עפּעס ווי פאַרוואונדערט:

— אַזוי? — און איז שטיל געבליבן.

פליגעלמאַן האָט אויך נישט גערערט, עס איז געווען עפּעס זעהר שווער אין שטוב. דאָס מיידל האָט גענעמט אַ בוך, ער האָט לאַנג געקוקט אויפן אויוון.

— וויפיל, צום ביישפּיל, קאָן קאָסטן אַזאַ אויוון? — אַ שיינער אויוון... ער האָט גערערט שטיל און געפילט, אַז ער רעדט נאַריש און האָט אַ הויב געגעבן די אַקסלען.

זי איז לאַנג געזעסן שטיל, דער בוך איז געלעגן אָפן פאַר איר, און זי האָט זיך עפּעס פלוצלינג צעלאַכט.

— לעכערליך... לעכערליך... האָט זי קוים אַרויסגערעדט און אָנגעוויזן מיטן פינגער אויפן בוך, וואָס זי האָט אָבער באַלד צוגעמאַכט. און פליגעלמאַן האָט נישט געוואוסט, צי זי האָט געלאַכט פון אים, אָדער אין בוך איז אַזעלכעס געווען. אין שטוב איז ווייטער געווען שווער און אייננ. עס איז אַריינגעקומען אַ באַקאַנטער. זי האָט גאָר אויפגעלעבט, און פליגעלמאַן איז אַרויסגעגאַנגען און שוין נישט מער אַריינגעגאַנגען צו איר.

די צייט איז געגאַנגען שנעל איר וועג, אַ טאָג נאָך אַ טאָג איז אַוועק. פליגעלמאַן האָט געלעבט זיין איינזאַם לעבן. די נערוון זיינען אַלץ מער אומרוהיג געווען, אין פּאַספּאָרט איז ער שוין געשטאַנען איינגעשריבן אַכט און דרייסיג יאָר...

עס איז אָנגעקומען אַ נאַסער, ווינטיגער אָסיען, וואָס האָט אויף פליגעלמאַנען שלעכט געווירקט. קויפנדיג זיך אַ פּאָר קאַלאָשן, האָט ער פאַרגעסן דעם נומער און האָט געקויפט מיט אַ נומער גרעסער, און גייענדיג אויף דער גאַס, האָט ער אַ מינוט נישט געקאָנט פאַרגעסן זיין טעות: די קאַלאָשן האָבן זיך אַראָפּגערוקט פון די פיס און האָבן שטאַרק דערקוטשעט. ער איז אין דער לעצטער צייט מעהר געגאַנגען איבער דער גאַס אָהן שום ציל און האָט כמעט גאָר נישט געלעזן. דער טראָטואַר אויף דער גאַס איז שטענדיג געווען נאַס, די דראָזשקעס האָבן געשפּריצט מיט בלאָטע: לויות האָבן זיך געצויגן אידישע און קריסטליכע. עפּעס מיירלאַך מיט ביכער אונטערן אָרעם זיינען אַלע ווילע דורכגעגאַנגען, דאָס קלייד אין דער האַנט האַלטנדיג, און די ווייסע ספּאָרניצע איז געווען באַשפּריצט מיט בלאָטע, און זיי האָבן געאיילט, געאיילט. פאַרנאַכט איז עפּעס אַ טרעגער געשטאַנען אויפן טראָטואַר, מיט אַ שטריק אַרומגעגאַרטלט, און האָט זיך געשוואָרן, — אַז ער האָט אַ גאַנצן טאָג קיין גראָשן נישט פאַרדינט... פליגעלמאַן האָט זיך געפילט מיד, אין מוח איז אַלץ אָפּטער שיטער געוואָרן, פאַר די אויגן האָט אַלץ געשווינדלט און איבערן רוקן האָט געבראָכן... ער איז אַריינגעגאַנגען צו אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט אים לאַנג רעווידירט, געפרעגט, צי ער איז אַ באַווייבטער, פליגעלמאַן האָט געלייקנט, געזאָגט „יאָ“. דערנאָך האָט אים זעהר פאַרדראָסן, וואָס ער האָט אַ ליגן געזאָגט.

— איך פיל — האָט ער גערעדט מיט לעוואַנטקאָווסקין — אַז איך ווער אַ פּעסימיסט. אייגנטליך, איז דאָך דער פּעסימיזם דאָס לעצטע וואָרט פון דער פילאָזאָפיע...

ער האָט עפּעס דערמאָנט וועגן שאָפּענהויער, נאָר ער האָט אין מיטן אַ בליק געוואָרפן אויף לעוואַנטקאָווסקין, וואָס איז געזעסן און געמאַכט זיך פּאַמעליך אַ פּאַפּיראָס און האָט זיך

באַמיהט אַלץ מער טאַבאַק אָנצושטופּן. דאָס האָט עפּעס פלי־
געלמאַנען פאַרדראָסן, און נאָך מער דערבייזערט האָט אים, וואָס
לעוואַנטקאָווסקי האָט גאָרנישט באַמערקט, אַז ער האָט זיך אָפּ־
געשטעלט אין מיטן ריידן.

— איר ווייסט וואָס, לעוואַנטקאָווסקי — האָט ער זיך פּלוצ־
לינג אַרויסגעכאַפּט — איר זייט אַ נאַר.

לעוואַנטקאָווסקי האָט נישט באַמערקט, ער האָט רוהיג געצויגן
דעם פּאַפּיראָס און האָט אָנגעמאַכט אַ שטאַרקן רויך. פלי־
געלמאַן האָט אים לאַנג אָנגעקוקט און געזאָגט:

— רייטליך ריידנדיג, וואָס טויג אייך אַזוי פיל קינדער, לעוואַנט־
קאָווסקי? איר זייט לייכטזיניג, כ׳לעבן.

לעוואַנטקאָווסקי האָט געשמייכלט און געזאָגט:

— איך האָב גראָד זעקס, איר — גאָרנישט, איז גוט! לאָז
אייך דוכטן, אַז יעדערער האָט דריי. איז נישט גוט? זאָגט אַליין.

לעוואַנטקאָווסקי האָט געקוואָלן פון זיין ווערטל, ער האָט זיך
צעלאַכט, און פליגעלמאַנען האָט זיין געלעכטער נאָך מער
אויפגערעגט.

— הערט, לעוואַנטקאָווסקי, איר זייט אַ נאַר, אַ נאַר, איך
זאָג אייך, אַ נאַר, הערט, וואָס איך זאָג אייך, אַ נאַר...

פליגעלמאַן האָט דערפילט, אַז ער ווערט אויפגערעגט און
האָט אָפּגעהאַקט, לעוואַנטקאָווסקי האָט געמאַכט זעהר אַ זויערע
מינע, עפּעס האָט אים דאָס אַלץ זעהר פאַרוואונדערט, ער האָט
זיך געזעגנט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטע נאָז און איז אַרויסגעגאַנגען.

פליגעלמאַן איז געבליבן אַליין אין שטוב, ער האָט גענומען
קלערן וועגן פּעסימיזם, נאָר די געדאַנקען האָבן פאַרלוירן זייער
שטייפקייט, און ער האָט פאַרגעסן אַ גאַנצן זאַץ, וואָס ער האָט
אַמאָל געדיינקט אויף אויסנווייניג.

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב און געחזרט פאַר
זיך: „ער איז אַ נאַר, אַ ריינער נאַר... אַ נאַר... אַ נאַר...
אַ נאַר"... און עפּעס האָט זיך געוואָלט דאָס וואָרט אַ סך מאָל
איבערחזרן.

עטליכע טעג האָט ער זיך געפילט שטאַרק צערודערט, באַ־
נאַכט איז ער מיט דעם בעטל געפאַלן עפּעס אין טיפע אָפּגרונטן.

ער האָט שטאַרק געזיפֿצט אין שלאָף. באַטאָג איז אויף דעה גאַס געווען גאָר אַ שלעכט וועטער, פליגעלמאַן האָט געפּרובט זיצן אין דערהיים. אין הויז, וואו ער האָט געוואוינט, איז עמיצעה געשטאָרבן, און אויפן הויף האָט מען שרעקליך געוויינט און נעמאַכט קולות, ביז דער שוואַרצער וואָגן איז געקומען און האָט דעם טויטן אַוועקגעפירט, און אויפן הויף איז שטילער געוואָרן. ער האָט געפּרובט לעזן, נאָר אָפּלייענענדיג אַביסל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געגעניצט און פאַר די אויגן האָט געשווינדלט, ער האָט זיך געלעגט, קוים איז ער איינגעשלאָפן, האָט זיך אים גע־חלומט אַ שלעכטער חלום:

ער האָט געטראָגן אַ לאַנגען, שטייפן טויטן גוף איינגעוויקלט אין אַ שוואַרצער קאָלדרע. די קאָלדרע האָט ער געהאַלטן אין ביידע הענט און איז געגאַנגען איינגעבויגן. געקומען איז ער פון אונטער דער שטאָט און געטראָגן דעם טויטן באַגראָבן. עס איז געווען פינסטער. מיט אים זיינען געגאַנגען צוויי שמשים און האָבן גערערט צווישן זיך. פון שמועס איז ער געוואָר גע־וואָרן, אַז ער טראָגט זיין טויטע שוועסטער. ער איז געווען זעהר מיד. באַ אַ שוועל פון אַ געוועלב האָט ער זיך אויסגעגליטשט, דער טויטער איז אַרויסגעפאַלן און האָט זיך אָנגעשלאָגן מיטן קאָפּ אויף דער שוועל. און פון דער קאָלדרע האָט זיך געהערט אַ געוויין, ווי אַ קינד פּישטשעט. איין שמש האָט געזאָגט:

— טראָגט, פליגעלמאַן, זי איז טויט, דאָס איז נאָר אַ רע־פלעקסיע, טראָגט!

ער האָט ווייטער געטראָגן. דאָס קול איז געוואָרן אַלץ ציטעריגער, און ער איז געווען מיד, זעהר מיד, די שמשים האָבן אים צוגעשטופּט, געקלאַפּט אין די אַקסלען און צוגעאיילט, ער זאָל גיין גיכער. פליגעלמאַן האָט געוואָלט וויינען און האָט מורא געהאַט, אַז דאָס וועט זיין אַ רעפלעקסיע, אַז ער איז טויט... אים איז געוואָרן זעהר שלעכט, און איז זיפצנדיג אויפגעשטאַנען פון שלאָף.

אין קאָפּ, איבערן רוקן האָט זעהר געבראָכן; אין צימער איז געווען אַזוי פינסטער, אַז אַפילו דער פאַרוואָלקנטער הימל האָט אַריינגעשיקט אַ קלאָרן אָפּגלאַנץ, און דער אָפּגלאַנץ איז שרעק־

ליכער געווען פאַר דער פינסטערניש. אויפן הויף האָט אַ קאַץ יאָמערליך געשריען, אויפגעהערט און ווידער אָנגעהויבן, דאָס געשריי האָט געריסן באַם האַרצן, און עס איז ניט מעגליך געווען צו פאַרשטיין, וואָס איר פעלט, וואָס זי קלאָגט זיך אין דער טונקעלער נאַכט אַזוי שפּעט. פליגעלמאַן האָט זיך איינגעוויקלט אין דער קאָלדרע, די קאַץ האָט אַלץ געיאָמערט.

די גאַנצע נאַכט איז ער ניט געשלאָפן. באַטאָג אויף דער לעקציע זיצנדיג, האָט אים דער תּלמיד זעהר אויפגערעגט: ער האָט איבערגעזעצט אָנשטאָט: „די גרינגע לאָמפּן פון אייערע שכנים" — „די לאָמפּ פון אייערע גרינגע שכנים", פליגעלמאַן האָט אים געהייסן פאַרריכטן, און דער שילער האָט איבערגעזעצט: „די לאָמפּן פון אונזערע גרינגע שכנים", ער איז בייז געוואָרן און האָט געכאַפּט דאָס אינגל פאַרן אַקסל, אים געטרייסלט און געשריען ניט מיט זיין קול:

— ג ר י נ ג ע שכנים! ווי קאָן דאָס זיין גרינגע שכנים! ווי קאָן דאָס זיין!

אין מיטן האָט ער זיך דערמאָנט און האָט אָנגעהויבן צו ריידן ווייך:

— נו, זאָג אַליין! איז דאָס מעגליך? ווי?

נאָר דאָס קול זיינס האָט געציטערט, דאָס האַרץ האָט גע־קלאַפּט, ער האָט זעהר שווער געאָטעמט, און דאָס אינגל האָט זיך צעוויינט:

— פאַרשטיי דאָך... פאַרשטיי דאָך, דאָס איז דאָך אוממ־מעגליך... דאָס אינגל האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַריין צו דער מוטער מיט אַ געוויין.

די מוטער איז אַריינגעקומען, און פליגעלמאַן האָט געפילט, אַז ער ברויך איר צו געבן פאַרשטיין, אַז „גרינגע שכנים" איז אוממעגליך, און ער האָט נישט געוואוסט, ווי אַזוי מען טוט דאָס. די מוטער האָט געפרעגט:

— וואָס איז דאָס פאָרגעקומען צווישן אייך?

פליגעלמאַן האָט אַ ווילע נישט געענטפערט, נאָר די מוטער איז אַלץ געשטאַנען און געוואַרט. פליגעלמאַן האָט זיך עפּעס אַרויסגעכאַפּט:

— גאָר נישט. איך בין היינט צערודערט, מיין שוועסטער איז געשטאָרבן...

די מוטער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער שוועסטער, פליגעלמאַן האָט אָנדערצײלט ליגנס, וואָס ער האָט אַליין נישט געוואוסט, פון וואַנען זיי זיינען אים געקומען אין קאָפּ אַריין, און אַרויסגייענדיג האָט ער געחזרט: „איך בין קראַנק, איך בין קראַנק, קראַנק, קראַנק, קראַנק"... און פון דעם איבערחזרן איז אים ווידער לייכטער געוואָרן. אויף די איבעריגע לעקציעס איז ער ניט געגאַנגען. פאַרנאַכט איז ער אַהיים געקומען, אים האָט זיין שטוב זעהר אָפּגעשראָקן, און ער האָט זיך געלעגט אויפן בעטל און איז איינגעשלאָפן.

ער איז אויפגעשטאַנען זיפּציגיג, דערשוויצט, אין שטוב איז געווען פינסטער, דער ווייסער האַנטוך האָט אים אָפּגעשראָקן, ער האָט גיך געכאַפּט דעם פּאַלטאָ אויף זיך, און נישט באַ־מערקנדיג, וואו אַהין ער גייט, איז ער אַריין צו לעוואַנטקאָווסקי.

לעוואַנטקאָווסקי האָט אים שטאַרק געטרייסלט מיט דער האַנט אַזוי, אַז אין מח האָט זיך דערביי געוואָרפן. אַרום האָט זיך געזעהן בעטגעוואַנט, קינדערשע פּנימער. אין איין בעט האָט געזיפצט לעוואַנטקאָווסקיס ווייב, פליגעלמאַן האָט זיך געזעצט אויף אַ שטול און האָט איינגעדרימלט. אין דרימל האָט ער אויף זיך דערפילט לעוואַנטקאָווסקיס האַנט, ער האָט אויפגעעפנט די אויגן, לעוואַנטקאָווסקי, האַלב אויסגעטאָן, האָט אים גע־שמייכלט אין פּנים אַריין, עפּעס געזאָגט, אַז ער איז שכור... פליגעלמאַנען האָט זעהר געאַרט דער שמייכל, און ער האָט געוואָלט זאָגן עפּעס זעהר שטאַרקס, כדי ער זאָל אויפהערן צו שמייכלען.

— איך גיי צו דער ווייסל... האָט ער קוים אַרויסגערעדט.

— גייט שלאָפן, ס'איז קאַלט...

פליגעלמאַן האָט דערפילט, אַז אים איז קאַלט, אין שטוב האָט זיך געזעהן אַ פּאַרע, לעוואַנטקאָווסקי האָט געשמייכלט, און פליגעלמאַן איז אַרויסגעגאַנגען.

ער איז דורכגעגאַנגען אַ סך גאַסן און האָט נאָר באַמערקט, אַז ער רוקט זיך אָפּ פון איין לאַמטערן צו דער אַנדערער, אַז זיין

שאָטן װערט קירצער און װאַקסט װידער אַרױס... אויף איין גאַס האָט אים אָפּגעשטעלט עפּעס אַ מיידל, זי האָט געשמייכלט און גערדרייט מיטן קאָפּ לוסטיג, און אַז ער איז אַװעקגעגאַנגען האָט זיך געהערט אַ פוילער הוסט, װאָס האָט לאַנג געציטערט אין דער לופט... און דאָס אַלץ איז שװער געװען צו פאַרשטיין.

אָפּגעשטעלט האָט ער זיך אויף דער בריק פון דער װייסל און האָט זיך אומגעקוקט. אַ פּאָליציאַנט האָט אים נאָכגעקוקט. „איך האָב אַ פּאַספּאָרט“, האָט ער זיך געטראַכט און געהאַלטן די האַנט פאַרן בוזעם.

אויף דער בריק איז ער געשטאַנען לאַנג. פון דערזייטנס האָבן זיך געזעהן צװיי שורות לאַמטערנעס, װאָס האָבן געפּילדעט אַ פייערדיגע דלת. אין װאַסער האָבן זיך געװיגט זייערע שבֿ־אַלן, אויפן הימל האָבן זיך גערירט פאַרשיירענע שטיקער װאָלקנס, שװאַרצע און העלערע. זיי האָבן זיך עפּעס װי גערדרייט, און איין עק דאָרטן זיך אויסגעמישט מיטן װאַסער. אויף דער בריק איז מען דורכגעפאָרן, און אַלץ אַרום האָט געציטערט... די פינסטערניש פון דערװייטנס איז אַלץ נעהענטער געװאָרן, די װאָלקנס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, און פאַר די אויגן האָט זיך גערידערט, גערידערט אָהן אַן אויפהער...

פליגעלמאַן האָט דערפילט, אַז זיין גאַנצער קערפּער שאָקלט זיך, און האָט זיך משער געװען, אַז ער האָט זיך אַריינגעװאָרפן אין װאַסער, נאָר דאָס שאָקלען האָט לאַנג גערױערט, עס האָט זיך געהערט אַ געקלאַפּ פון רעדער אויף אַ האַרטן בריק. עפּעס האָט מען גערעדט צו אים אויף רוסיש, און ער האָט נישט פאַרשטאַנען.

ער איז איינגעשלאָפן אין פּאָליציי־צירקל, אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געפילט, אַז ער ליגט אין װאַסער; איבער די אויגן האָט זיך געצויגן, געצויגן אַ בלויליכער שטראָם, און אים איז געװען לייכט און גרינג, נאָר אונטערן קאָפּ האָט װיי געטאָן. און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער איז געפאַלן אויף אַ שטיין.

אין דערפריה, אַז דער פּאָליציאַנט האָט אים מיט געװאַלד אויפגעשטעלט אויף די פיס, האָט ער זיך בשום אופן נישט געקאָנט

דערמאָנען, וואָס ער טוט דאָ, און ער האָט געקוקט מיט אויס־געגלאָצטע אויגן אַרום זיך, נאָר אַז ער האָט פאַר זיך דערזעהן אַ פּאָר שליפעס מיט אַ שווערד און האָט דערהערט אַ שטריינג קול, האָט עפּעס אַ געראַנק אויפגעבליצט אין זיין קאָפּ. ער האָט אַריינגעשטעקט פּאַמעליך די האַנט אין דער בוזעם־טאַש און געדערט:

— איך האָב די ערע אונטערטעניגליך צו בעטן... בּאַגראָבּט מיך. איך האָב אַ פּאַספּאָרט, אָט!_

# א קורסיסטקע

## I

צווישן יעדן קרייז מענשן געפינען זיך שטענדיג אַזעלכע פּער־זאָנען, וואָס פאַרדינען אַ הסכּמה פון אַלע צוגלייך. וואָס זיינען אומעטום באַריםט, פון אַלע געליבט, וועלכע מען דערמאָנט נאָר צום גוטן, און קיין שלעכטס, רוכט זיך, שיקט זיך נישט פין זיי צו ריידן. אַזאַ מין פּערזאָן איז געווען צווישן אירע חברטעס־קורסיסטקעס ליובאַ איסאַקאָוונאַ פּידלער.

„כאַראָשי טשורני טשעלאָוויעק" — האָט זיך אָנגעהויבן און געענדיגט יעדעס געשפּרעך וועגן איר.

שטענדיג אַביסל מעלאַנכאָליש געשטימט, וואָס מען האָט גע־קאָנט דערקענען אין אירע בּיינקענדיגע אויגן און אומעטיגן קירצן שמייכל, איז זי דאָך געווען שטענדיג הייטער, גרייט צו אינטערע־סירן זיך מיט פרעמדע זאָרגן. זעלטן אָבער האָט זי זיך געקלאָגט פאַר עמיצן. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז זי איז איין גליקליכע צווישן אירע חברטעס, די פאַרוואָגלטע נשמות, וואָס פירן געוויינליך אַ לעבן פול אומצופרידנקייט, לאַנגווייליגקייט און נויט.

אַליין איז זי געווען אַ מיידל פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציג, אַ הויך־געוואַקסענע שאַטינקע מיט אַ שלאַנקער, רירעוודיגער פיגור, מיט אַ ווייך, אַביסל לייגליך, נאָר זעהר איידל געזיכט און מיט אומעטיגע קלאָרע אויגן. עפּעס אויסטערלישעס שיינס איז שווער געווען אין איר צו געפינען. זי איז געווען איינע פון יענע פרויען, וואָס גילטן נישט פאַר שיינע, ווי לאַנג אַ קינסטלעריש אויג, אָדער גלאַט אַ פאַרליבטער בּליק אַנטפּלעקט נישט וייער הארמאָניע און שיינקייט. אין פאַרלויף פון די לעצטע צוויי יאָר, וואָס זי האָט שטודירט אין וואַרשע אויף אַקושאָרקע־פעלדשערין,

האָט קיינער זיך אין איר נישט פאַרליבט, קיינער האָט זי נישט געריסט פאַר אַ שיינע. און זי אַליין האָט אויך אויפגעהערט צו גלויבן, אַז זי איז שיין און קאָן געפעלן.

מיט עטליכע יאָר צוריק, ווען זי איז געווען אין גימנאַזיע אין איר געבורטס־שטאָט אין דרום־רוסלאַנד, האָט מען זי געהאַלטן פאַר אַ שיינע. זי האָט ליב געהאַט זיך שיין צו קליידן, און קיין שום זאַך האָט איר נישט געקאָנט פאַרשאַפן אַזוי פיל פאַרגעניגן, ווי אַ נייע ווייסע בלוזע, ווען זי איז שיין און גוט געלעגן אויף איר. זי איז געווינט געווען צו פאַרליבטע בליקן, צו לאַסקעס און צו זיין די ערשטע אומעטום. נאָר דאָס איז געווען אַמאָל. איצט איז זי אַן אַנדערע, געפעלט נאָר פאַר עפעס אַנדערש און נאָר אויף אַן אַנדער אופן.

געלעבט האָט זיך איר נישט בעסער פאַר אירע חברטעס, אויב נאָך נישט ערגער און אומעטיגער. זי האָט באַקומען פון דערהיים אַריינגעשיקט צוואַנציג רובל אַ חודש, וועלכע האָבן קוים גע־קלעקט אויף צו וואוינען, צוזאַמען מיט נאָך אַ קורסיסטקע, אין אַ בוידעם־צימער אויפן פערטן שטאָק און צו דערנערן זיך אַזוי פיל, אום נישט צו ליידן קיין הונגער. נאָר אויך די צוואַנציג רובל זיינען נישט שטענדיג געקומען צו דער צייט. זי האָט געוואוסט, אַז אירע עלטערן קומט נישט אָן לייכט אָפּצושפּאָרן דאָס געלט, און האָט דערפון אינערליך זעהר פיל געליטן. דאָס לעבן אירס איז דורכגעגאַנגען אין לערנען די לעקציעס, אין אַרבעט אין שפּיטאָל, אין לעזן, מערסטנטיילס אומלעגאַלע בראָשורן. אין דערהיים האָט אויף איר געוואַרט דאָס איינגע צימער מיטן פענסטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויפן דאַך, מיט די קרומע ווענט; טיי, וואָס זי האָט געקאָכט אויף דער מאַשינקע, און איר ליבע חברטע קראַטאָווא, אַ רוסין פון מאָסקווער גובערניע, אַ פּאָפּס אַ טאָכטער. דאָס איז געווען אַ געזונט, פעסט־געבויט, שיין און גוטמוטיג באַשעפעניש, מיט שמייכלדיגע אויגן און שעמעוו־דיגע, געלאַסענע באַוועגונגען, אַ שווייגנדיגע און אַ רוהיגע. צו פירלער האָט זי געפילט אַ שטאַרקע סימפּאַטיע, נאָר אויך דאָס געפיל האָט זי געקאָנט אויסדריקן מער מיט אַ געלעכטער און אַ שטומער באַוועגונג, איידער מיט ווערטער.

עס האָט געטראָפן, אַז די ביידע קורסיסטקעס זיינען געזעסן אין צימער, ווען דער קורצער ווינטער־טאָג האָט שוין געהאַלטן באַם עק. אַ טונקלקייט האָט אָנגעפילט דאָס איינגע צימער, און אין די ווינקלאַך איז שוין געווען אינגאַנצן פינסטער. קיין געלט אויף נאַפט איז ניט געווען. ביידע האָבן שטיל געוואַרט אויף אַ באַקאַנטן, וואָס זאָל קומען און באָרגן קליין־געלט. פ י ר ל ע ר איז געזעסן נעבן פענסטער, אָנגעשטאַרט די אויגן און געלעזן אַ בוך. ק ר אַ ט אָ וו אַ האָט גענומען גלעטן אירע האָר, פאַרפלעכטן זיי און צעפלעכטן, און האָט זיך דערלויבט צו לאַכן הויך אויפן קול, וואָס באַ דער העלער ליכט פון טאָג האָט זי זיך עפּעס ווי געשעמט צו טון. פ י ר ל ע ר האָט אַלץ געלעזן, און איר בליק האָט זיך געראַנגלט מיט דער טונקלקייט, וואָס איז געוואָרן געדיכטער און געדיכטער.

— גענוג שוין דיר צו לעזן. דו מאַכסט דיר קאַליע די אויגן, — האָט ק ר אַ ט אָ וו אַ געזאָגט, און אין דער טונקלקייט האָט זיך געזעהן דאָס ברייטע געלעכטער און די מילדקייט, וואָס זיינען געווען אויסגעגאָסן אויף איר פּנים.

פ י ר ל ע ר איז אויפגעשטאַנען, געבראַכט די האָר אין אָרדענונג און גענומען אַ פלאַש אין דער האַנט צו ברייגגען נאַפט. די חברטעס האָבן זיך אָנגעקוקט מיט אַ שטומען שמייכל.

— ווי מיינסטו? דער קרעמער וועט געבן אויף באָרג? איך וועל פּרובירן.

— דער הונט וועט ניט געבן, — האָט ק ר אַ ט אָ וו אַ זי אָפּגעערדט. גיי נישט בחנם, זעץ זיך ליבער.

די חברטעס זיינען געבליבן אין דער פינסטער און האָבן געשמועסט פאַרטרויליך. פ י ר ל ע ר האָט פאַנטאַזירט וועגן איר צוקונפט. איר האַרציגע שטים האָט איצט געקלונגען נאָך באַזונדער ווייך:

— אַז איך וועל ענדיגן, וועל איך אַריינטרעטן אין דינסט באַ דער זעמסטווע, וועל וואוינען אין דאָרף; איך וועל היילן, וועל נוצליך זיין אויף יעדן טריט, וועל פירן פּראָפּאַגאַנדאַ. דאָס וועט זיין אַן עכט לעבן, נשמה מיינע; נישט אַזוי ווי דאָ, וואו מען קאָן שטאַרבן פאַר לאַנגווייליגקייט.

— און חתונה האָבן װעסט דו נישט? — האָט קראַטאָװאַ געפּרעגט שטיל.

פּירלער האָט זיך פאַרטראַכט און געענטפערט:

— פאַרװאָס נישט חתונה האָבן? אויב עס װעט זיך טרעפן אַ מענש לויט מיין האַרץ און װעט װעלן אַרבעטן צוזאַמען אין דאָרף, — פאַרװאָס נישט? איבעריננס, װעל איך קיינמאָל נישט חתונה האָבן. איך בין דאָך נישט קיין שיינע. מיך װעט קיינער נישט ליב קריגן, און אָהן ליבע װיל איך נישט חתונה האָבן, קיינמאָל נישט.

—ניין, דו ביסט אַ שיינע, אויף מיין ערליך װאָרט — אַ שיינע...

— דו ליגסט, שעלמאַ! — האָט זיך פּירלער אָנגערופן מיט אַ געלעכטער. ביידע האָבן זיך הויך צעלאַכט.

אַזעלכע געשפּרעכן האָבן זיך געקאָנט לאַנג פאַרציהען, ביז עס איז געקומען װער פון די באַקאַנטע און האָט געבאַרגט קליין־געלט. אין צימער איז געװאָרן ליכטיג, און די חברטעס איז עס פאַרגעקומען, װי זיי װאָלטן דורכגעלעבט עפּעס אַ חלום, און האָבן זיך אָנגעקוקט איינע די אַנדערע מיט אַ שמייכל.

עס איז געװאָרן טיי, באַלד זיינען געקומען נאָך באַקאַנטע, מען האָט גערעדט, געשפּאַרט זיך, געלאַכט, געזונגען לידער און גערוישט און געלאַרעמט. נאָר אַ מאָדנע זאַך, פּירלער, די געליבטע פון אַלע, האָט װייניג מיטגעלאַרעמט און האָט זיך געהאַלטן אַביסל פון דער װייטן. צו די רייד האָט זי זיך צוגעהערט, נאָר אַליין האָט זי זיך נישט געקאָנט שפּאַרן. װאונדערליך און פאַרדראָסיג איז איר געװען, װען זי האָט געהערט רייד אַזוי שנעל און לייכט װענן רעם אַלעם, װאָס האָט זי טיף אינטערעסירט און פאַר װעלכע זי האָט געהאַט אַזוי װייניג װערטער.

„איך בין קיין העלדין נישט — האָט זי פיל מאָל געטראַכט פאַר זיך — איך װייס װייניג, האָב װייניג קרעפטן, װייניג פאַרשטאַנד. נאָר איך װעל טון אַלץ, װאָס איך קאָן: ענדיגן און אַרבעטן אין דאָרף“.

באַלד איז איר אויסגעקומען איבערציינן זיך, אַז זי איז קיין העלדין נישט.

## II

אַמאָל איז פירלער אַהיים געקומען שפּעט בײַנאַכט פון טעאַטער זעהר לוסטיג און אויפגערעגט. זי האָט געטראָפן זיצן איהר חברטע, אײַנגעהילט אין אַ טוך, מיט פאַרשלאָפענע אויגן, ציטערנדיג פאַר קעלט. פירלער האָט אַרויסגערײַט די לאָמפּ, אויפגעלאָזט זיך דעם פּאַס פון דער טאַליע און האָט גענומען דערציילן מיט בײַגײַסטערונג װעגן דער אָפּער. איר איז אַ שאָד געװען צעשײַרן זיך פון דעם לוסטיגן געמיט, װאָס זי האָט מיטגעבראַכט פון טעאַטער. אין אירע אויערן האָבן געקלונגען די טענער, אין קאָפּ האָבן זיך נאָך געטראָגן הערליכע פאַרביגע בילדער, און דאָ, אין צימער, איז געװען אַזוי טרויעריג, אַזוי טונקל, אַזוי לאַנגװײליג!

— און איך האָב מיך הײַנט באַקענט מיט אַ יונגנמאַן אין טעאַטער — האָט זי דערציילט איר פאַרשלאָפענע חברטע — אַ מאָרנער עפּעס, אַ בורזשוי מיט אַ גאָלדענעם זײַגער און אַ פּראַנט, זאָג איך דיר, און אַ ריצער! ער האָט מיר אָפּגעטראָטן זײַן אָרט און געמאַכט מיר קאָמפּלימענטן, אַך, װי לעבעדיק דאָס איז געװען! באַטיסטיני האָט אַזוי געטליך געזונגען, און איך בין מיר געזעסן װי אַ פּריצה, און דער ריצער איז זיך געשטאַנען אין אַ װינקעלע.

איר האָט זיך געװאָלט נאָך ריידן און דערציילן, נאָר קראַטאָװאַ איז געװען שלעפעריג. פירלער איז אַנטשװיגן געװאָרן און האָט זיך פאַרטראַכט.

עפּעס דורך אַ װאונדערליכן צוזאַמענהאַנג האָט זי זיך דערמאָנט אָן די אַמאָליגע יאָרן, װען זי איז געװען אַ גימנאַזיסטקע, פרײליך האָבן געפלאַקערט און געקנאַקט די שטאָלקאַרצן, דער אָרקעסטער האָט געשפּילט; װי זי האָט זיך געגליטשט און װי פרײליך איר איז דערבײַ געװען, און װי הויך זי האָט געלאַכט, און װי מען האָט איר שטילערהייט אײַנגערוימט קאָמפּלימענטן אין אויער... און נאָך פיל, פיל אַנדערע זאַכן האָבן זיך געטראָגן אין איר אויפגערעגטן קאָפּ.

באַלד זיינען די חברטעס געלעגן אין בעט, וואו זיי זיינען צו־זאַמען געשלאָפן:

— ווייסט, מאַריאַ? — האָט פידלער געוועקט איר חבר־טע — ער איז דאָך אַן אינטעליגענט, אַ דאָקטאָר.

זי האָט זיך גראָד דערמאָנט, אַז פאַרן אַרויסגיין האָט ער איר זיך פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען דאָקטאָר ווײַנשטײַן.

— וועד דען? — האָט קראַטאָוואַ געפרעגט פאַרשלאָפן.

— נו, דער ריצער, וואָס האָט מיר אָפּגעטראָגן זיין אָרט. דו שלאָפסט?

— יאָ, ליבע, מיר ווילט זיך שלאָפן.

אַ דראָזשקע איז דורכגעפאָרן אויף דער גאַס, די שויבן פון די פענצטער האָבן געציטערט. עפּעס האָט מען געקלונגען אין טויער. שאַ! טריט האָבן זיך געהערט... צי קומט מען דאָס ניט אויף אַ רעוויזיע און מען וועט זי אַרעסטירן? —

„וואָס פאַר געדאַנקען מיר קריכן עפּעס היינט אין קאָפּ!“ — האָט זי זיך געבייזערט אויף זיך.

דער טעאַטער פלעגט זי געוויינליך אויפרעגן. דאָס איז געווען דאָס אומגעוויינליכע, דאָס יום־טובדיגע אין איר לעבן. נאָר היינט איז דערצו צוגעקומען נאָך אַ נייער געפיל: דער יונגערמאַן, די קאָמפּלימענטן, דאָס, וואָס זי איז אַזוי געפעלן...

נאָך אויפן אַנדערן טאָג האָט זי זיך געפילט נישט וואָכעדיג, ניט ווי געוויינליך.

נאָר מאָלע וואָס פאַר אַ חלום עס פליהט נישט דורך אין אַן איינזאַם לעבן און פאַרשווינדט ניך, ווי אַ בליץ! פידלער וואָלט שוין געהאַט פאַרגעסן אָן דער גאַנצער געשיכטע. צופעליג אָבער, גייענדיג אַמאָל נאָך מיטאָג דורך דער גאַס מיט אירע ניכע טריט, האָט זי באַמערקט דעמזעלבן „פראַנט און ריצער“, דעם ד״ר ווײַנשטײַן. אַ מאַן פון אַ יאָר עטליכע און דרייסיג איז דאָס געווען, מיט אַן אינטעליגענט, אַביסל מאַט פּנים, מיט בלאָנדע ריקע וואָנצעס, אויף ביידע זייטן אויף זיין פּנים, באַם מויל, זיינען געלעגן צוויי טיפע קנייטשן און קליינע קנייטשלאַך האָבן

זיך אויך געזעהן אַרום די גרויסע קלאָרע אויגן. געגאַנגען איז ער פּאַמעליך, קענטיג, ער האָט שפּאַצירט. זיי האָבן זיך ביידע זיי אומגערן אָפּגעשטעלט און געשמייכלט. ער איז צופרידן געווען זי צו טרעפן, האָט זי געפרעגט, וואו זי גייט, און באַקומענדיג אַן ענטפער, אַז זי גייט אַהיים, האָט ער זי באַלייט.

— נאָר איילט אייך נישט. איך האָב נישט ליב צו לויפן, — האָט ער געזאָגט.

ווי אַלע יונגע מענשן, האָט אויך פּירלער געהאַט פיל צו פרעגן; ד״ר ווײַנשטיין האָט גערן געענטפערט אויף אַלע אירע פראַגעס. זי איז געוואָר געוואָרן פון זיינע רייד, אַז ער איז אַ זון פון זעהר רייכע עלטערן, וואָס וואוינען אויף דער פּראָווינץ אין אַ שטעטל אין קאָוונער גובערניע; אַז ער אַליין האָט לאַנג געלעבט אין אויסלאַנד, געענדיגט דאָרט אַלס ד״ר מעדיצין; אַז מיט מעדיצין באַשעפטיגט ער זיך ניט און אַז ער לעבט דערווייל „אַזוי״ אין וואַרשע. דאָס וואָרט „אַזוי״ האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ האַלבן שמייכל, אין וועלכן עס איז געלעגן עפּעס אַן אַרט אירָאָניע פון זיך אַליין. פּירלער האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט און האָט געפרעגט:

— וואָס זשע טוט איר דאָ?

— שווער צו זאָגן. גאָרנישט.

— גאָרנישט?

— גאָרנישט. — האָט ער געענטפערט מיט רעמזעלבן שמייכל—צי וואונדערט דאָס אייך? איך בין רייך, איך מיין צו זאָגן: איך האָב רייכע עלטערן. די נויט טרייבט מיך נישט אַרבעטן, קיין אינערליכער פאַרלאַנג — אויך נישט. איך בין אַ בורזשוי, — האָט ער זיך געוויצלט.

— נאָר דאָס, דוכט זיך, מוז זיין לאַנגווײַליג, נישט וואָר?

— אַביסל לאַנגווײַליג.

אַז זיי זיינען צוגעקומען פאַר איר טויער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, עפּעס געטראַכט און געזאָגט:

— ווייסט איר וואָס — איך וואָלט מיך געוואָלט מיט אייך עפּטער באַגעגענען.

— צו וואָס? — האָט זי געפרעגט אַביסל נייגעריג, אַביסל קאָקעט, קוקנדיג אים גלייך אין פּנים אַרײַן מיט איר אָפענעם אומעטיגן בליק.

— כאָטש צוליב לאַנגווײַליגקייט. נײַן, אין אמתן — האָט ער געזאָגט מיט אַן ערנסטן טאָן — איך בין דאָ, אין וואַרשע, נאָר פּרעמד, כמעט וואָס איך האָב נישט קיין איינציגן באַקאַנטן אינטעליגענטן מענשן, און מיר וואָלט זעהר אַנגענעם געווען צו טרעפן זיך מיט אייך.

ווײַנשטײַן האָט, טראָץ זײַן „אומבאַגאַבטער נאַטור“ (ער האָט זיך אַליין אַזוי אָנגערופן און געהאַלטן זיך פאַר אַ מענשן, וואָס לעבט אויף דער וועלט אָהן שום נוצן פאַר אַנדערע און אָהן פאַרגעניגן פאַר זיך), געהאַט איין גרויסע מעלה, וואָס האָט אים צייטנווייז געמאַכט זעהר סימפּאַטיש. ער איז פיל מאָל — ווען ער האָט דאָס געוואָלט — געווען ערנסט, קינדיש ערנסט, און אָפּנהאַרציג. דעמאָלט איז זײַן טאָן געוואָרן אַנדערש, אָהן איראָניע, און דער אויסדרוק פון זײַן פּנים — אַן אַנדערער. די לעצטע ווערטער האָט ער גערעדט מיט דעם ערנסטן טאָן, און פּירלערן איז עס מיט איין מאָל געפעלן געוואָרן.

— מעגליך, — האָט זי געענטפערט — אויב איר ווילט, קומט אַרויף צו מיר. נאָר, באמת, איך ווייס נישט, צי וועט אייך מײַן קוואַרטיר געפעלן. איר זייט דאָך אַ בורזשוי...

— נו, רעדט נישט קיין נאַרישקייטן.

נאָר בײַ איר אין שטוב האָט זיך דער געשפּרעך נישט געקלעפּט. ער האָט דערציילט פון זײַן סטודענטיש לעבן אין אויסלאַנד, געמאַכט זיך לוסטיג פון דער איינגשאַפט און טונקלקייט פון צימער (ער האָט געפונען, אַז די קרומע ווענט זײַנען אינטערעסאַנטער, ווײַל זיי זײַנען רייכער אין ליניען און ווינקלען). נאָר די וויצן זײַנען נישט געווען אויפן אָרט, און ווי נאָר קראַטאָוואַ איז אָנגעקומען האָט ער זיך געזעגנט און אַרויסגעגאַנגען.

— ווייסט — האָט פּירלער דערציילט קראַטאָוואַן — דאָס איז דאָך דער זעלבער דאָקטאָר, מיט וועמען איך האָב מיך באַקענט אין טעאַטער, זעהר אַ אינטערעסאַנטער, אַ געבילדעטער

— אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער?

— ניין. ער איז, דוכט זיך, גאָרנישט, נאָר פּאָרט אַ אינטער־רעסאַנטער. ער לאַנגווײַלינט זיך און זוכט באַקאַנטשאַפט מיט אינטעליגענטע מענשן. וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט?

— צי נאָר נישט קיין שפּיאָן?

— רייר נישט. דו קענסט דאָך אים נישט.

און פ י ד ל ע ר האָט אָפּגעהאַקט דעם געשפּרעך.

און אין עטליכע טעג אַרום האָט זי באַקומען אַרײַנגעשיקט אַ בילעט אין טעאַטער מיט אַ בריוול פון ר״ר ו ו י י נ ש ט י י ן, וואו ער האָט זי אין קורצע ווערטער געבעטן קומען אָוונטס אין טעאַטער אויף וואַגנערס אַן אָפּער. זי האָט אים שוין באַגעגנט, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן.

— איר זייט זעהר אַ ליבליכער, — האָט זי געזאָגט אַביסל איראָניש, — מיר האָט זיך זעהר געוואָלט גיין אויף וואַגנער, שרעקליך, ווי איך האָב אים ליב! און דעם אמת זאָגנדיג, האָב איך ניט געהאַט קיין געלט. אָט האָט איר געראַטעוועט. אַ דאַנק!

פון דעם גאַנצן מאָנאָלאָג איז דאָס לעצטע וואָרט „אַ דאַנק״ געזאָגט געוואָרן אַזוי נאַטירליך און פריי, אַז זיי האָבן זיך ביידע געפילט גוט דערבײַ.

וואָס פאַר אַ פרייליכער אָוונט דאָס איז געווען! געוויינליך האָט זי אין טעאַטער געהאַט אַ פּלאַץ אויף די אויבערשטע בײַנק, וואו זי האָט געמוזט אַ גאַנצע צייט שטיין און היטן דאָס גלייכ־געוויכט פון קערפּער, זי זאָל נישט פאַלן. אין אַזאַ פּאָזע האָט זי צום ערשטן מאָל באַמערקט ר״ר ו ו י י נ ש ט י י ן. זי איז גע־שטאַנען אויף אַ באַנק, אָנהאַלטנדיג זיך פאַר אַ סלופּ, און איר געבויגענע שלאַנקע פיגור האָט געהאַט גאָר אַ באַזונדערן רייץ. איצט איז זי געזעסן קעגן דער סצענע, פריי, אומגעשטערט. אויסער דעם איז איר ו ו י י נ ש ט י י ן איצט פאָרגעקומען נאָך ליבליכער ווי פריהער. ער איז געזעסן רוהיג, עפּעס אַן ערנסט איז געווען אויף זיין פּנים, און זי האָט דערין צום ערשטן מאָל באַמערקט אַ טיפן אַלטן אומעט, אַן אומעט, וואָס איז צוזאַמענגעוואַקסן מיט דעם מענשן אַזוי, אַז ס׳דוכט זיך, דער האָט גאָרנישט אַנדערש געקאָנט באַשאַפן ווערן ווי נאָר מיט אים.

פון טעאַטער זיינען זיי נאָך געגאַנגען אין אַ קאַפע. פידלער איז געווען, ווי געוויינליך נאָכן טעאַטער, לוסטיג־אויפגערעגט, און דאָ איז נאָך געווען אַזוי פיל ליכטיגקייט, אַזוי פיל גלאַנץ...

„ווי אַנגענעם דאָס איז צו האָבן געלט"! — האָט זי געטראַכט. אירע אויגן האָבן העל געפינקעלט, איר לייכטער, רירעווידיגער קערפער האָט אויסגעזעהן נאָך פרישער, נאָך גראַציעזער. זי האָט באַמערקט, ווי פון אַלע זייטן ווענדן זיך בליקן אויף איר... ד"ר וויינשטיין, פאַרקערט, איז געזעסן מיט אַ מאַטן בליק, עפעס ווי מיד.

— איר ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ ספערע דאָס איז, וואו איך בין אויפגעוואַקסן און לעב — האָט ער פלוצלינג אָנגעהויבן צו ריידן, אַשטייגער, ווי ער וואָלט זיך וועלן פאַרענטפערן פאַר איר, פאַרוואָס ער איז אַזוי טרויעריג און מאַט. — אונזער אידישע בורזשואַזיע — דאָס איז דאָס ערגסטע, וואָס מען קאָן זיך פאָרשטעלן: גראָב, פאַרדאָרבן, גאָטלויז, אָהן געשמאַק, אָהן סטיל, אָהן טראַדיציעס, אָהן צוקונפט... איין איינציגער אינטערעס, איין איינציגע לעבנס־פאָרם איז פאַראַן — געלט. שטעלט אייך פאָר: איך האָב פאַרבראַכט אַכט יאָר אין אויסלאַנד, געלעבט זעלבסטשטענדיג, צוגעקוקט זיך צום אַרומיגן לעבן, שטודירט, געלעזן, געטראַכט, זיך אַנטוויקלט, מיט איין וואָרט, איך האָב געשטרעבט צו ווערן דאָס, וואָס מען רופט אַ קולטורעלער מענש. איצט ווייזט זיך אויס, אַז דאָס איז נישט קיין מעלה, נאָר אַ חסרון. וואָס איך האָב אַ דיפלאָם צו היילן קראַנקע, — דאָס פאַרשטייט זיך, געפעלט די מייניגע זעהר, כאָטש קיין שום פראַקטישע נוצן נישט פאַר מיר, נישט פאַר אַנדערע, קאָן איך פון מיין דיפלאָם נישט האָבן. נאָר מיין פילאָזאָפיע קאָנען זיי נישט ליידן און קוקן אויף מיר, ווי אויף אַ שלימזול, אַ נישט־געראָטענעם. זיי געפינען פאַר מיר נאָר איין רעטונג: חתונה צו האָבן. דאָס איז לעכערליך, נאָר מיר פאַרשאַפט עס עגמת נפש אָהן אויפהער. אַלע מומעס מיינע האַלטן עס זיך פאַר אַ חוב מיך צו באַגליקן און זוכן פאַר מיר כלות. מען לאָזט מיך פאַקטיש נישט צורוה. דאָס איז מיר אַזוי איבערדריסיג געוואָרן, אַז איך האָב אויפגעהערט צו פאַרקערן מיט זיי, און עס איז אַרויס אַ סקאַנדאַל. דער טאַטע

איז בײַז, די מאַמע שרײַבט װײנענדיקע בריװ, די מומעס האָבן אָנגעהױבן צו קומען צו מיר... מיר איז איצט נישט געבליבן קײן אַנדערע עצה, דוכט זיך, װי װידער צו פֿאָרן קײן אױסלאַנד.

ער האָט געענדיקט זײַן לאַנגען מאָנאָלאָג און האָט געקוקט אױף איר מיט אַ פֿרעגנדיקן אױסדרוק. קענטיק, האָט ער אַלײן נישט פֿאַרשטאַנען, צו װאָס אײגנטליך ער דערצײלט איר דאָס אַלץ.

— װײניק גליקלעכע מענטשן זײַנען פֿאַראַן אױף דער װעלט — האָט פֿידלער אָפּגעזיפֿצט, און זי איז אױך צופֿרידן געװען, װאָס ער האָט געענדיקט, — איך בין מקנא די מענטשן, װאָס גיבן זיך איבער עפּעס אַ ציל און פֿאַרגעסן אָן זיך. זײ איז גוט, זײ האָבן נישט קײן זאָרג, קלערן נישט װעגן זיך, און — אַ סוף.

ד״ר װײַנשטײן האָט באַלד געענדערט דעם אומאַנגענעמען טעם געשפּרעך. און זײ האָבן נאָך אַ צײַט לאַנג געפּלױדערט װעגן טעאַטער, װעגן װאַרשע און אַנדערע לײַכטע זאַכן. זעהר שפּעט שױן האָט ער זי אָפּגעפֿירט אַהײם, און בײַם געזעגענען איר פֿעסט געדריקט די האַנט.

— איר פֿאָרט באַלד קײן אױסלאַנד? — האָט זי געפֿרעגט.

— נאָך נישט אַזױ גיך, — האָט ער געענטפֿערט. און אַ ליבליכער גוטער שמײכל האָט באַדעקט זײַן טרױעריק מאַט פּנים.

---

## III

פֿאַרליבט אין װײַנשטײנען איז זי נישט — דאָס האָט פֿידלער געװאוסט אױף זיכער. פֿונדעסטװעגן האָט זי גאַנץ גערן געהאַט מיט אים זיך זעהן און צוהערן זיך צו זײַנע רײד. אין דער לעצטער צײַט פּלעגט זי אַפֿילו אַרױפֿקומען צו אים אױף זײַן װאױנונג. אמת, זי האָט זיך לאַנג געװערט קעגן דעם: „װאָס אײגנטליך האָב איך מיט אים געמײנזאַמעס? — האָט זי געטראַכט — צו װאָס נאָך גײן צו אים אַהײם? נײן, דאָס דאַרף

איך נישט טון!" ער האָט זי אָבער עטליכע מאָל געבעטן װעגן דעם, און זי האָט אים נישט געװאָלט באַלײדיגן (זי האָט בכלל מורא געהאַט, װען נאָר זי האָט גערעדט מיט אים, זי זאָל אים עפּעס נישט באַלײדיגן מיט אַ װאָרט)...

— נײן, דאָס האָב איך מיר נישט פֿאָרגעשטעלט. אַן עמאַנ־ציפּירט פֿרײלין זאָל זיך רעכענען מיט אַזעלכע נאַרישקײטן! װאָס? איר האָט מורא צו קומען צו מיר אַהײם! — האָט ער געזאָגט מיט זײַן געװײנליכן גוטן, נאָר קאַלטן שמײכל, און זי האָט אים נישט געהאַט, װאָס צו ענטפֿערן אויף דעם.

אַמאָל, נאָך מיטאָג, האָבן זיך אָן דער טיר פֿון װײנשטײנס װאוינונג געהערט צװײ שטילע קלעפּ, ער איז אויפֿגעשטאַנען און געעפֿנט די טיר. פּ י ד ל ע ר איז אַרײַנגעקומען. װ ײ נ ש ט י י ן האָט איר פֿעסט געדריקט די האַנט, און זײַן פּנים האָט אויס־געדריקט אַזױ פֿיל צופֿרידנקײט, אַז פּ י ד ל ע ר האָט עס באַ־מערקט און געשמײכלט.

— לויט די קלעפּ אָן דער טיר האָב איך דערקענט, אַז דאָס זײַט איר: אַזעלכע שטילע נישט־אַנטשלאָסענע קלעפּ... האָט ער געזאָגט מיט אַ געלעכטער.

— און איך, הער װ ײ נ ש ט י י ן, בין געקומען נאָר אויף אַ מינוט. איך װיל נעמען באַ אײַך עפּעס צו לעזן, — האָט זי געזאָגט.

— נו, אויף אַ מינוט, אויף אַ מינוט... זעצט אײַך דערװײַל.

זי האָט באמת געהאַט אין זין נישט לאַנג צו בלײַבן באַ אים. זי האָט נישט געװאוסט, װאָס זי זאָל מיט אים רײדן און בכלל, װי צו פֿאַרהאַלטן זיך צו אים, און האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז ס'װעט זײַן אומהײמיש, װי דעמאָלט, װען ער איז געזעסן באַ איר. זי האָט אָבער געהאַט אַ טעות. פֿאַרקערט: זי האָט זיך געפֿילט זײער גוט און פֿרײַ אין דעם גרויסן, ליכטיגן, מיט געשמאַק מעבלירטן צימער (װ ײ נ ש ט י י ן האָט באַװאוינט אַ קאַבינעט און אַ שלאָפֿצימער). ער אַלײן האָט אויך אין דערהײם אויס־געזעהן פֿרישער און יונגער. ער איז געװען אָנגעטאָן אין אַ געװײנליכער אַרבעטס־קורטקע. די האָר זײַנע זײַנען געװען אַביסל

נישט אין אָרדענונג, אַזוי פיל נישט אין אָרדענונג, וויפיל דאָס פּאַסט פאַר אַ באַשעפטיגטן מענשן. אויפן טיש זיינען געלעגן ביכער אין עטליכע שפּראַכן, טייל אויפגעשניטענע, טייל נאָך נישט נעריירט; אילוסטראַציעס, זשורנאַלן, בילדער. ער האָט איר דאָס אַלץ געוויזן און דערקלערט, און זי האָט געזאָגט: „זעהר אינטע־רעסאַנט, זעהר אינטערעסאַנט". און איז צופרידן געווען, וואָס זי האָט נישט קיין טעות געהאַט אין אים, וואָס ער איז טאַקע אַן אינטעליגענט.

— דאָס האָט איר אויך! זעה נאַר! — האָט זי געזאָגט, אָנווייזנדיג אויף אַ ווינשטול, וואָס איז געשטאַנען אין צימער, און האָט זיך דאָרט געזעצט.

— אַן אַנטיק, גרויסאַרטיג! — האָט זי געזאָגט, שאָקלענדיג זיך פאַמעליך מיט דעם שטול. דאָס איז איר געפעלן, און זי האָט זיך געפרייט דערמיט, ווי אַ קינד. ער איז געשטאַנען נעבן איר און איז געווען אַנטציקט פון דעם ליבליכן יונגען באַשעפעניש, פאַר וועמען אין לעבן איז נאָך געווען אַזוי פיל פאַרגעניגן, אַזוי פיל זאַכן, וואָס קאָנען לוסטיג מאַכן.

נאָר פּלוצלינג, ווי זי וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט, איז זי אויפגעשטאַנען און האָט געמאַכט אַן ערנסט געזיכט. איר האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט זיך שוין צופיל דערלויבט: „וואָס אייגנטליך טו איך דאָ באַ אים?" — האָט זי זיך געפרעגט און האָט נישט געפונען קיין ענטפער:

— נו, צייט צו גיין, בלייבט געזונט — האָט זי געזאָגט, און ער האָט זי נישט געפּרובט אויפצוהאַלטן. אין דעם אויסדרוק פון איר פּנים און אין ערנסטן טאָן איז געלעגן עפּעס ניט גינסטיגס פאַר אים.

— נו, בלייבט געזונט. זעהט, איך האַלט אייך נישט אויף. נאָר איר מוזט צוזאָגן ווידער צו קומען. איר וועט קומען?

— מיר וועלן זעהן, — האָט זי געענטפערט קאַלט.

— ניין. זאָגט צו, איר וועט קומען.

ווידער האָט פידלער מורא געהאַט, זי זאָל אים נישט באַליידיגן און האָט צוגעזאָגט.

און אין די באַזוכן בײַ אים זײַנען געווען פיל פרײַע גוטע מינוטן; עס זײַנען אָבער אויך געווען לאַנגווײַליגע שווערע מאָמענטן, ווען דער שמועס האָט זיך נישט געקלעפּט, און צווישן זיי האָט זיך גע־פילט דער גאַנצער אָפּגרונט פון אַנטוויקלונג, עלטער און שטאַנד, וואָס איז געלעגן צווישן זיי.

איינמאָל איז איר געווען גאָר לוסטיג בײַ אים. זי איז געזעסן אויף דעם ווינשטול און זיך געוויגט, און ער האָט דערציילט זעהר אַ לעכערליכע געשיכטע:

— איך האָב דאָ אַ שוועגערן, דאָס איז די געבילדעטע אין אונזער משפּחה. און אין אמתן: זי איז אַמאָל געווען אויף קורסן, פאַרשטאַנען עטליכע שפּראַכן און זיך אינטערעסירט מיט פיל זאַכן. וואָס איצט איז געוואָרן פון איר, דאָס איז אַן אַנדערע פראַגע. סיי ווי סיי האָט זי פּרעטענזיעס אויף בילדונג און איז דערצו אַ שיינע פרוי. בקיצור: די גאַנצע האָפענונג האָט מען אַרויפגעלעגט אויף איר. זי מוז מיך מאַכן פאַר אַ מענשן, און אַ מענש מאַכן הייסט: שאַפן מיר אַ כּלה מיט אַ גרויסן נדן.

— אײַך שרעקנט מען דאָך שדוכים, — האָט פירלער געלאַכט, אין שטוב איז גראָד געווען וואַרעם און באַקוועם, פון דרויסן האָט אַרײַנגעקוקט די ווינטערדיגע זון, און איר איז גאָר פרײַליך געווען אויפן האַרצן.

— טאָ הערט און לאַכט נישט. פאַר עטליכע טעג זאָגט זי מיר מיט גאָר אַן ערנסטער מינע, איך זאָל צו מאָרגנס באַנאַכט קומען צו איר אויף טיי. „קום אין סורדוט"— האָט זי מיר אײַנ־געררימט שטיל אין אויער — „עס וועלן זײַן געסט". פאַרשטייט זיך, איך בין געקומען — אָט אין דער זעלבער קורטקע, און שטעלט אײַך פאָר אַ סצענע: בײַם טיש זײַנען געזעסן אַן עלטערע פרוי און אַ מיידל, קענטיג, איר טאָכטער, מײַן צוקינפטיגע כּלה, הייסט עס, און מײַן שוועגערן סאָניע. די לעצטע, דערזעהענדיג מיך אַזוי געקליידעט, איז אַביסל צעמישט געוואָרן. זי איז אָבער אַ געשיקטע פרוי, אַ כוואַט, זי האָט זיך געפּרובט צו פאַרגלעטן די געשיכטע. „מיר האָבן דיך גאָרנישט ערוואַרט הײַנט", האָט זי געזאָגט צו מיר און געווענדט זיך צום מיידל אויף פראַנצויזיש און מיך פאָרגעשטעלט. דאָס אָרימע באַשעפעניש איז רויט געוואָרן

ביז איבער די אויערן, און איך, שטעלט אייך פאָר, האָב אָנגעהויבן אַ געשפּרעך — אויף אידיש! איר וואָלט געזעהן, וואָס פאַר אַ שרעקליכן בליק מיין שוועגערן האָט אויף מיר געוואָרפן. איך האָב מורא, איר וועט זיך מער נישט גלוסטן צו שרכענען מיר שידוכים.

— גייט, איר זייט אַ בייזער, — האָט פּידלער געזאָגט און דערביי אַזוי הויך געלאַכט, אַז זי האָט איר שטים נישט דערקענט.

זי איז היינט געווען גאָר באַזונדער ליבליך, פריש, קינדיש־לוסטיג. דער באַזונדערער רייץ פון איר פיגור, וואָס איז ווייג־שטיינען אַזוי געפאַלן אין די אויגן, ווען ער האָט זי געזעהן דאָס ערשטע מאָל אין טעאַטער, האָט צונעצווינגען, גערופן זי אַרומצונעמען און צו ליבקאָזן...

— לאָזט, איך וועל אייך ווינן, — האָט ער געזאָגט און גע־נומען שאָקלען דעם שטול.

נאָר דאָס איז געווען צופיל, איבערגעכאַפּט די מאָס. זי האָט אים שטרייננ אָנגעקוקט, און אין אירע אויגן איז שוין מער נישט געווען דער אָפּגלאַנץ פון קינדערשער לוסטיגקייט. ווידער האָט ער געפונען אין איר בליק דאָס נישט־גינסטיגע פאַר אים. באַלד איז זי אויפגעשטאַנען, געזעגנט זיך מיט אים קאַלט און אַוועקגעגאַנגען.

אין איר קאָפּ איז געווען אַ מישמאַש פון געפילן און גע־דאַנקען. פריהער פאַר אַלץ האָט זי זיך נישט געקאָנט פאַרענט־פערן די פראַגע: צו וואָס, צו וועלכן צוועק און וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס, וואָס זי גייט אַרויף צו אים. ער איז נישט אירס גלייכן און לאַכט אפשר גאָר פון איר. און ווען זי האָט אַזוי געקלערט און דערמאָנט זיך אָן זיין מאַט פּנים און קאַלטן שמייכל, אַ שמייכל פון אַ מענשן, וואָס האָט שוין געגאָסן אויף דער וועלט פון ליבע און גליק, האָט זי געפילט, ווי עפּעס אַ האַס דערוואַכט אין איר האַרץ צו אים, צו זיין קאַלטן שמייכל.

„ער איז אויך נישט שיין“, — האָט זי געדעריט צו זיך, פּונקט ווי זי וואָלט זיך דערמיט וועלן נוקם זיין אין דעם מענשן, וואָס קאָן קאַלט שמייכלען איבער געפילן, וועלכע האָבן נישט איינמאָל

באַפאַלן איר יונגע ברוסט ווי אַ שטורעם און פאַרכאַפּט איר דעם אָטעם.

נאָר דאָס איינגע צימערל אין דערהיים איז געוואָרן נאָך איינגער, נאָך לאַנגווייליגער, און די האַרציגע פריינטשאַפט מיט איר חברטע קראַטאָוואַ — עפּעס שוואַכער. אין דעם צימער איז, אויסער זיי ביידע, געווען דער נישט אויסגעזאָגטער סוד, פידלערס אומרוהיגער געוויסן.

— דו וואָלסט געקאָנט חתונה האָבן מיט אַ מענשן, וואָס דו האָסט נישט ליב? — האָט זי אַמאָל געפרעגט גלאַט אַזוי איר חברטע.

— וואָס רעדסט דו, נאַר! ווער וואָלט דען געקאָנט?

— און איך וואָלט אויך נישט געקאָנט, — האָט פידלער געזאָגט שטיל, ווי מיט דעם איינענעם האַרץ ריידנדיג, און אין אַ ווײַלע אַרום ווײַטער געפרעגט:

— ווי מיינסט דו: מען קאָן ליב האָבן אַ מאַנספּאַרשוין, וואָס האָט שוין פיל, פיל מאָל ליב געהאַט, וואָס האָט שוין געהאַט פיל פרויען?

— טפוי! דאָס איז מיאוס! — האָט קראַטאָוואַ געענטפערט.

— מיר געפעלן אויך נישט אַזעלכע, — האָט פידלער געזאָגט און זיך פאַרטראַכט, דערמאָנענדיג זיך ווײַנשטיינס געזיכט מיט אַלע קלייניגקייטן.

ר״ר ווײַנשטיין האָט אין דעם זעלבן טאָג, ווען זי איז געזעסן באַ אים, און ער האָט איר דערציילט די געשיכטע מיט דעם שדוך, געשריבן זיין פריינט אין בערלין אַ לאַנגען בריוו. מיט דעם ראָזיגן פריינט, אַ קריינקליכער אָרימער אידישער מאָלער, האָט זיך ווײַנשטיין געפילט גאַנץ נאָהענט. ער האָט אים געשריבן פיל פון זיין לאַגע און דערמאָנט אויך וועגן פידלער:

„פאַר לאַנגווייליגקייט — האָט ער געשריבן — האָב איך מיך דאָ באַקענט מיט אַ קורסיסטקע, אַ אידיש מיידל, אַ רעוואָלוציאָנערין. אַ ליבליך באַשעפעניש: גראַציעז, קלוג און וואָרהאַפטיג ביז נאָר. דער עיקר — יונג, יונג. אַלץ קומט באַ איר גוט אַרויס, אַפילו ווען זי רעדט שאַבלאָנע פראַזן. זי ענדינט דאָ די פעלד־

שערסקע קורסן און װיל פאָרן אין דאָרף צו הײלן רוסישע פּויערים און צו מאַכן זײ פאַר רעװאָלוציאָנערן. אַז איך לאַך פון איר, בײזערט זי זיך, רעדט פיל נאַרישקײטן און איז דערבײ ליבליך, װי דו קאָנסט דיר נאָר פאָרשטעלן".

„האָב נישט קײן טעות: פאַרליבט בין איך נישט; נאָר דאָס איז װאָר: אויב שוין יאָ חתונה צו האָבן, װאָלט איך פון רוסיש־אידישע בורזשואַזע ספערן קײן מײדל נישט גענומען. איך קוק טײלמאָל אויף איר און טראַכט: אויב האָבן אַ קינד, נאָר פון אַזעלכער".

„און דאָך, צי גלויבסט דו מיר — פאַראַן מינוטן, װען איך קוק אויף איר און װער איבערגעשראָקן: איך פיל מיך, װי אַ חיה, װאָס באַפאַלט צו רויבן. איך װײס נישט, װי מען זאָגט עס דיר, נאָר איך בין שוין אַלט פיר און דרײסיג יאָר, דאָס האַרץ איז קאַלט, און דאָ איז אַ יונג פריש מײדל, מיט איר גאַנצן יוגנטליכן גלויבן, מיט אירע אַלע האָפענונגען. דאָס אַלץ קאָן מיר געהערן, װײל... װײל איך בין רײך. נידעריג, נאַריש, אומטענשליך— נישט װאָר"?

„נו, װאָלט זי מיך כאָטש געליבט, איז עפּעס אַנדערש. נאָר ליבן ליבט זי מיך נישט. דאָס פיל איך אין אירע רײד, אין איר בליק. און — אפשר האָב איך אַ טעות"?

„װאָס קאָן אַ צעבראָכענער אידישער בורזשוי, װי איך, האָבן מער װי ספקות"!

„איבעריגנס — אַלטע לידער. און פּ י ר ל ע ר — דאָס איז איר נאָמען — איז אַ ליבליך שײן באַשעפעניש. איך בײנק יעצט נאָך איר"...

---

## IV.

— דערצײל קײן מעשיות נישט, אַלעקסאַנדער. איך װײס, איך װײס, װאָס דאָס הײסט, „איך װיל נישט חתונה האָבן". װאָס איז דאָ צו באַהאַלטן? זאָג מיר, איך בעט דיך: װען װעל איך

האָבן די ערע צו באַקענען זיך מיט רײנער?... נײן, אין אמתן, דו װעסט מיך מיט איר באַקענען?

אַזױ האָט גערערט מאַראַם סאָניע, ד״ר אַלעקסאַנדער װײנשטײנס שװעגערן, אַ שײנע, נאָך יונגע דאַמע, אַ ברונעטקע מיט העל־בלישטשענדיגע אויגן און מיט אַ טיפּיש אידיש געזיכט. כאָטש זי איז געזעסן באַ זיך אין דערהײם, און אין צימער איז קײנער נישט געװען, אויסער איר שװאָגער, איז זי פּאָרט געװען אָנגעטאָן מיט געשמאַק און מיט אַביסל קאָקעטעריי. די בלוזע איז געװען גענוג אויסגעשניטן, אויפן האַלז האָט זי געטראָגן אַ שמאָלן רויטן באַנד, פון די אויערן האָבן געפינקעלט בריליאַנטן, און אויף די פינגער האָבן געבלישטשעט עטליכע פינגערלאַך. זי האָט אָפט געשמייכלט, אַראָפּגעלאָזט די אונטערשטע ליפּ און געװיזן אירע געזונטע װײסע צײן.

— װאָס פעלט סאָניען אײן? װער האָט דאָס געזאָגט? — האָט ד״ר װײנשטײן פּראָטעסטירט.

— איך בעט דיך, אַלעקסאַנדער, מאַך נישט חוזק פון מיר. איך בין דאָך דיר נישט קײן פרעמדע. איך װיל קענען מײן צוקינפ־טיגע שװעגערן. װאָס? דו שעמסט דיך, אָדער האָסט מורא, מען זאָל דיר נישט שטערן? נײן! דו מוזט מיך מיט איר באַקענען. דו מוזט! דו מוזט!

זי האָט צװײ מאָל געקלאַפּט אויפן טיש מיט איר קלײנער האַנט, האָט געשמײכלט און געװיזן אירע צײן.

ד״ר װ ײ נ ש ט ײ ן האָט נישט געענטפערט, ער האָט געקוקט אויף איר קלײנער פולער האַנט און געפרעגט:

— אַ! ס אָ נ י ע האָט אַ נײ פינגערל? װײז נאָר.

זי איז געװען מיט אים אויף דו. ער אָבער האָט זי זעלטן נאָר גערוצט און גערערט געװײנליך נישט אויף דו, נישט אויף איר.

זי האָט דערנעהענטערט צו אים די האַנט און האָט אויסגע־שטרעקט איר רונדן, שײן־אויסגעפילטן װײבערישן פינגער, פון װעלכן עס האָט אַראָפּגעפינקעלט אַ העלער שטײן.

— פּונקט װי אַ פרעמדער פּאַרהאַלסט דו דיך צו אונז. װײסט נישט, אַז יעפים (איר מאַן) האָט געװאונען דעם סור מיט פּרשעפּ־יורקע, זיבן טויזנט אַכט הונדערט רובל מיט קאָסטן. דאָס האָט

ער מיר צוגעזאָגט צו קויפן, אויב ער וועט געווינען. דיך אינטערעד־סירט גאָרנישט, וואָס באַ אונז אין הויז טוט זיך. אַ שיינער ברודער!

— זעהסט דאָך, איך אינטערעסיר מיך — האָט ער זיך געוויצלט, אַרויפרוקנדיג איר צוריק אויפן פינגער דאָס נייע פינ־גערל — אָט האָב איך באַמערקט באַ סאָניען אַ ניי פינגערל. וויפיל פינגערלאַך האָסט דו שוין? לאָז נאָר ציילן, דוכט זיך, אין גיכן וועט זיין מער פינגערלאַך, ווי פינגער.

— הער אויף, אַלעקסאַנדער. איך וויים, דו ביסט אַ געבוי־רענער סאָציאַליסט, און „דיינע" איז אויך אַ סאָציאַליסטין. איך וויים אַלץ, אַלץ!

— צו וואָס זשע פרעגן, אויב מען ווייסט אַלץ? — האָט ו ו י י נ־ש ט י י ן באַמערקט אין אַ בייזן טאָן.

זי האָט פלוצלינג אָנגעהויבן צו לאַכן קאָקעטיש.

— אַרויסגעקראָכן מיטן כעס! — האָט זי געפערט — דו מיינסט: ס'זיינען פאַראַן סודות. אַלע ווייסן דאָס שוין, און וואו איך גיי און שטיי, פרעגט מען מיך אַלץ דעריבער.

ד"ר ו ו י י נ ש ט י י ן האָט זיך נאָר געוואונדערט. ער האָט לגמרי נישט געהאַט קיין באַקאַנטע הייזער אין וואַרשע און האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פון וואַנען עס נעמען זיך די נעריי־דערייען וועגן אים.

— ווער זיינען דאָס די „אַלע"? — האָט ער געפערט הויך און שטרייננ — און ווער האָט דאָס דיר דערציילט אַזאַ געשיכטע? ווער זאָרגט דאָס פאַר מיר? דוכט זיך, איך קען דאָ קיינעם נישט, אויסער דיך און מיין ברודער.

— מאַלע וואָס דו קענסט נישט. ד י ך קען מען, — האָט ס אָ נ י ע געענטפערט אויך מיט אַן ערנסטן טאָן, און זי האָט אים אָנגערופן עטליכע הייזער, וואו מען האָט פון אים געפערט און וואו מען האָט איר געזאָגט, ווי אַ געוויסע זאַך, אַז ער, ד"ר ו ו י י נ ש ט י י ן, האָט אַ כלה. ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן גענוג, פון וואַנען זי ווייסט דאָס מיט אַזאַ געניקייט, ווי זי זעהט אויס, אַז זי איז אַ קורסיסטקע, אַ רעוואָלוציאָנערין. זי האָט אַפילו געוואוסט די טעג, ווען זי איז מיט אים געווען אין

פילהאַרמאָניע, ווען אין טעאַטער, ווי און וואו ער איז געגאַנגען מיט איר.

— נו, נו! — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ — איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז איך בין דאָ אַזוי פּאָפּולער. דאָס מוז מען מורה זיין: שפּיאָנעווען שפּיאָנעוועט מען דאָ אויסגעצייכנט, איך וואָלט מיר דאָס נישט פאָרגעשטעלט.

עס איז געוואָרן אַ ווײַלע שטיל. סאָניע האָט אויף אים געקוקט מיט אַ שעלמישן שמייכל, ווי זי וואָלט זאָגן: „מורה געווען האָסטו זיך שוין, באַלד וועסטו די רעשט דערציילן".

— ניין, שווערערן, — האָט ר״ר ווײַנשטיין זיך אָנגערופן — גלויב נישט אָן די רײַדערייען. איך האָב נישט קיין כלה. און וואָס אָנבאַלאַנגט יענער פּערזאָן, איז זי באמת זעהר אַ סימפּאַטיש מיידל, מיינע אַ נוטע באַקאַנטע, און מיר איז אינטערעסאַנט מיט איר צו ריידן.

— דו ליגנסט, אַלעקסאַנדער! — האָט זי אים געגראָזעט מיט איר שיינעם פינגער, — דו ליגנסט! זעה!

— מיין ערליך וואָרט, דאָ איז קיין שום ערנסט נישט דאָ. נאָר ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם ערליך וואָרט, וואָס ער האָט געגעבן. קיין ערנסט נישט? האָט ער זיך געפרעגט. ער האָט זיך עפּעס פאַרטראַכט און געקנייטשט דעם שטערן.

אים איז געקומען אַזאַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין: ער האָט געוואוסט, אַז פידלער קוועלט זיך אין געלט. נאָר ער האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט, איר פאָרצולייגן געלט, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויף וואָס פאַר אַן אופן ער זאָל דאָס נישט טון, וועט זי זיך באַליידיגן. זי האָט אים נאָר אַמאָל געזאָגט, אַז זי זוכט לעקציעס, און אַט האָט ער איצט געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט און פרעגן סאָניען וועגן אַ לעקציע.

— איבעריגנס, — האָט ער געזאָגט, — אויב סאָניע וויל, קאָן זי זיך מיט איר באַקענען. דאָס דאָזיגע מיידל זוכט לעקציעס. אפשר ווייסט דו?

— אָט זעהסט דו, דאָס איז אמת גוט — האָט זיך סאָניע דערפרייט, — איך האָב געוואָלט צונעמען אַ לערערן אויף רוסיש פאַר מיין באָריסן...

„דו האָסט ביז אַהער גאָרנישט געוואָלט" — האָט ד״ר ווײַנשטײַן געטראַכט, נאָר ער האָט דאָס נישט געזאָגט.

אין שטוב איז אַרײַנגעקומען יעפּים, ד״ר ווײַנשטײַנס ברודער. דאָס איז געווען אַ הויך־געוואַקסענער און פולער מאַן פון אַ יאָר פערציג, מיט קלײנע אויגן אונטער אַ פּאָר גאָלדענע ברילן און מיט אַ האַלב־קאַלן קאָפּ. ער איז געווען ראַזירט, נאָר דעם סאַמען שפּיץ פון דער געמבע האָט ער געלאָזט באַוואַקסן מיט נידעריגע האָר. געווים האָט אים פאַרשאַפט אַ פאַרגעניגן צו בערשטן מיט די האָר זײַנע פינגער, בשעת דער קאָפּ זײַנער איז געווען אָנגעשטרײַנגט. ער איז אַרײַנגעקומען, ווי געוויינליך, שטרערהייט, אומבאַמערקט, נישט באַגריסט קײנעם, געזעצט זיך בײַם טיש און גענומען לעזן אַ צײַטונג. די צײַטונג איז פאַר אים געווען אַן אַרט אָפּרוען פון זײַנע געשעפטן, פון די געדאַנקען וועגן קויפן, פאַרקויפן, וועקסלען, טערמינען און שפּעקולאַציעס, וואָס האָבן זיך נישט אויפגעהערט צו דרייען אין זײַן קאָפּ גאָר אָהן זײַן וויסן.

— ווילסט עסן? — האָט סאָניע געפרעגט.

— נאָך נישט, — האָט ער געענטפערט שטיל. ער האָט אַוועקגעלעגט די צײַטונג, און קענטיג, ערשט איצט באַמערקט זײַן ברודער.

— אויב דו וועסט פאָרן קיין אויסלאַנד, זאָג מיר. איך וועל דיר שאַפן אַ פּאַס ביליג. איך האָב באַקאַנטשאַפט, — האָט ער זיך געווענדט צו אַלעקסאַנדערן.

— ער פאָרט נאָך נישט אַזוי גיך, — האָט ס אָ נ י ע געזאָגט און שמײכלענדיג געקוקט אויף איר שוואָגער.

י ע פּ י ם האָט גאָרנישט געענטפערט און צוריקגענומען די צײַטונג. נאָר ס אָ נ י ע האָט אים אַרויסגענומען די צײַטונג פון דער האַנט און געזאָגט:

— ער קומט אויף אַ מינוט אַהיים, קאָן ער זיך נישט נעמען קיין צײַט צו ריידן אַ וואָרט.

י ע פּ י ם האָט שוין דערקענט אין איר טאָן, אַז זי האָט עפּעס צו בעטן, און האָט זיך צוגעגרייט דערצו. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַרײַנגעלאָזט די פינגער אין די שטעכעדיגע האָר פון

דער באַוואַקסענער געמבע און געפרעגט מיט אַ לאַכעריגער מינע:
— וואָס ווילסט דו, נשמה מיינע?
— איך וויל, דו זאָלסט ריידן מיט מיר, — האָט זי געזאָגט מיט אַ פּישטשעריג קול — איך וויל צונעמען אַ לערערן אויף רוסיש פאַר באָריסן.
— נו, וואו איז ער דען? ער שלאָפט שוין?
סאָניע איז אַריינגעגאַנגען אין דער צווייטער שטוב, און אין אַ מינוט אַרום איז זי צוריקגעקומען, פירנדיג פאַר דער האַנט באָריסן, אַ זיבן־יאָריגן שיינעם בלאָנדן יונג מיט פולע באַקן און אַ געשווירענעם קאָפּ, האַלב שוין אויסגעטאָן. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער מוטערס האַנט און זעהר דערפרייט, וואָס מען האָט אים באַפרייט נאָך נישט צו גיין שלאָפן, איז ער צוגעגאַנגען מיט דרייסטע טריט צו זיין פאָטער און געקושט אים די האַנט.
— דאָברי וויעטשאָר — האָט ער געזאָגט אויף פּויליש. אין הויז האָט מען, זינט די קינדער זיינען אויפגעוואַקסן, גערעדט צייטנווייז, אויסער דער רוסישער, אויך די פּוילישע שפּראַך.
דער פאָטער האָט אים גענומען אויפן שויס און געגלעט אים דעם קאָפּ:
— דערציייל עפּעס, באָריס, ווי גייט עס?
— גוט, — האָט דער קליינער געזאָגט מיט אַ פּראַקטישן טאָן און געשאָקלט מיטן קאָפּ, — פרייַלין האָט מיר היינט געגעבן אַ פּיר.
— מיר ווילן דיר נעמען אַ נייע לערערן אויף רוסיש — ווילסט? — האָט סאָניע געזאָגט.
— איך וויל. נאָר זאָל די מאַמע אַזוי גוט זיין איר זאָגן, זי זאָל מיר נישט אויפגעבן קיין גרויסע לעקציעס. איך האָב נישט קיין צייט, — האָט דער קליינער געזאָגט מיט דעם זעלבן פּראַקטישן טאָן.
אַלע האָבן געלאַכט, אויסער באָריסן, וואָס האָט נאָר פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געזאָגט עפּעס קלוגס, און האָט נישט געוואוסט, וואָס מען לאַכט.

מען האָט גענגרייט צום טיש. אין טיר האָט זיך באַוויזן די גובערנאַנטקע, אַן אַלט רייטשעס פריילין מיט אַ בלאַס וועלק געזיכט, און האָט גערופן:

— באָריס, שלאָפן!

נאָר באָריסן האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן די געזעל־שאַפט. אַלעקסאַנדער האָט זיך אָנגענומען פאַר אים:

— נו, לאָזט אים, — האָט ער געזאָגט — אַ וואוילער יונג, ער וועט אויפוואַקסן אַ לייט, אַ טיכטיגער סוחר אָדער אַן אַדוואָקאַט; אויף יערן פאַל — נישט קיין פילאָזאָף.

סאָניע האָט אים גענומען צו זיך, און מען האָט גענומען עסן. באָריס האָט זיך באַלד אָנגעלענט מיטן קאָפּ אויף איר ברוסט, די אויגן זיינען אים צוגעפאַלן, ער האָט מער נישט געקאָנט ווידערשטיין דעם שלאָף, און איז אויך באַלד איינגע־שלאָפן. די מוטער האָט אים געהאַלטן אויף זיך, איינגעקוקט זיך אין זיין שלאָפנדיג געזיכט, און אויף איר פּנים איז געלעגן אַ גליקליכער צופרידענער אויסדרוק פון אַ מוטער־געפיל. זי איז איצט געווען סימפּאַטישער, שענער און וואָרהאַפטיגער, און אַלעקסאַנדער האָט אין איר דערקענט די אַמאָליגע סאָניע, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל געזעהן, ווען זי האָט באַלד נאָך דער חתונה שפּאַצירט מיט איר מאַן אין אויסלאַנד, און וואָס האָט אויף אים רעמאָלט געמאַכט אַזאַ ליבליכן איינדרוק.

אַזאַ קינד צו האָבן, עס זאָל אָט אַזוי איינשלאָפן אויף דער מוטערס ברוסט, וואָלט נישט געשאַדט — האָט ער געטראַכט, און האָט זיך דערמאָנט זיינע ווערטער אין בריוו צו זיין פריינט: „אויב האָבן אַ קינד, נאָר פון איר".

— זאָל דאָס פריילין קומען? — האָט ער געפרעגט סאָניען.

— געוויס, געוויס, — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז ער שוין געווען אויף דער גאַס. עס איז געווען אַ ליטערע, פראָסטיגע ווינטער־נאַכט קעגן ניין. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַרויסגייענדיג פון טויער, און זיך אומגעקוקט: וואו גייט מען?

ער איז געווען געוויינט שפּעט צו גיין שלאָפן. אַהיים גיין איצט אויף זיין איינזאַמער וואוינונג און לעזן האָט זיך אים נישט

געגלוסט, אין טעאַטער איז שוין געווען צו שפּעט. ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט דער מאַסע מענשן, וואָס האָט זיך נאָך באַוועגט אויף דער גאַס, ווי גוט וואָלט דאָס געווען, אַז ער וואָלט זי איצט צופעליג געטראָפן אויף דער גאַס! נאָר ער האָט זי נישט געטראָפן. ער האָט זיך נאָך אַרומגעשלעפּט אַ שעה צוויי, אַריינגעגאַנגען אין אַ קאַפע און אַהיים געגאַנגען שלאָפן מיט אַן אומצופרידענעם געמיט.

„צו וואָס האָט דאָס געהערט צו שאַפן איר די לעקציע באַ דער שוועגערן? — האָט ער געטראַכט — זי דאַרף איינגטליך קיין לעקציע נישט און טוט דאָס נאָר צוליב איר נייגירינקייט. פידלער וואָלט זיך געווים געפילט טיף באַליידיגט, ווען זי זאָל וויסן, אַז איך פיר זי אַריין צו וויזן זי״...

„שטענדיג אַזוי, — האָט ער ווייטער געטראַכט — קיינמאָל קאָן איך נישט געפינען קיין גלייכן וועג, שטענדיגע קליינליכקייטן, שטענדיגע האַלבקייטן, אָהן קראַפט, אָהן מוט... נידעריג, מאוס!״

אַזעלכע און ענליכע געדאַנקען האָט אים אײַנגערויסט זיין איינזאַמקייט. און אַרויפוואַרפנדיג די גאַנצע שולד פאַר זיין צעבראָכנקייט אויף זיין אידישער אָפּשטאַמונג, האָט ער זיך, ווי געווינליך, באַרוהיגט:

— אַ נידעריגע ראַסע! — האָט ער געזידלט.

צו מאָרגנס, באַלד אין דערפריה, האָט ער אַוועקגעשיקט אַ צעטל צו פידלער, וואו ער האָט זי אָנגערופן צום ערשטן מאָל „ליבע ליובאַ״, נישט ווי ביז אַהער „זעהר געערטע פידלער״.

„זייט אַזוי גוט און גייט אַריין אויף מאַרשאַלקאָווסקע נומ׳... דאָרט איז פאַר אייך אַ לעקציע. זעהט איר, איך פאַרגעס אָן אייך נישט? קומט אומבאַדינגט. איך בײַנק נאָך אייך. אייער

ד״ר א. וויינשטיין.

און אין עטליכע טעג אַרום איז פידלער געגאַנגען פּינקטליך יעדן טאָג איינס דעם זייגער צו די וויינשטיינס אויף איר שט.נדע, און אַרויסגייענדיג פון צימער, וואו זי האָט געלערנט מיט דעם קליינעם באָריסן, האָט זי געווײנליך געטראָפן ד״ר וויינשטיינען, וואָס האָט אויף איר געוואַרט.

# V

פּירלער האָט דעם גאַנצן ווינטער געלעבט צווישן צוויי וועלטן. פון איין זייט זיינען געווען: אירע חברטעס, איר גרופּע, אירע לעקציעס, דער שפּיטאָל, דער איינגער צימער; פון דער צווייטער זייט ד״ר ווײַנשטיין, זיין שוועגערן, דער קליינער באָריס, טעאַטער און קאַפעען; אויף איין זייט איז געלעגן איר קלאָרער ציל: ענדיגן און באַזעצן זיך אין דאָרף; אויף דער אַנדערער זייט — אַ טונקעלע ערוואַרטונג. צווישן די צוויי וועלטן איז קיין האַרמאָניע נישט געווען און האָט נישט געקאָנט זיין, און קיין אויסוועג האָט זי אויך נישט געפונען. זי האָט שטיל געליטן און איז געווען אומרוהיג.

„בעסער שוין גאָרנישט טראַכטן״ — האָט זי באַשלאָסן, נאָר די געדאַנקען האָבן זיך געטראָגן אין קאָפּ אָהן איר וויסן, קעגן איר ווילן.

זי האָט געפילט, אַז דורכגייענדיג עטליכע גאַסן און אַריינקומענדיג צו די ווײַנשטיינס, ווערט זי אַן אַנדערע, — רעדט אַנדערש, לאַכט אַנדערש, און אַפילו טראַכטן טראַכט זי דאָרט אַנדערש, גאָר אַנדערע געדאַנקען טראָגן זיך אין איר קאָפּ, און גאָר אַנדערע ווערמער קומען איר אויף דער צונג. באַ איר אין צימער, אין שפּיטאָל, צווישן אירע באַקאַנטע, איז זי ווידער אַן אַנדערע.

יאָ! נישט נאָר זי אַליין האָט דאָס באַמערקט אין זיך; עס האָבן דאָס אויך באַמערקט אירע חברטעס און האָבן זיך שטיל געסודעט וועגן איר. וואָלט זיך איצט איינע פון אירע באַקאַנטע אָנגערופן ווי אַמאָל: „פּירלער כאַראָשי טשורני טשעלאָוויעק״, וואָלט נישט איינע געמאַכט אַ קרומע מינע.

אמת, זי איז געווען די אייגענע ליבליכע, האַרציגע און באַוועגליכע, ווי פריהער. דער זעלבער קלוגער, בײַנקענדיגער בליק, דער גוטער שמייכל אויף אירע ליפּן, די זעלבע גרייטקייט צו אינטערעסירן זיך מיט פרעמדער זאָרג, — און דאָך אַן אַנדערע, אַ פרעמדע פאַר אירע חברטעס. מענשן, וואָס גילטן צווישן זייערע באַקאַנטע פאַר אַ מוסטער אָהן שום חסרונות, פאַרלירן

מיט איינמאָל אַלץ, ווי נאָר מען אַנטרעקט אין זיי דעם מינדסטן פלעק. אַזוי איז אויך געווען מיט פ י ר ל ע ר. יערן האָט זיך פלוצלינג גערוכט, אַז מען האָט געהאַט אין איר אַ טעות.

ע ס פ י ר, די רעדל־פירערן פון איר גרופּע, אַן עלטערע נישט שיינע קורסיסטקע, איז אַמאָל אַריינגעקומען צו איר באַנאַכט און געבראַכט אַ פּעקל בראָשורן און פּראָקלאַמאַציעס. אָנשטאָט, ווי געוויינליך, אָפּצוגעבן עס פ י ר ל ע ר, האָט זי עס איצט געגעבן ק ר אַ ט אָ וו אַ ן און געזאָגט איר, זי זאָל צעטיילן אין שפּיטאָל, וויפיל זי קאָן, און די רעשט זאָל זי באַהאַלטן. דערנאָך האָט זי זיך געווענדט צו פ י ר ל ע ר און געפרעגט:

— וואָס מאַכט עפּעס דיין באַשיצער? —

פ י ר ל ע ר איז רויט געוואָרן פאַר באַליידיגונג און האָט געפילט, אַז די טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן.

— וואָס איז ער מיר פאַר אַ באַשיצער? — האָט זי גע־ענטפערט און פאַרגעסן דערביי, אַז ע ס פ י ר האָט אים אַפילו מיטן נאָמען נישט אָנגערופן — צי רעדן איז מיר פאַרווערט צו האָבן באַקאַנטע? ניין, איך פאַרשטיי דאָס נישט.

— ווער זאָגט דאָס דיר, מיין ליבע, אַז דיר איז פאַרזערט? פון מיינעטוועגן, כאָטש האָב חתונה מיט אים. פאַרוואָס נישט? אַ גלענצנדע פּאַרטיי...

און נישט וואַרטנדיג אויף קיין ענטפער פון פירלער, האָט זי זיך געזעגנט און אַרויסגעגאַנגען.

— איבעריגנס, איך האָב נישט קיין צייט צו פּלוידערן, — האָט זי נאָך געזאָגט פאַרן אַרויסגיין. און אין פ י ר ל ע ר ס האַרץ איז געבליבן אַ שאַרפע שטעכנדיגע באַליידיגונג.

מיט ד"ר וו י י נ ש ט י י נ ע ן האָט זי זיך געזעהן כמעט יערן טאָג. אָדער ער האָט שוין אויף איר געוואַרט נאָך דער לעקציע באַ זיין שווערערן, אָדער זי איז אַהיים געקומען צו אים. די צייט איז טיילמאָל דורך זעהר לוסטיג. עס האָט געטראָפן, אַז זי איז געזעסן אויף דעם ווינשטול, ער האָט עפּעס דערציילט, און זי האָט געלאַכט, פאַרגעסן אָן אַלץ און נאָר געפילט, אַז וואָס זי טוט, געפעלט, און וואָס זי רעדט, איז אויפן אָרט, און אַז איר

געלעכטער שטערט קיינעם נישט, פאַרקערט, פאַרשאַפט פיל פאַרגעניגן. טיילמאָל האָט ער זיך געשטעלט הינטער איר און געווינגט דעם שטול, לייכט און פּאַמעליך, אַזוי ווי מען ווינגט אַ קינד, נישט פיל האָט געפעלט, ער זאָל זיך צובייגן און זי קושן.

זי האָט געוואַרט אויף דעם און זיך געשראָקן דערפאַר און האָט נישט געוואוסט, ווי זי וועט ענטפערן דערויף.

„ניין, דאָס וועט ער זיך נישט דערלויבן מיט מיר" — האָט זי פעסט באַשלאָסן. און דאָך האָט זי זיך איינגעקוקט אין זיין פּנים און געזוכט דאָרט צו געפינען וואָס מער סימפּאַטישעס, וואָס מער שיינס, וואָס מער, וואָס זאָל איר געפעלן.

— נו, וואָס איז דאָס אַ פּלאַן פאַר אייך, צו באַזעצן זיך אין אַ דאָרף? איר וועט דאָרט אָפּוועלקן און ווערן צו נישט צווישן עפּעס פּויערים, וואָס זיינען אייך ווילד־פרעמד. אַ שאָד אייער יונגנט, אייער שיינקייט, וואָס זאָל פאַרפאַלן ווערן עפּעס אין אַ העק אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע. נו אַרבעטן כאָטש צווישן אַרבעטער, אין אַ קולטורעלן צענטער, — דאָס פאַרשטיי איך, דאָס איז כאָטש מאַרערן. נאָר ווי קומט איר, אַ אידיש מיידל, צו רוסישע פּויערים? ניין, דאָס וועט איר נישט טון.

זי האָט נאָר געשמייכלט און געזאָגט:

— איר רעדט אַזוי זיכער, אַז איך וועל דאָס נישט טון! לאָמיר ליבער וועגן דעם נישט ריידן. איך האָב נישט ליב, אַז איר רעדט אַזוי.

און האָט געמאַכט דערביי אַן ערנסטע מינע.

און דאָך האָט זי געפילט אין זיינע רייד, אין זיין בליק און אין זיין גאַנצן פאַרהאַלטן זיך צו איר, אַז ער האָט זי ליב, און אַז פריהער צי שפּעטער, נאָר דאָס קאָן פּאַסירן, זי זאָל ווערן זיין ווייב.

ווערן זיין ווייב! זי האָט זיך געשראָקן פאַר דעם געדאַנק. אַזוי פיל אומגעוויינליכס איז געלעגן אין אים, און זי האָט אַליין נישט געוואוסט, פאַרוואָס זי שרעקט זיך אַזוי: צי פאַר אַ גרויס אומגליק, צי פאַר אַ גרויס גליק.

זי האָט באַלד באַמערקט, אַז אויך באַ ווינשטיינס ברודער אין הויז, אויף דער לעקציע, באַגייט מען זיך מיט איר נאָר אויף

אַ באַזונדערן שטייגער, נישט אַזוי ווי מיט אַ געוויינליכער לערערן. סאָניע איז אַריינגעקומען אין דעם צימער, וואו זי האָט געלערנט מיט דעם קליינעם באָריסן, געררערט ווענן די לעקציעס, געפלוי־דערט און פאַרנומען אומזיסט די צייט. דערביי האָט זיך פידלער געפילט אונטער דעם בליק פון סאָניעס שוואַרצע אויגן, און אין דעם בליק איז געווען אַזוי פיל נייגיריגקייט און עפּעס אַ באַהאַלטענער שמייכל...

טיילמאָל, ווען זי האָט געהאַלטן באַם אַרויסגיין נאָך דער לעקציע, האָט זיך באַ דער טיר — פּלוצלינג, נישט צו וויסן, פון וואַנען זי האָט זיך גענומען — באַוויזן סאָניע און געזאָגט האַלב ערנסט, האַלב שפּעטיש:

— וואַרט אַ מינוט, אַלעקסאַנדער וועט באַלד קומען.

— פידלער איז רויט געוואָרן און זאָגנדיג קורץ, אַז זי האָט קיין צייט נישט, האָט זי זיך געאיילט אַרויסצוגיין.

אין הויז איז זי אַלעמען געפעלן. דאָס האָט פידלער גע־פילט און דאָס האָט זי אויך נישט געוואונדערט. צו מאַכן אַ גוטן איינדרוק — דאָס איז געווען איר געוויינהייט, מיט וועלכער זי האָט זיך צוזאַמענגעלעבט, ווי אַ קינסטלער מיט זיין קונסט, ווי אַ באַרימטע שיינע פרוי מיט איר שיינקייט. אַפילו דער קליינער באָרים האָט זי ליב געקריגן און איז צופרידן געווען, אַז זי איז געקומען. דערפאַר אָבער האָט ער נאָך מער פיינט געקריגן די גובערנאַנטקע פון הויז, דאָס דייטשע פריילין.

— און פאַרוואָס האָב איך ליב פאַננאַ ליובאַ? ווייל פאַננאַ ליובאַ איז אַ גוטע, און פריילין — אַ שלעכטע, — אַזוי האָט ער גע‌טענעט, ווען די מוטער האָט אים מוסר געזאָגט פאַר עפּעס אַ קאָנפליקט צווישן אים און דעם פריילין.

און סאָניע האָט דאָס דערציילט פידלער און דערביי געפרעגט:

— זאָגט, איך בעט אייך, פאַרוואָס האָבן אייך קינדער אַזוי ליב?

— יאָ. קינדער האָבן מיך ליב; איך זיי האָב אויך זעהר ליב, שרעקליך ליב.

דעם אמת זאָגנדיג, האָט זיך סאָניע איינגעקוקט אין פיד־לערס לייגגליך פּנים און בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין,

וואָס דאָ איז פאַראַן אַזאַ שיינס. „אַן אַנגענעמע — נישט מער“, האָט זי געטראַכט. אין האַרצן האָט זי געקוקט אויף פ י ד ל ע ר מיט פאַראַכטונג און האָט זי גרינג געשעצט, און דאָך האָט זי זיך צו איר פאַרהאַלטן גוט און גערעדט מיט איר ווי מיט אירס אַ גלייכן. איר איז געפעלן די ראָלע, וואָס זי שפּילט דאָ אין אַלעקסאַנדערס אָנגעלעגנהייטן. זי האָט נישט געקאָנט דער־לאָזן, אַז אַלעקסאַנדער זאָל חתונה האָבן, און זי זאָל דערביי נישט נעמען קיין אָנטייל.

זי האָט אויך געוואָלט איר מאַן פאַרמישן אין דער זאַך, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט:

— וואָס זאָגסט דו צו אונזער אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר ן? ער האָט זיך דאָך, ווייסט, פאַרליבט אין דער לערערן...

ער האָט נאָר געצויגן מיט די אַקסלען און געענטפערט קאַלטבלוטיג:

— טאָ זאָל ער מיט איר חתונה האָבן.

— מיט איר חתונה האָבן! כאַ, כאַ, כאַ! וואָס פאַלט דיר איין? ביסט משוגע געוואָרן? זי איז אַן אָרים מיידל, אַן אַקושאָרקע...

— ווילסט מיך הערן, ס אָ נ י ע, צי נישט? פאַלג מיך און מיש דיך ליבער נישט אַריין. אַלץ איינס, דו וועסט סיי ווי סיי גאָרנישט פועלן, ער איז דאָך אַ משוגענער, און אַז דו וועסט זאָגן ניין, וועט ער זאָגן יאָ.

נאָר ס אָ נ י ע האָט נישט גערוהט. זי האָט געשריבן איר שווער און שוויגער וועגן דעם, געמאַכט אָנצוהערעניש איר שוואָ־גער, געשפּיאָנעוועט און געהאַט וואָס צו טון.

מיט פ י ד ל ע ר ן האָט זי אַמאָל פאַרפירט אַ געשפּרעך וועגן אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר ן:

— ווי געפעלט אייך אונזער אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר? — האָט זי געפרעגט — אמת, אַ וואוילער מענטש?

פ י ד ל ע ר איז רויט געוואָרן און האָט געענטפערט מיט אַן אומבאַשטימטער מינע. ס אָ נ י ע האָט ווייטער גערעדט.

— זעהר אַ וואוילער מענטש. נאָר, ווייסט איר, אַזאַ מאָדנער. זאָגט מיר, צו וואָס האָט ער שטודירט מעדיצין, אַז קיין דאָקטאָר וועט ער סיי ווי סיי נישט ווערן? און צו וואָס האָט ער דאָס

געדאַרפט? איר ווייסט, דער פאָטער ניט אים דרייסיג טויזנט רובל נדן.

זי האָט געשוויגן אום צו זעהן דעם איינדרוק, וואָס די לעצטע ווערטער וועלן מאַכן. אירע שוואַרצע אויגן האָבן שעלמיש גע־קוקט אויף פ י ר ל ע ר, און פ י ר ל ע ר האָט צום ערשטן מאָל באַמערקט אין די אויגן עפּעס אַ קאַלטקייט, עפּעס פאַרביסנס קעגן איר.

מעריצין איז אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע וויסנשאַפט. פאַרוואָס זי נישט שטודירן, אויב מען האָט די מעגליכקייט? — האָט זי קורץ באַמערקט און האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען גיין.

— וואַרט, אַלעקסאַנדער קומט די מינוט.

און ווידער האָט פ י ר ל ע ר באַמערקט די קאַלטקייט און די גרינגשעצונג אין אירע אויגן און האָט אויפגעהערט צו ריידן.

„אָך, וואָס פאַר אַ נישט־סימפּאַטישע זי איז, וואָס פאַר אַ בור־זשואַזנע זי איז!“ — האָט זי געטראַכט, אַרויסגייענדיג.

זי האָט געפילט, ווי אין איר האַרץ וואַקסט אַ האַס צו דער שיינער שוואַרצער פרוי מיט איר לאַנגער אויסגעטאָקטער נאָז, מיט אירע שוואַרצע קיילעכדיגע ברעמען און מיט איר קאַלטן בליק. דאָס איז געווען דער בלינדער ה אַ ס, וואָס פרויען דערשפּירן אַזוי גיך צו אַ מענשן, וואָס שטעלט זיך זיי אויפן וועג, — אַ שטילער שטומער, נאָר ברענענדיגער האַס.

און דאָך האָט זי יערן טאָג געמוזט קומען צו דער פרוי, ריידן מיט איר, שמייכלען און מאַכן אַ גוט פּנים. פאַר איר געקוועלט, נאָר נאָך נישט קיין געבראָכן האַרץ, איז דאָס נישט לייכט געווען איבערצוטראָגן.

ווען זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר פּלאַן צו פאָרן אין דאָרף, האָט דאָס האַרץ אַ ציטער געגעבן, און די געדאַנקען האָבן זיך פאַרווירט אין איר קאָפּ.

„שרעקליך! שרעקליך!“

און ווידער איז זי געזעסן אויפן ווינשטול באַ ו ו י י נ ש ט י י נ ע ן, און ער האָט איר עפּעס דערציילט מיט זיין ווייכער שטים און האָט געקוקט אויף איר מיט פאַרליבטע אויגן, און איר איז ווידער געוואָרן פרייליך און לוסטיג, און זי האָט געלאַכט, געלאַכט...

ער האָט גענומען איר האַנט אין זײַנע, — זי האָט געװאָלט פּראָטעסטירן און האָט געשװיגן; ער האָט געקושט אירע האָר. לײכט באַרירט מיט זײַנע ליפּן איר שטערן, — זי האָט געװאָלט שרײַען און האָט נישט געשריִען.

ערשט װען זי איז געקומען אַהײם אין איר צימער און האָט גענומען לעזן אירע בראָשורן, אָדער רײדן מיט קראַטאָװאַן, איז איר װידער געװאָרן שװער אױפן האַרצן, און װידער האָבן זיך די געדאַנקען פאַרװירט און װידער האָט זי געזיפצט:

„שרעקליך! שרעקליך!"

שרעקליך איז אַלץ געװען. שרעקליך איז געװען צו טראַכטן װעגן דעם גליק, װאָס װאַרט אױף איר, צו געניסן פון ליבע און רײַכקײט; שרעקליך איז געװען דער געדאַנק, אַז זי זאָל חתונה האָבן מיט אַ מענטשן, װאָס — ס'קאָן זײַן — זי ליבט אים נישט; שרעקליך איז געװען דער ספק, טאָמער איז די גאַנצע זאַך פאַר אים נאָר אַ שפּיל, און ער װעט זי פאַרלאָזן; שרעקליך איז אױך געװען צו טראַכטן װעגן אַ לעבן פול נױט, לאַנגװײַליקײט און מאַנגל און שרעקליך, אומגעהױער שרעקליך, איז געװען די שאַנד פאַר אירע חברטעס, פאַר זיך, פאַר איר געװיסן!

אױף דער טיר פון איר צימער איז געהאַנגען אַ נײַע טײַערע זײַדענע בלוזע. די בלוזע האָט געהאַט איר געשיכטע:

אין טעאַטער האָט אַרױסגעטראָטן עפּעס אַ באַרימהײט. ס אָ נ י ע האָט געהאַט אַ לאָזשע פאַר זיך, פאַר איר מאַן און ד״ר װ ײ נ ש ט ײ נ ע ן; די פערטע האָט געזאָלט זײַן — פ י ד ל ע ר. אַז ד״ר װ ײ נ ש ט ײ ן האָט איר פאָרגעלעגט צו גײן מיט זײ אין טעאַטער, אין אַ לאָזשע, האָט זי געמײנט, אַז ער װיצלט זיך: װען ער האָט אָבער װידער דערפון גערעדט, האָט זי נאָר געלאַכט:

— רעדט נישט קײן נאַרישקײטן. נאָך דאָס פעלט מיר — אין אַ לאָזשע, אַזױ געקלײדעט...

ער האָט גאָרנישט געענטפערט. נאָר װען זײ זײַנען אַרױס־געגאַנגען אױף דער גאַס און פאַרבײַ פאַר אַ רײַכן מאַגאַזין פון דאַמען־קלײדער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און כמעט זי גע־צװאונגען, זי זאָל זיך עפּעס קױפן

— אייך קומט ראָך פּאַר אַ לעקציע — האָט ער אויסגערעדט —
װעל איך דערװײל אויסלײנן.

אַזוי איז געקויפט געוואָרן די בלוזע. אין טעאַטער דערנאָך האָט זי זיך געפילט שלעכט אונטער די בליקן פון ס אָ נ י ע ן און איר מאַן, וואָס האָט געקוקט און געקוקט אויף איר דורך זײנע ברילן און קיין וואָרט מיט איר נישט גערעדט. אָט אויף דער ראָזינער בלוזע האָט פ י ר ל ע ר נישט געקאָנט קוקן גלייכגילטיג. זי האָט גערעדט און דערציילט פון עפּעס אַן איבערקערעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין איר...

— ווייסט, וואָס איך וועל טון? — האָט זי געזאָגט צו קראַ־טאָוואַן — מאָרגן וועל איך טראָגן די בלוזע אין לאָמבאַרד, וועט זיין צו צאָלן פאַר מיטאָגן.

— ניין, מען דאַרף נישט. זי קליידט דיר אַזוי שיין. דו ביסט נאָר אַ שיינהייט אין איר.

— דו לאַכסט פון מיר. דו האָסט מיך מער שוין נישט ליב, נישט וואָר? זאָג... האָט פ י ר ל ע ר גערעדט, און באַ די לעצטע ווערטער האָט איר שטים געציטערט.

נאָר ק ר אַ ט אָ וו אַ האָט גאָרנישט געענטפערט דערויף. זי האָט נאָר איבערגעווישט איר ריקע האַנט איבער פ י ר ל ע ר ס שטערן מיט אַ פוילער באַוועגונג און געזאָגט:

— דו ביסט אַ נאַר. — און אויף איר פּנים איז געלעגן אויס־געגאָסן דער ברייטער רוהיגער, רוסישער געלעכטער.

---

## VI

דער ווינטער איז דערגאַנגען צום סוף, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די טעג פון פ אַ ר ־ פ ר י ה ל י נ ג מיט זייערע נייע ווינטן, די ווייכע און פרישע, וואָס טראָגן זיך אין דער לופט, וועקן און מינטערן און ברייננגען אַריין אַ זיסע אומרוהיגקייט אין אַלץ. אומרוהיג איז געוואָרן אין דער נאַטור, אומרוהיג און באַנג אויפן האַרצן.

די בוימער אין שטאָט-גאָרטן האָבן שוין לאַנג אַראָפּגע־טרייסלט פון זיך דעם שניי, האָבן שטיל געשאָקלט מיט די נאַקעטע צווייגן און געוואַרט און געחלומט פון דעם גוטן גרינעם מלאך, וואָס וועט קומען באַנאַכט זיי צו קושן און באַפרוכטן. די וואָלקנס אויפן הימל האָבן זיך געטראָגן געשווינד, ווי זיי וואָלטן איילן עפּעס צו פאַרריכטן, עפּעס צו צוגרייטן; און ווי זיי זיינען פאַרשוואונדן, האָט דער הימל אַרויסגעקוקט, און די וואַרעמע זון — אַ ניי־געבוירענער בלאָהער הימל, אַ ניי־געבוירענע ליבע זון.

און די נעכט זיינען פול געווען מיט בענקשאַפט און ציטעריגע האָפענונגען. אַ לייכט פרעסטל האָט געכאַפּט, אויף די טראָ־טואַרן איז געווען גליטשיג, און דאָס רינגע אייז האָט לוסטיג געקנאַקט אונטער די פיס. און דער לינדער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן, האָט וואַך געמאַכט יעדן נערוו, גערייצט דאָס בלוט אין די אָדערן.

ערנעסט ווייט, אין טיפן וואַלד, האָט דער בער זיך געוועקט אין זיין בערלאָגע, סאַרנעס האָבן פול געמאַכט דעם וואַלד מיט ווילדע געשרייען. אין שטאָט האָבן מענשליכע הערצער געצי־טערט און איבערגעריסענע חלומות האָבן זיך גענומען ווייטער וועבן.

אַן אומרוהיגע, נעפּעדליכע צייט פאַר יונגע הערצער.

ערשט נאָך האַלבער נאַכט איז פ י ד ל ע ר געקומען אַהיים, אויסגעטאָן און געלעגט זיך אין בעט, נאָר שלאָפן האָט זי נישט געקאָנט.

ק ר אַ ט אָ ו ו אַ שלאָפט שוין. זי האָט אַפילו נישט געהערט, אַז פ י ד ל ע ר איז געקומען און האָט זיך געלעגט נעבן איר אין בעט. אַ גוטער, צופרידענער שמייכל ליגט אויסגעגאָסן אויף איר פּנים, איר הויכע פולע ברוסט באַוועגט זיך פּאַמעליך, און רוהיג איז זי, רוהיג! קיין מוסקל רירט זיך נישט אין איר פּנים, איר חלומט זיך, קענטיג, גאָרנישט. עס דוכט זיך, אַז דער יונגער בליהענדיגער קערפּער וואַרט אָהן זאָרג, אָהן ציטערניש און אָהן בענקשאַפט אויף זיין באַשערטן, וואָס וועט קומען און מוז קומען.

פידלער האָט שוין אויסגעלאָשן די לאָמפּ און צוריק זי אָנגעצונדן. איר איז איינג אין בעט, דושנע — אין צימער. עפּעס ווילט זיך הויך לאַכן, אָדער הויך וויינען, אָדער שרייען פאַר אַנגסט, אָדער אין דער שטיל אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר עמיצן אין פאַרטרויטע ווערטער.

„גאָט דו מיינער! גאָט דו מיינער!" זיפצט זי.

וואָס ציטערט אין איר יעדער נערוו? וואָס קלעמט אַזוי דאָס האַרץ? און וואָס פאַר אַ גיפט האָט צערייצט איר בלוט?

וואָס זאָל זי טון, וואָס וועט זי טון? פאַרוואָס איז איר לעבן געוואָרן אַזוי פאַרווירט?

און זי פאַנטאַזירט פון אַ ברונעטן יונגענמאַן, מיט שוואַרצע האָר, מיט גליהענדיגע אויגן, מיט מעכטיגע הענט, וואָס וועט קומען זי אַרומנעמען, פעסט, פעסט אַרומנעמען, אַז יעדער גליד אירער זאָל פילן זיין יונגע קראַפט, און ער, דער אויסלייזער, דער איידעלער, וועט זי אַוועקטראָגן אין זיינע אָרעמס ווייט, ווייט, — אין דאָרף אַריין, דאָרט וואו זי וועט אויפלעבן, וואו דאָס לעבן וועט זיין אַזוי גליקליך און ריין און שיין...

נאָר אָט האָט מען געקלונגען אין טויער, און פּידלער האָט געפילט, ווי זי הויבט זיך אָן צו שרעקן, זי האָט זיך געשעמט, וואָס זי שרעקט זיך: זי האָט געדיינקט, אַז פריהער איז דאָס געפיל איר פרעמד געווען, נאָר ערשט אין דער לעצטער צייט איז זי געוואָרן אַלץ איבערגעשראָקענער און איבערנעשראָקענער... זי האָט זיך צוגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, וואָס אונטן טוט זיך. מען האָט אָנגעהויבן צו גיין אויף די טרעפּ, געגאַנגען זיינען עטליכע מענשן. די טריט זיינען דורך איין פאָר טרעפּן, אַ צווייטע, און האָבן אַלץ נישט אויפגעהערט: ווי אַ קלאַנג פון שפּאָרן האָט זיך געהערט...

צי אין אמתן טאַקע?" האָט זי געטראַכט אין שרעק.

זי האָט געוועקט איר חברטע:

— מאַריאַ, דוכט זיך, צו אונז...

נאָר קראַטאָוואַ האָט נישט אויפגעוואַכט, ביז די טריט זיינען געוואָרן נאָר נאָהענט, און מען האָט אָנגעקלאַפּט אָן דער טיר.

— ווער איז דאָרט? — האָט פּידלער געפרעגט.

אַ טעלעגראַם, — האָט זיך געהערט דער באַקאַנטער ענטפער.
קראַטאָוואַ האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, גע־עפנט ברייט די אויגן און אַרומגעקוקט זיך, ווי זי זאָל וועלן דערגיין, וואָס דאָ איז געשען. נאָר דערהערנדיג דאָס וואָרט „אַ טעלעג־ראַם", איז איר באַלד אַלץ קלאָר געוואָרן, און זי האָט זיך געכאַפּט אויף דערגיך אָנטון.
אָן דער טיר האָט מען גענומען קלאַפּן נאָך שטאַרקער.
— וואַרט אַ ווײַלע, מיר טוען זיך אָן. — האָט קראַטאָוואַ געזאָגט.
— מיר וועלן די טיר אויסברעכן, שיסן, די מינוט עפענען!
— מען קאָן? האָט קראַטאָוואַ געפרעגט פידלערן, וואָס האָט געהאַלטן באַם אָנטון דעם ערשטן שוך.
נאָר באַ דער טיר האָט מען גענומען רייסן אַזוי שטאַרק, אַז עס איז נישט געבליבן קיין אַנדערע עצה, ווי באַלד צו עפענען.
עס איז אַריינגעקומען אַ זשאַנדאַרמסקער אָפיצער, אַ הויבער, אַ בלאַסער, מיט זעהר לאַנגע וואָנצעס, עטליכע פּאָליציאַנטן און דער סטרוזש פון הויז. אין צימער איז אַלץ אײַנג געוואָרן, עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעוויזיע.
„הייסט עס, איך בין אַרעסטירט—האָט פידלער געטראַכט—גו, גוט, אַבי אַ סוף, אַבי אַן ענדערונג". און דאָך האָט איר האַרץ געקלאַפּט, אין מויל איז איר מיט איינמאָל געוואָרן שרעקליך טרוקן, און אויף די געוויינליכע פראַגעס, ווער זי איז, האָט זי געענטפערט מיט אַ ציטעריג קול. דערפאַר האָט קראַטאָוואַ געענטפערט גאַנץ רוהיג, און נאָר אין אירע אויפגעריסענע, ברייט־געעפנטע אויגן איז געווען צו דערקענען, אַז זי איז אויפגערעגט.
דער אָפיצער האָט נישט געהאַט לאַנג צו זוכן. אין שופלאָד פון טיש האָט ער באַלד געפונען עטליכע בראָשורן, באַטראַכט זיי אין דער האַנט, דורכגעלעזט די טיטלען און האָט צופרידן געשמייכלט.
— אָט האָבן מיר אויך געפונען, — האָט ער געזאָגט, ציהענדיג פאַר אַ וואָנצע און באַטראַכטנדיג מיט אַ שמייכל די צוויי מיידלאַך.
— וועמען געהערט דאָס? האָט ער געפרעגט שטרייננ.

„דאָס איז מיינס“, האָט פּירלער געוואָלט ענטפערן, נאָר זי האָט געשוויגן. איר האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט באַוועגט די ליפּן, אַז זי האָט די ווערטער גערעדט, נאָר זיי זיינען עפּעס נישט אַרויס פון איר מויל. דערפאַר האָט זי קלאָר און דייטליך געהערט, ווי קראַטאָוואַ האָט געזאָגט:

— דאָס געהערט מיר.

און דער אָפּיצער האָט געענטפערט:

— גוט.

„דאָס וויל זי נעמען אַלץ אויף זיך און מיך פריי מאַכן — האָט זי געטראַכט — ניין, ניין! דאָס וועט אַזוי נישט בלייבן, בשום אופן נישט“. זי איז געשטאַנען און געגלאָצט מיט די אויגן און געזוכט עפּעס צו טון.

— איז דאָס אייערס, קראַטאָוואַ — האָט דער אָפּיצער געזאָגט — און איר, וואָס האָט נאָך, פּירלער? גיט בעסער באַלד אַהער, וועלן מיר פאַרשפּאָרן צו זוכן. אַ שאָד די צייט.

פּירלער האָט געענטפערט בייז:

— זוכט, אויב איר ווילט.

די פּאָליציאַנטן האָבן גענומען שאַרן אין אַלע ווינקלען. דער אָפּיצער האָט קאָמאַנדעוועט, געזוכט אין אויוון, אין בעט, אונטערן בעט, געקלאַפּט אין דער וואַנט, נאָר מער האָט ער גאָרנישט געפונען. קראַטאָוואַ איז די גאַנצע צייט געשטאַנען נעבן טיש. פּילנריג זיך אַרעסטירט, האָט זיך איר געדוכט, אַז זי קען זיך נישט אַליין, מיט איר אייגענעם ווילן, באַוועגן. פּירלער איז געזעסן אויפן בעט, און אין איר מוח איז פאָרגעקומען אַ פּיינענדיגע אַרבעט.

„ניין, ניין! דאָס קאָן אַזוי נישט בלייבן!“ — האָט זי געטראַכט— מען דאַרף זאָגן, אַז דאָס איז מיינס“. און האָט זיך פאָרגעגרייט דאָס צו זאָגן, נאָר זי האָט נישט געוואוסט, אין וואָס פאַר אַ פאָרם דאָס צו טון. דערנאָך איז איר געקומען אַן אַנדערע געדאַנק אין קאָפּ אַריין: קראַטאָוואַ וועט זי סיי ווי סיי דערמיט נישט העלפן, און אָנשטאָט איין אָפּפער, וועלן נאָר זיין צוויי. אויסער דעם האָט זי נישט געוואוסט, צי מען וועט זי אַזוי

אויך נישט אַרעסטירן, און שפּעטער, אויפן „ראַפּראָס“, דעמאָלט וועט מען שוין זעהן...

פּלוצלינג האָט זיך קראַטאָוואַ אויסגעדרייט צו איר מיטן פּנים, זייערע בליקן האָבן זיך געטראָפן, און פּידלער האָט אין דעם מאָמענט דערפילט אַ ברענענדיגן וויטאָג אין איר האַרץ:

„אַ שאַנד! אַ שאַנד! איך בין אַ פאַלשע, אַ פאַלשע, אַ פּאָדלע! אַ פאַרעטערין!“ האָט זי זיך געזידלט.

דער פּראָטאָקאָל איז שוין געווען פאַרטיג, דער אָפיצער האָט אים דורכגעלעזן און געגעבן אַלעמען זיך אונטערצושרייבן. פּידלער האָט שוין איצט געוואוסט אויף זיכער, אַז קראַטאָוואַ איז אַרעסטירט, און זי בלייבט פריי, און האָט נאָך געמאַכט די לעצטע אָנשטריינגונג:

— נעמט אויך מיך — האָט זי געזאָגט צו דעם אָפיצער. ער האָט נאָר ווידער געצויגן רוהיג אַ וואָנצע און געענטפערט:

— עס וועט קומען אַ צייט, וועט מען אויך אייך נעמען, דערווייל שפּאַצירט נאָך אויף דער פרייהייט, פרייליין. און איר, סוראַרינאַ — האָט ער זיך געווענדט צו קראַטאָוואַ — דערלויבט זיך אָנצוטון. מיר גייען.

קראַטאָוואַ האָט אָנגעטאָן איר זשאַקעט און איז צוגע־גאַנגען זיך געזעגענען מיט פּידלער. אירע אויגן האָבן גע־פינקעלט פאַר פרייד. זי האָט זיך, קענטיג, שוין צוגעוויינט צו דעם געדאַנק, אַז זי איז אַרעסטירט און איז צופרידן געווען און שטאָלץ, וואָס זי האָט זיך אַזוי גוט געהאַלטן.

— בלייב געזונט, — האָט זי געזאָגט — אַהיים קאָנסט דו שרייבן, אויב מען וועט פרעגן. נאָר שרייב, אַז איך וועל באַלד פריי ווערן. געדיינק.

און זיי האָבן זיך צעקושט.

— בלייב געזונט, טייערע, — האָט פּידלער געזאָגט און געוואָלט זיך עפּעס פאַרענטפערן; נאָר זי האָט מער נישט גע־קאָנט ריידן. זי איז פּלוצלינג אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

— פאַרצייַ... פאַרצייַ... האָט זי נאָר געשטאַמלט — איך בין אַ פאַלשע... אַ פּאָדלע...

באַלד האָט מען אַוועקגעפירט קראַטאָווא. באַם אַרויס־גיין פון דער טיר, האָט זי זיך אומגעדרייט און געקוקט אויף פּידלער. אין אירע אויגן איז געווען דער זעלבער גלאַנץ און אויף איר גאַנץ פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ געפיל פון ווּכטיגקייט. פּידלער האָט נאָך געוואָלט צוגיין צו איר, נאָר אין דעמזעלבן מאָמענט האָט קראַטאָוואַ איבערגעטראָטן די שוועל, און נאָך איר איז אַרויס פון צימער דער אָפיצער מיט די פּאָליציאַנטן.

זי איז געבליבן אַליין אין איר צימער, אַליין מיט איר שווער געוויסן, אַליין מיט אירע טרערן. פון דער וואַנט האָט נאָך געוואונקען די נייע בלוזע...

די עטליכע שעה, ביז עס איז טאָג געוואָרן, האָבן זיך געצויגן ווי אַ גאַנצע אייביגקייט. זי האָט שוין געהאַט געשפּאַנט אַ צייט־לאַנג איבער איר צימער אַרויף און אַראָפּ און געדריקט אירע שלייפן מיט די הענט, ביז יי איז מיד אַנידערגעפאַלן אויפן בעט, באַרעקט מיטן קישן ראָס פּנים און געוויינט; זי האָט שוין צוגעגאָסן נאַפט אין לאָמפּ, וואָס האָט געהאַלטן באַם אויסגיין, — און די נאַכט האָט זיך געשלעפּט און געשלעפּט גאָר אָהן אַ סוף. צום סוף האָט די פינסטערקייט אויף די שויבן אָנגעהויבן העלער צו ווערן. עס האָט געטאָגט.

פּידלער האָט אויסגעלאָשן די לאָמפּ, אויפגעמאַכט ראָס פענסטער און אַרויסגעשטעקט רעם קאָפּ. אַ לינדער ווינט האָט געבלאָזן, דער הימל איז געווען קלאָר, אָהן וואָלקנס, און ציטעריגע שטערן האָבן נאָך קוים, קוים געשימערט. זי האָט זיך געפילט מיד, שרעקליך מיד און האָט זיך געזעצט אויף אַ ביינקל נעבן פענסטער און געטראַכט. די העלקייט פון אויפגייענדיגן טאָג האָט אַריינגעבראַכט אַ פרישקייט און קלאָרקייט אין אירע פאַרוווירטע געדאַנקען.

און אין דערפריה, ווען זי האָט פאַרלאָזט איר צימער, איז באַ איר אַלץ שוין קלאָר געווען און פאַרטיג: זי מוז אַוועקפאָרן! אַוועק פון דאַנען, וואו איר לעבן האָט זיך אַזוי פאַרפּלאָנטעט, אַוועקפאָרן און צוריק ווערן די זעלבע וואָס אַמאָל, — מיט איר

שטילער בײנקשאַפט, מיט אירע שטילע לײדן, מיט אירע שטילע חלומות.

נאָך רעמועלבן טאָג, נאָך מיטאָג, איז זי אַרײַנגעקומען צו ר״ר װײַנשטײנען. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר איר פּנים. זי איז געװען בלאַס און האָט געהאַט אַן ערנסט שרעקליך אויסזעהן.

— װאָס איז אײַך? איר זײַט נישט געזונט? זעצט אײַך... האָט ער געזאָגט.

נאָר זי האָט זיך נישט געזעצט.

— איך בין געקומען זיך מיט אײַך געזעגענען, הער װ ײ נ ־ ש ט ײ ן, איך פאָר נאָך הײַנט אַװעק. יאָ, מיר פעלט נאָך צו עטליכע רובל אויף דער הוצאה. איר קאָנט מיר באָרגן?

— נאָר װאָס איז אײַך, װאָס? איך פאַרשטײ נישט... זעצט אײַך. — און ער האָט איר צוגעטראָגן אַ בײנקל.

פ י ד ל ע ר האָט זיך פאַרגענומען צו זײַן מיט אים שטרײַנג. דורך דער נאַכט האָט זי אים נישט אײנמאָל טיף געהאַסט. נאָר איצט, פילנדיג זײַן גוטן, װײכן בליק אויף זיך, האָט זי װידער עפּעס װי מורא געהאַט, זי זאָל אים נישט באַלײדיגן, און האָט זיך געזעצט.

— נו, דערצײלט: װאָס איז? צו װאָס פאָרט איר?

— איך דאַרף פאָרן. איך האָב שוין געענדיגט: װאָס זאָל איך דען דאָ טון?

— הערט, — האָט ער געזאָגט, און זײַן שטים איז געװאָרן ערנסט, אָהן לײַכטקײט און אָהן שמײכל — הערט, ליובאַ, בלײַבט דאָ, בלײַבט און זײַט מײַן פרוי, איך ליב אײַך...

ער האָט גענומען איר האַנט. אַ װײַלע האָט זי געטראַכט, נאָר באַלד האָט זי לײַכט אַרויסגעצויגן איר האַנט פון זײַנע און געזאָגט:

— נײן, ה׳ װ ײ נ ש ט ײ ן. דאָס איז אוממעגליך. איר האָט געהאַט אַ טעות. אַנטשולדיגט.

זי האָט די װערטער אַרויסגערעדט קלאָר און דײַטליך, מיט פאַרגעניגן און שטאָלצקײט, און געפילט, װי יעדעס װאָרט מאַכט איר לײַכטער און פרײַער דאָס האַרץ.

ר״ר ווײַנשטײַן האָט נאָר אָפּגעווישט זײַן שטערן מיט דער האַנט. זײַן פּנים האָט אָנגענומען אַ לײַדנדיקן אויסדרוק. ער האָט עטליכע מאָל געשפּאַנט איבערן צימער און געזאָגט.

— אַנטשולדיגט אויך...

בײַ איר אַרויסגײן האָט ער איר פעסט געדריקט די האַנט, אויף זײַן פּנים איז ווידער געלעגן דער קאַלטער שמייכל, און ער האָט געזאָגט:

— אַנטשולדיגט, אַנטשולדיגט. דערמאָנט נישט צום בייזן.

און אין עטליכע טעג אַרום איז פ י ד ל ע ר אַוועק פון וואַרשע.

פון יענער צײַט זײַנען שוין דורך צוויי יאָר. ר״ר ווײַנ־שטײַן האָט געלעבט אין אויסלאַנד. דורך דער צײַט איז דער פאָטער געשטאָרבן, ער האָט באַקומען אַ גרויסע ירושה און האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טון מיט דעם געלט, וואָס צו טון מיט זיך. וועגן פ י ד ל ע ר האָט ער שוין געהאַט פאַרגעסן.

אַ צופאַל אָבער האָט אים דערמאָנט אָן איר. ערשט נישט לאַנג האָט ער געוואוינט אין דער שווייץ, בײַ איינער פון די שיינע אָזערעס. אָוונטס האָט ער לאַנג שפּאַצירט ביז שפּעט אין דערנאַכט און איז אַהיים געקומען שלאָפן. אין בעט, פאַרן שלאָף, האָט ער, געוויינליך, גענומען לעזן די רוסישע צײַטונג, וואָס האָט אים געבראַכט יעדן טאָג נײַעס פון דעם לאַנד, וואָס האָט בײַ אים שוין אויסגעזעהן ווי אַ פרעמדע וועלט. אָט אין דער צײַטונג האָט ער געטראָפן דעם באַקאַנטן נאָמען:

„נעכטן איז דאָ אויפגעהאַנגען געוואָרן די מערדערן פון גענעראַל .A די אידין, ל י ו ב ע פ י ד ל ע ר״ — האָט ער דאָרט געלעזן.

ער איז יענע נאַכט מער נישט געשלאָפן, נאָך עטליכע טעג דערנאָך געווען ווי באַטויבט, און באַנאַכט האָבן זיך אים געחלומט באָמבעס און געהרגעטע, תליות און שטייפע מענשליכע קערפּערס, וואָס דער ווינט האָט געשאָקלט...

# ווער איז שולדיג?

...מײַן מיטוואוינער פינקעלמאַן שלאָפט שוין. ערשט אַ מינוט, ווי ער האָט פאַרלאָשן דאָס לעמפל, וואָס שטייט נעבן בעט, און איצט כראַפּעט ער שוין. אַנטשלאָפן געוואָרן איז ער שוין פאַר אַ ווײַלע, נאָר אין מיטן דרימל איז אים דורך אַ געדאַנק דורכן מח, אַז די נאַפט ברענט אויס בחנם, און ער האָט זיך מיט געוואַלד אויפגעריסן פון שלאָף צו פאַרלעשן דאָס לעמפל. איצט ליגט ער אײַנגאַנצן אין שאָטן: דאָס ליכט פון מײַן טיש דערגרייכט נישט ביז צו דער וואַנט.

שלאָפן שלאָפט ער קיינמאָל נישט רויִק: כראַפּעט, פאַר־קרימט די ליפּן, ציהט מיט די שוואַרצע ברעמען אין שלאָף, — אים מוז זיך אַ סך חלומען. נאָר איצט, דוכט זיך מיר עפּעס, אַז אין כראַפּען זײַנעם ווערן פאַרשלונגען אַ סך זיפצן. און עפּעס, בכלל, איז מיר אַ רחמנות צו קוקן אויף דעם קליינעם, אײַנגע־קאָרטשעטן גוף מיטן בלייכן, לײדנשאַפטליכן פּנים, וואָס שטאַרט אַרויס פון אונטער דער קאָלדרע. ער רירט מיט די ברעמען און רונצלט דעם שטערן. וואָס חלומט זיך אים? פון ווײַב? פון געשטאָרבענעם קינד? אָדער פון אַ גט און אַ נײַע חתונה מיט אַ נדן?...

עפּעס אַ מאָרנעם אײַנדרוק האָט ער הײַנט געמאַכט אויף מיר.

דרײַ וואָכן וואוין איך שוין צוזאַמען מיט אים אין איין צימער. אַז איך האָב מיך אַרײַנגעצויגן אין דער דירה און געוואָרן זײַן מיטוואוינער, האָט ער זיך עפּעס אַזוי דערפרייט, אַז ס׳איז מיר אַוש אַ וואונדער געווען. מיר האָבן זיך ביז אַהער נישט געקענט. עפּעס האָט ער מיר מיט אַזאַ אַנטציקונג און אײַלעניש אָנגעוויזן אויף יעדן נאָגל, וואו מען קאָן אויפהייגען אַ מלבוש, און דערצו

אַלץ אינײנעם אַרויסגעכאַפּט מיר די זאַכן פון די הענט, אַפּי מיר צו העלפן, און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אײלנדיג און זעהר פאַראינטערעסירט, אַז איך האָב מיך נישט געקאָנט אײנהאַלטן און האָב אים געפרעגט, פאַרוואָס ער איז זיך אַזוי מטריח פאַר מיר?

— לאָזט, לאָזט! ס'שאַרט נישט! — האָט ער אַלץ אין אײנעם געחזרט, העלפנדיג מיר קעגן מײן ווילן.

דערצו האָט ער צוגעמאַכט מיט בײדע הענט, געצויגן די ליפּן און אַרויסגעשטעקט די צײן; די אויגן האָבן געקוקט אַביסל לאַכעריג און פאָרשנדיג. מיט דעם שמײכל האָט ער מיך אַוודאַי געוואָלט פאַרזיכערן, אַז ער באַמיהט זיך אַזוי פיל מיר צו העלפן, ווײל ער איז אַ גאַנץ גוטער בטבע; נאָר אין בליק זײנעם איז, חוץ דעם לאַכעריגן, געווען נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס האָט גע־וואַרט און געוואָלט וויסן, צי דאָס לאַכעריגע האָט שוין געהאַט אויף מיר די ווירקונג, וואָס ער האָט געוואָלט, און צי ער קאָן שוין צוזאַמענציהען די ליפּן און אויפהערן צו שמײכלען.

— טון אַ טובה, — האָט ער גערערט נאָר אַנטציקט און אונ־טערגעשפּרונגען בײַ יערן וואָרט, — טון אַ טובה — פאַרוואָס נישט? איך האָב זעהר ליב צו טון אַ טובה.

— דאָ, דאָ, מײן ליבער פרײנט, הײנגט אויף, ניט אַהער! ניט אַהער! — זעהט איר, מײן ליבער פרײנט, — האָט ער ווײטער געזאָגט מיט אַביסל אַן ערנסטערער מינע, אַז איך האָב אַרויסגערוקט דעם שופלאָד פון טיש און געוואָלט דאָרט אַרײנ־לײגן מײנע העקטאָגראַפישע רוסישע לעקציעס, — זעהט איר, דער שופלאָד איז מײנער. איך האָב מיר אַזוי אויסגערערט מיטן בעל־הבית, — איר ווילט — פרעגט.

איך האָב שוין צוריק גענומען די פּאַפּירן און געוואָלט זײ אַרײנלײגן אין קעסטל מײנעם, נאָר ער האָט זײ מיר אַרויסגע־כאַפּט פון דער האַנט און אַרויסגערוקט זײן שופלאָד.

— זעהט איר, פאַר אײך, מײן ליבער פרײנט, פאַר אײך... זאָל עס ליגן בײַ מיר. איר קענט רוסיש? — האָט ער מיך פלוצלינג געפרעגט, ער האָט דערזעהן, אַז די פּאַפּירן זײנען אָנגעשריבן רוסיש.

— איך קען.

— אַי — אַי, וואויל! זעהט איר! איך לערן מיך רוסיש. איך האָב נישט קיין גוטע אויסשפּראַך, איר וועט ריידן מיט מיר רוסיש? איר וועט מיר צווייזן, מיין ליבער פריינט? אַי — אַי — וואויל! איר וועט מיר צווייזן?

ער האָט ווידער געמאַכט די פריהעריגע מינע: געשמייכלט; גאָר אין זיין בליק איז איצט שוין געווען עפּעס אַ קינדערשע בקשה; ער האָט געבעטן, ווי אַ קינד בעט בּאַ די עלטערן אַ גראָשן.

נאָך דעם האָט ער שוין ביז היינט זעהר זעלטן גערעדט מיט מיר אידיש. ריידן רעדט ער רוסיש זעהר שלעכט מיט אַ סך גרייזן, און ער וויל אויסנוצן די צייט, וואָס איך פאַרברייננ מיט אים, אויף אויסצובעסערן אים די גרייזן. נאָך יעדער פאַרבעסערונג הער איך:

— אַי — אַי — אַי, ספּאַסיבאָ, ספּאַסיבאָ! (איך דאַנק, איך דאַנק) ווי כאַראָשי נאָספּאָרין! (איר זייט אַ גוטער הער).

איבערהויפּט, אַז ער רעדט מיט מיר, צו מיט עמיצן אַן אַנדערן, רופט ער יענעם אָן „הער“ אָדער „גנעדיגער הער“. מיינע באַ־מערקונגען, אַז אויף רוסיש זאָגט מען פּראָסט „איר“, העלפן נישט. ער טראַכט זיך אַוודאַי אַזוי: „אַז מען קאָן טון אַ טובה יענעם און זאָגן גנעדיגער הער — מהיכא תיתא, פאַרוואָס נישט?“

מיר האָבן זיך געזעצט באַם ט״ש און פאַררויכערט פּאַפּיראָסן. פינקעלמאַן האָט מיר געזאָגט, אַז נאָר מיר צוליב רויכערט ער און לאָזט זיך מכבד זיין מיט אַ פּאַפּיראָס. דערנאָך בין איך אָבער געוואָר געוואָרן, אַז נישט נאָר מיר אַליין טוט ער די טובה. רויכערן, פאַרשטייט איך, האָט ער זעהר ליב, ווי אַלע נערוועזע (זיין פּנים און זיינע באַוועגונגען זיינען זעהר נערוועז), נאָר ער פאַרגינט זיך נישט צו קויפן: ער איז זעהר אַ קאַרגער.

די בעל־הביתטע פון די ערשטע צוויי צימערן איז אַריינגע־קומען בעטן אַ שוועבעלע, און איך בין דערשראָקן געוואָרן, וויל פינקעלמאַן איז פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען מיט אַ אימפּעט, אַרויסגעריסן זעהר נעשיקט די שוועבעלאַך פון מיין האַנט און האָט זיי דערלאַנגט דער בעל־הביתטע מיט דער זעלבער מינע און מיטן זעלבן שמייכל, וואָס איך האָב ערשט דאָ דערמאָנט:

— אַ שוועבעלע? — האָט ער גערעדט מיט אַן איידעניש

און איז אונטערגעשפּרונגען בײַ יעדן וואָרט — אַ שוועבעלע? אַ? נאָט אײַך! נעמט נאָך אַ פּאָר, נעמט! ס'שאַדט נישט, ס'שאַדט נישט!

דאָס איז געווען פרײַטאָג. פינקעלמאַן, וואָס באַשעפ־טיגט זיך מיט לשון־הקדשע לעקציעס, איז שוין געווען פרײַ. ער האָט זיך געלעגט אויפן בעטל און געלעזן עפּעס אַ פּאָר צעשיטע רוסישע בלעטער פון אַן אַלטן זשורנאַל. ער האָט מיר דער־ציילט, אַז די בלעטער האָט ער געפונען אין אַ געוועלב, וואו זיי זײַנען געברויכט געווען אויף פּאַק־פּאַפּיר, און ווײַל ער לערנט זיך רוסיש און האָט אַ רוסישן ווערטער־בוך, האָט ער זיי אָפּגעע־קויפט פאַר דרײַ קאָפּעקעס.

— אַ שוואַרץ יאָר! — האָט ער געזאָגט, דערציילנדיג מיר וועגן דעם, — נאָר אויסצורייסן יענעם! אַ גאַנץ פונט פּאַק־פּאַפּיר קויפט מען פאַר דרײַ קאָפּעקעס. זעהט, מײַן ליבער פרײַנט (ער האָט די בלעטער מיר דערלאַנגט אין דער האַנט אַרײַן), זעהט, ס'וועגט אינגאַנצן אפשר אַ פערטל פונט, — נאָר אויס־צורייסן יענעם!

און בײַ די לעצטע ווערטער האָט ער אַזוי פאַרקרימט זײַן פּנים, אַז ס'איז באמת אַ רחמנות געווען צו קוקן אויף אים.

ער איז געלעגן און האָט געלעזן הויך אויפן קול, און אַלע מינוט געפרעגט אַן אַנדער וואָרט. דער אַרטיקל, וואָס ער האָט געלעזן, איז געווען אַן עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער. ער האָט נאָר ווייניג פאַרשטאַנען דעם אינהאַלט און האָט דערפון געהאַט גרויס עגמת־נפש.

איך בין באַלד מיר געוואָרן אים צו פאַרטײַטשן די ווערטער. בײַ יעדן וואָרט האָב איך געברויכט אויסצורייזן זעהר פיל, דערצו האָב איך מיך געמוזט היטן נישט צו באַנוצן אין מײַנע רייד עפּעס אַזאַ וואָרט, וואָס פינקעלמאַנען קאָן עס אויסזעהן קלינגליך. אַז נישט — האָט ער געמאַכט אַ טענה וועגן דעם נײַעם וואָרט, וואָס ער האָט ערשט געהערט פון מיר. באַמערקט האָב איך אײַנגעטליך, אַז פײַהינקייטן האָט ער גאָרנישט קיין שלעכטע: זײַן גמרא־קאָפּ האָט אַלץ תופס געווען פלינק, געשיקט און אין תוך אַרײַן. נאָך יעדער דערקלערונג האָט ער געשמייכלט און גע־

דאַנקט אויף זיין לשון, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, געצווינגן מיטן שטערן, נאָר די אויגן זיינע האָבן געקוקט עפּעס אַביסל מיט אַ קאַצן־בליק, אַביסעלע פאַלש, איבערשפּיציג אַזוי...

כדי איך זאָל מיר פאַרלייכטערן די אַרבעט, האָב איך אים פאָרגעלעגט דאָסטאָיעװסקיס אַ בוך צו לעזן: „דאָס פאַרברעכן און די שטראָף", וואָס איך האָב געהאַט באַ מיר אין קעסטל. פּינקעלמאַן איז מיט גרויס פרייד אַראָפּגעשפּרונגען פון בעטל, און מיט זיינע הענט האָט ער מיך אָנגעכאַפּט פאַר מיינע אַקסלען און מיך געטרייסלט פאַר שמחה, זאָגנדיג און איבערזאָגנדיג עטליכע מאָל דעם שפּראַך זיינעם:

— ספּאַסיבאָ, ספּאַסיבאָ! ווי כאַראָשי גאָספּאָדין!

זענט און פיס האָבן אונטער אים געציטערט, געוואָרפן האָט ער זיך אינגאַנצן, ווי אַ פיש, אַזוי איבעררּאַשט איז ער געזען.

צום קעסטל האָט ער מיך נישט געלאָזט צוגיין, ער האָט מיר אַרויסגעכאַפּט דאָס שליסעלע פון דער האַנט, אויפגעשלאָסן דאָס שלעסל און גענומען רודערן באַ מיר אין קעסטל. איך בין געשטאַנען, ווי אַ גולם, ווי אַ קלאָץ עפּעס, און בין בייז געווען אויף מיר אַליין. דער גאַנצער מח מיינער, אויב איך געדיינק גוט, איז געווען באַשמירט מיט איין געדאַנק: „וואָס כאַפּט ער עפּעס?! מיין קעסטל, רוכט זיך!" קריגן אָבער וויל איך מיר נישט. ער איז געזעסן אויף דער ערד און איבערגעוואָרפן איין בוך נאָכן אַנדערן און אַלע מיינע זאַכן.

ער האָט גענומען לעזן דאָסטאָיעווסקין און ווידער האָט ער אָנגעהויבן צו פרעגן. כמעט באַ יעדער שורה האָב איך געהאַט אַ געטועכץ אויף עטליכע מינוט. איך האָב מיר אָנגעטאָן מיין פּאַלטאָ און געוואָלט אַרויסגיין, פּינקעלמאַן האָט אויף מיר געקוקט מיט אַ געבעט:

— וואו אַהין גייט איר? — האָט ער מיך געפרעגט.

— איך ברויך אַוועקצוגיין.

— זעהט נאָר, — האָט ער געערעדט וויינענדיג, — אַ גאַנצע וואָך האָב איך קיין צייט נישט צו לעזן; פון אין דערפריה ביז אויף דערנאַכט בין איך פאַרטון, צען לעקציעס האָב איך... זיצט אין

דערהיים! זעהט נאָר, וואָס שאַדט עס אייך? איר זייט דאָך אַ גוטער הער! זעהט נאָר, וואוהין גייט איר?

איך האָב אָבער דוקא געוואָלט אַוועקגיין און פינקעלמאַנען, האָב איך געזעהן, האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן אויף מיר. ער האָט געביסן די ליפּן, ווי איינער, וואָס מען האָט אים אַ גרויסע עולה געטאָן און קאָן זיך נישט אָפּוועהרן. געקוקט האָט ער אויף מיר אַביסל מיט פאַרוואונדערונג, אַביסל מיט באַדויערונג. געטראַכט וועגן מיר האָט ער אַוודאַי אַזוי: „וואָס פאַר אַ שלעכטע מענשן עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט! מען קאָן אַ טובה טון און ס'זאָל נישט קאָסטן קיין גראָשן געלט, און מען טוט נישט!"

אַז איך בין צוריקגעקומען אין עטליכע שעה אַרום, איז פינקעלמאַן נאָך געלעגן אויפן בעט און ער איז זעהר פאַרטיפט געווען אין לעזן. ער האָט אַפילו נישט געהערט, אַז איך בין אַריינגעקומען. דעם אמת זאָגנדיג, האָב איך דאַמאָלס נישט גערעכנט, אַז אַ בוך זאָל קאָנען דעם מענשן אַזוי אינטערעסירן. זיין פנים האָט געהאַט אַ שטריינגען אויסדרוק, אַוודאַי ווי ראַסקאָלניקאָוו בשעת ער האָט געהרגעט. עס איז לייכט געווען צו דערקענען, אַז פאַרטון איז נישט איצט זיין זכרון, פאַר וועלכן ער זוכט נייע רוסישע ווערטער, נאָר עפּעס אַנדערש גאָר לעזט ער איצט, און עס איז פאַרטון — די נשמה זיינע. איך האָב מיר שטיל אַנידערגעזעצט באַם טיש. פלוצלינג האָט ער שווער אָפּגעזיפצט, אויפגעהויבן די אויגן, און אַז ער האָט מיך דערזעהן, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און צוגעלאָפן צו מיר. ער האָט נישט געקאָנט ריידן: דער בוך האָט אים געמוזט זעהר שאַרף אַריינקריכן אין האַרצן. דערנאָך האָט ער פאַרקרימט די ליפּן. געוואָלט האָט ער אַוודאַי שמייכלען, נאָר אַרויסגעקומען איז גאָר עפּעס אַנדערש. איך ווייס נישט, ווי מען רופט עס אָן.

איצט האָט ער גערעדט אידיש:

— אַ ממזר־קאָפּ! אַ גנבהשער קאָפּ! — האָט ער גערעדט און געטייט מיטן פינגער אויפן בוך, וואָס ער האָט געלאָזט ליגן אויפן בעט — אַ ממזר־קאָפּ, אַ שוואַרצע גבורה האָט ער! אַ! אַז איך וואָלט געקאָנט אַזוי שרייבן!

איך האָב מיך פאַראינטערעסירט.

— וואָס וואָלט געווען? — האָב איך געפרעגט.

— אַ־אַ, אַז איך וואָלט געקאָנט אַזוי גוט שרייבן — וואָס מיינט איר, מיין ליבער פריינט? וואָלט איך נישט דאָ געזעסן! וויפיל קאָן ער נעמען פאַר אַזאַ בוך? ער לעבט נאָך? אַוודאי אַ פאָר הונדערט רובל. ע, מיין ליבער פריינט! איך וואָלט באַלד גע־בראַכט אַהער מיין ווייב: ווי איר זעהט מיך! וואָס מיינט איר? אַ שיין ווייבעלע, איך זאָג אייך — אַ „צאַצקע"... שענער פאַר אַלע...

ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין מיאוסע רייד, וואָס איך וויל נישט דאָ איבערחזרן. ער איז דוכט זיך לייד־נשאַפטליך; קאַרג איז ער; זיין בלוט צערייצט זיך גאָר לייכט, — און ער ליידט זעהר דערפון...

פון די איבעריגע רייד זיינע בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ער האָט אַ ווייב עפּעס אין אַ קליין שטעטל אין ליטע, איך געדיינק נישט, ווי עס הייסט, און אַז ער וויל זיך גטן מיט זיין ווייב, ווייל מען האָט אים נישט געגעבן דעם נדן. דאָס ווייב גופא האָט ער ליב; זי איז עפּעס גאָר אַ שיינע, לויט ווי ער זאָגט. נאָר דעם שווער האָט ער זעהר פיינט, ווייל ער האָט אים אויסגענאַרט און נישט געגעבן קיין גראָשן פון די דריי הונדערט רובל, וואָס מען האָט אים צוגעזאָגט.

פינקעלמאַן זאָגט, אַז ער מוז זיך נוקם זיין אין זיין שווער און גטן דאָס ווייב: לאָז ער מיט איר טון, וואָס ער וויל — איך בין זיך משער, אַז עס גייט אים נישט בלויז אין נקמה־נעמען: די דריי הונדערט רובל, וואָס ער האָט געקאָנט האָבן, דריקן אים אויפן האַרצן — ער האָט מיר נאָך דערציילט, אַז ער האָט שוין געהאַט אַ קינד מיט איר, נאָר ס'איז געשטאָרבן. דאָס קינד האָט ער נישט געזעהן, ווייל ער איז באַלד נאָך דער חתונה אַוועק־געפאָרן, ווען ער איז נאָר געוואָר געוואָרן, אַז דער שווער איז אַ גרויסער אָרימאַן און איז נישט אימשטאַנד צו געבן אַפילו איין רובל. געקומען איז ער אויפן ברית, נישט גערעדט מיט קיינעם, נאָר אַ נאָמען געגעבן און אַוועקגעפאָרן. די קינפּעטאָרין, בין איך זיך משער, האָט געמוזט שטאַרק וויינען דאַמאָלס.

און אַז ער האָט גערערט פונם קינדס טויט, האָב איך באַ־מערקט, אַז ער איז צופרידן דערפון, וואָס דאָס קינד איז גע־שטאָרבן. ריידנדיג וועגן דעם מיט מיר, האָט ער זיך אַפילו אַרויסגעכאַפּט מיט אַ „סלאַוואַ באָגו" (געלויבט איז גאָט). נאָר אינמיטן האָט ער זיך אַוודאי דערמאָנט, אַז ער איז צופיל אָפנ־הערציג מיט מיר, און ער האָט דאָס וואָרט „באָגו" פאַרשלונגען. איך פאַרשטיי, אַז דער טעות זיינער קומט דערפון, וואָס ער רעדט רוסיש; ווייל ער מוז שטאַרק אַרבעטן מיטן קאָפּ זיינעם, כדי ער זאָל זיך קאָנען אויסדריקן אויף אַ פרעמדער שפּראַך, דעריבער פאַרגעסט ער זיך אינמיטן. און צופרידן פון קינדס טויט איז ער איבער גאָר אַ פּשוטן טעם: דער נט וועט אים אָנקומען גרינגער.

דאָס אַלץ בין איך געוואָר געוואָרן נאָך פאַר דריי וואָכן פרייטאָג, ווען איך האָב מיר דאָ אַריינגעצויגן. פון דאַמאָלס אָן האָב איך נישט אָפּגעשטעלט מיט אים לאַנג גערערט: אַ גאַנצע וואָך איז ער טאַקע פאַרנומען פון נייען אין דערפריה ביז צען אויף דערנאַכט, ער האָט צען לעקציעס אויף פאַרשיידענע גאַסן, פרייטאָג־שבת זיך איך וויניג אין דערהיים, און פּינקעל־מאַן איז אויף מיר זעהר בייז. ער לעזט דאַמאָלס און וויל, אַז איך זאָל אַ גאַנצן טאָג זיצן באַ אים און אויסרייען די רוסישע ווערטער — ער האַלט מיך אין דער אמתן פאַר אַ שלעכטן מענשן. וואָס קאָן איך טון? ס'וואָלט אַ יושר געווען צו דינגען אַן אַנדער דירה.

אין דערפריה גייט ער אַוועק, ווען איך שלאָף נאָך. אויף דערנאַכט קומט ער אַהיים שפּעט, זיפצט אָפּ אַ פּאָר מאָל און הויבט זיך אָן צו קלאָגן אויף די בעלי־הבתים, וואָס רעכענען אויפן רוסישן חדש, וואָס איז גרעסער פאַרן אידישן און ועס־גלייכן אַזעלכע זאַכן. ענדיגט ער שטענדיג מיט דער אייגענער מעשה פונם בעל־הבית, וואָס איז אים שולדיג געבליבן פאַר צוויי חדשים אַכט רובל, און ער, פּינקעלמאַן, מאָנט אים נישט, ווייל ער ווייסט, אַז ער איז אָרים... אַזוי זאָגט פּינקעלמאַן. ווייס איך, צי זאָגט ער אמת? נאָר קוים האַלט ער באַ דער מעשה, ווייס איך, אַז ער ענדיגט שוין, אַז ער גייט שוין עסן

װעטשערע, און איך װעל נישט ראַרפן צושאָקלען מיטן קאָפּ, אַז נישט — האָט ער פּאַריבל און קוקט אויף מיר אַזױ מוראָריג שלעכט, מיט רציחה אַפילו... און איך קאָן דאָס נישט ליידן. ער איז בכלל אַ סך קאַלטער צו מיר, װי ער איז געװען, כאָטש רוסישע װערטער פרענט ער און דאַנקט אַלץ מיטן אייגענעם לשון און שפּרינגט אונטער, נאָר אין זײן האַרצן האָט זיך שױן אַ סך שנאה אָנגעזאַמלט קעגן מיר.

אין עסן זײנעם דערקענט מען גוט, אַז ער איז געװען אַ ישיבה־בחור און האָט לאַנג געגעסן טעג. ער קוקט אַזױ לאַנג אויפן ברויט, איידער ער עסט עס, לאָזט קײנמאָל נישט איבער, שמאָטשקעט מיטן מויל, אַקוראַט װי דאָס עסן װאָלט באַ אים שטענדיג געװען אַ שװערער ענין, איבער װעלכן דער מח זײנער האָט אַ סך געאַרבעט. איך מיין נישט, װי אַזױ צו קריגן עסן: אויף דעם קלערט דאָך יעדערער; איך מיין: דאָס עסן אַליין, דאָס איבערטראָגן די שפּייז פון טיש אין מויל אַריין, דאָס טוען דאָך מענשן כסדר אָהן טראַכטן און קלערן; אַ ישיבה־בחור מוז אַװדאי קלערן און עסן.

איינמאָל (אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז עס געװען פּאַר צען טאָג) קומט ער אַהיים עפּעס זעהר לוסטיג, ער האָט שױן געהאַלטן גרייט די הענט אַרױפצולייגן אויף מײנע אַקסלען, נאָר ער האָט זײ צוריקגענומען. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, גע־קוקט מיר לאַנג אין די אויגן אַריין עפּעס נאָר ערנסט און אַביסל מיט אַ געבעט.

— פּאַרװאָס זענט איר מיר אַ שלעכטער פרײנט? — האָט ער געפרעגט.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער װיל עפּעס פונם האַרצן אַראָפּ־רײדן, עפּעס גוטס, פרײליכס, און מאַכט דערצו אַ הקדמה, איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך בין אים נישט קיין שלעכטער פרײנט.

— איר זענט מיר אַ גוטער פרײנט? — האָט ער געזאָגט און איז אַזױ אַנטציקט געװאָרן, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו רײדן אידיש

— זעהט איר, איך האָב באַלד געוואוסט. איר זענט אַזאַ גוטער! איך האָב אייך אַזוי ליב, מיין ליבער פריינט! פאַרוואָס ווילט איר מיך נישט לערנען רוסיש? זעהט איר (ער האָט אַרויס־גענומען אַ ביכל פון דער רעגירונגס־שפּאָר־קאַסע און מיר געוויזן)? געלויבט צו גאָט — שוין פופציג רובל. היינט האָב איך אַריינגעלעגט צען רובל. אָ! אַז איך וועל אָנזאַמלען הונדערט רובל?...

— וואָס וועט זיין? — האָב איך געפרעגט.

— אַ־אַ! לאָמיך נאָר האָבן, איך וועל אַוועק קיין אַמעריקע.

— וואָס טויג אייך אַמעריקע?

ער האָט פאַרגלאָצט די אויגן, געמאַכט אַ פרומע מינע און געזאָגט:

— זעהט איר, מיין ליבער פריינט, איך האָב ערשט היינט באַפוילן אַהיים, אַז איך פאָר קיין אַמעריקע, און זי וועט בלייבן אַן עגונה. לאָז זי זיך גטן! וואָס בין איך שולדיג?

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אין דער אמתן וויל ער נישט פאָרן קיין אַמעריקע. נאָר ער זאָגט אַנדערע און רעדט זיך אַליין אַזוי איין, כדי זיין ווייב זאָל זיך דערשרעקן און נעמען פון אים אַ גט. ער דערציילט אַוודאי יעדערן אַזוי און הויבט אַליין אָן צו גלויבן דערינען. ער זאָגט בכלל נאָר וואויל ליגנס: מיטן פּנים, מיט די הענט און מיטן האַרצן אַפילו, ער מאַכט דאַמאָלס אַן איינדרוק פון אַ קינד.

עס איז מיר אַפילו אַ וואונדער און דאָך איז עס אַזוי: אַז ער זאָגט ליגנס, האָב איך אים אַ סך ליבער, ווי אַז ער זאָגט אמת. עס מוז זיין דעריבער, ווייל ער איז נאָר צופיל אָפּנהאַרציג, און אַז ער רעדט אַ סך און ווייזט אַרויס זיין פאַרבּרודיגט האַרץ, איז שווער צו פאַרטראָגן, און איך וואָלט אים דעמאָלס הונדערט רוסישע ווערטער פאַרטייטשט, אַבי ער זאָל אָנהויבן אַביסל ליגנס צו זאָגן, כדי די אויגן און דאָס פּנים זיינס זאָלן ווערן ליבּ־ליבער.

יענע נאַכט איז ער מיט מיר גאָר גוט געווען: אַ פּאָר מאָל מיך אָנגענומען פאַר די אַקסלען און געטרייסלט; גאָר אַ סך מאָל איבערגעחזרט: „ווי כאַראָשי גאָספאָדין". אין מיטן די רייה

האָט ער מיר דערציילט, אַז פאַר זעקס חדשים האָט מען אים אַהיים געגאַרט, מען האָט געקלאַפּט אַ טעלעגראַם צו אים, אַז די מוטער זיינע איז געשטאָרבן. דאָס ווייב אין דערהיים האָט אים שטאַרק געגומען באַם האַרצן, ער איז אַ פּאָר טאָג אין דערהיים געזעסן און געוואוינט מיטן ווייב... ער האָט שוין גע־וואָלט נעמען צוויי הונדערט רובל, נאָר דער שווער מוז זיין אַ גרויסער אָרימאַן: מען האָט אים גאָרנישט געגעבן, און ער איז צוריק אַוועק קיין וואַרשע...

— איר ווייסט, מיין ליבער פריינט, — האָט ער צו מיר געזאָגט, ליגנדיג אויסגעצויגן אויפן בעט, און ער האָט דאָס פּנים פאַרקרימט פאַר גרויס נחת. די נאָז האָט דעמאָלט אויס־געזעהן נאָך שפּיציגער, ווי זי איז. — איר ווייסט, איך האָב מורא געהאַט, פאַרשטייט איר... עס זאָל נישט עפּעס געבוירן ווערן פון מיין אין דערהיים־זיין... אַ ניי קינד ברויך איך! איך ווייס שוין איצט אויף זיכער. זעהט איר? זאָגט, מיין ליבער פריינט, נישט אמת? אַז ס׳וואָלט עפּעס געווען, וואָלט זי דאָך מיר גע־שריבן, אַז ס׳איז... נישט אמת? נישט אמת? זאָגט, מיין ליבער פריינט!

ער האָט געבעטן באַ מיר אַ הסכמה, אַז דאָס ווייב זיינס טראָגט נישט.

— וואָס מיינט איר? האָט ער ווייטער געזאָגט און עפּעס אַ רייץ האָט פאַרצויגן די אויגן זיינע. — וואָס מיינט איר? אַ וואויל ווייבעלע... אירע באַקן צו קנייפּן, איך זאָג אייך — אַ! אַ!

מיר האָבן נאָך אַ סך גערעדט. איך בין געוואָר געוואָרן, אַז ער איז היינט אַן אַפּיקורס, דאַווגט נישט אַפילו. גערעדט האָט ער וועגן זיין אמונה מיט כעס, געזידלט, אַז מען האָט אים אויסגענאַרט. אַ סך מאָל האָט ער איבערגעחזרט דאָס וואָרט „אָבמאַנשטשיקי״ (אויסנאַרערס). ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז פאַר אַ יאָרן ווינטער, ווען ער איז נאָך פרום געווען, האָט ער איבער דעם דאַווגען נישט געקאָנט אָננעמען אַ פריהמאָרגנדיגע לעקציע, און ער איז דערויף זעהר בייז. ער האָט אויסגערעכנט, אַז דורכן זמן וואָלט ער געהאַט פיר און צוואַנציג רובל. און היינט

צוזאַמען מיט די פופציג, וואָס ער האָט אויפן ביכל, וואָלט ער געהאַט פיר און זיבעציג רובל.

— — — — — — — — — — — —

היינט אויף דערנאַכט אַכט אַזייגער, ווען איך בין אַהיים געקומען, האָב איך זיך זעהר פאַרוואונדערט, וואָס איך האָב שוין געטראָפן פינקעלמאַנען און דערקענט אין זיין פנים, אַז דאָס איז עפּעס נישט אַזוי גלאַט, ער האָט מיר אַפילו נישט געענטפערט אויף מיין „גוטן אָוונט", אַזוי צעטראָגן איז ער געוועז.

ער איז געזעסן בּאַם טיש, זעהר געביסן די ליפּן און נערוועז זיך איבערגעזעצט אַלע ווילע אויפן בענקל. אין דער האַנט האָט ער געדרייט עפּעס אַ פּאָסט־קאַרטל. אויף מיר האָט ער אַלע ווילע אויפגעהויבן די אויגן, און אין זיין בליק איז געווען צו דערקענען אַ שווערער ווייטאָג, אַ האַרצקלעמעניש. איך האָב דערקענט, אַז ער האָט געוויינט, און אַז איצט האַלט ער זיך קוים איין פון וויינען. איך האָב אים געפרעגט:

— וואָס איז אייך פינקעלמאַן?

ער האָט מיר נישט געענטפערט, געמאַכט זיך נישט הערנדיג און געוואָלט ריידן גאָר פון אַן אַנדער זאַך:

— וואָס מאַכט איר, מיין ליבער פריינט?

נאָר די לעצטע ווערטער האָט ער נישט שאַרף אַרויסגערעדט. די טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלז. ער אַליין האָט באַמערקט, אַז איך פיל זיינע טרערן.

— אַ שוואַרץ יאָר! — האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין טיש, אַרויסגענומען דאָס בייטעלע, דורכגעציילט דאָס קליין־געלט, וואָס האָט זיך בּאַ אים געפונען און איז אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ (מיר וואוינען אויפן פערטן שטאָק), אין אַ פּאָר סעקונדעס אַרום איז ער שוין געווען און האָט שווער געטעמט: ער האָט אַוודאַי געמוזט לויפן אַהין און צוריק. געהאַלטן האָט ער אין דער האַנט אַ דאָפּלט־קאַרטל, וואָס ער האָט געקויפט אין געוועלב.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט בּאַם טיש, גאָרנישט גערעדט און אָנגעשריבן אַדרעסן אויף דעם דאָפּלט־קאַרטל: איין אַדרעס, וואוהין ער האָט געבּרויכט, דעם אַנדערן אַוודאַי צו זיך. דער־

נאָך האָט ער אַרויסגענומען פון וועסטל־קעשענע דאָס ערשטע קאַרטל, וואָס ער האָט דערהאַלטן, און איך האָב באַמערקט, אַז ער לערנט עס מיט גרויס כּוונה, יעדע שורה און יעדעס וואָרט באַזונדער. ער האָט שווער אָפּגעזיפצט און גענומען שרייבן דעם בריוו. געשריבן האָט ער מיט אַ אימפּעט, ווי איינער, וואָס האָט אַ משׂא פון זיך אַראָפּגעוואָרפן, און זיין פּנים האָט זיך מיט יעדער שורה געענדערט. אים האָט געמוזט לייכטער ווערן אויפן האַרצן פונם שרייבן.

דאָס אָנגעשריבענע קאַרטל האָט ער לאַנג געטריקנט איבערן לאָמפּ, געדרייט עס אַהין און צוריק. דערנאָך ערשט האָט ער עס אַנידערגעלעגט אויפן טיש און געקוקט דערויף עפּעס מיט אַ מין בליק, וואָס איך ווייס נישט, ווי מען רופט אים אָן. איך דער־מאָן מיר איצט, אַז באַ מיין טאַטנס טויט, יינגלוויז נאָך, אַז מיין טאַטע איז שוין געווען צונעשיט, איז דער שמש צוגעקומען צו אונז קינדער און האָט יעדן איינגעשניטן די קלאַפּע. מיין קלענערער ברודער, געדיינק איך, האָט גענומען די צעריסענע קלאַפּע אין דער האַנט, געדרייט זי אַהין און צוריק און באַטראַכט פון אַלע זייטן. געקוקט אויף דער קלאַפּע האָט ער מיט דעם זעלבן בליק, וואָס פּ י נ ק ע ל מ אַ ן פאַר עטליכע שעה אויף דעם קאַרטל: מיט אַ טיפן אומעט, נאָר אַביסל פאַרוואונדערט: „ווי קומט עפּעס די קלאַפּע דערצו?"

ער איז נאָך געזעסן אַביסל און באַטראַכט דאָס קאַרטל. דערנאָך האָט ער זיך פּאַמעליך אויפגעהויבן פון אָרט, צוגעגאַנגען צום קעסטל זיינעם און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פּעקל בריוו, צווישן וועלכע עס זיינען געווען עטליכע דאָפּלט־קאַרטלאַך. אַ פּאָר בריוו האָט ער געלעזן. דערנאָך האָט ער דאָס היינט־אָנגע־שריבענע דאָפּלט־קאַרטל צוגעלעגט צום פּאַק בריוו און האָט עס צוריק אַר־יינגעלעגט אין קעסטל.

ער איז שוין געווען אַביסל רוהיגער. דאָס קאַרטל, וואָס ער האָט באַקומען, איז נאָך געלעגן אויפן פּנים:

— לייענט מיין פריינט!

אין בריוול שטייט אַזוי (איך האָב דאָס איצט פאַר מיינע אויגן):

„ליבער, געטרייער מאַן יעקב יהודה נ״י.

„ערשטנס, שרייב איך דיר פון מיין ליבן געזונט, דאָס נעמ־ליכע ווינש איך מיר צו הערן פון דיר ביז אייביג, אָמן סלה.

„צווייטנס, שרייב איך דיר, איך האָב שוין נישט קיין כח צו ווייגען און איך האָב נישט געהאַט אויף אַ קאַרטל, האָב איך מיר געבאָרגט, מיין ליבער מאַן, וואָס בין איך שולדיג אַקעגן דיר. אַז איך וועל קומען קיין וואַרשע, וועל איך עסן ברויט און זאַלץ און פאָרלאָגעס וואַשן. און איך בעט דיך, שרייב, איך זאָל קומען און שיק מיר אויף דער הוצאָה. גאָט וועט דיר צושיקן ברכה און פרנסה דורך מיר. איך שרייב שוין דאָס פינפטע קאַרטל צו דיר, און איך האָב נישט קיין בריוו באַקומען. גאָט וועט דיר העלפן אין מיין זכות, און האָב רחמנות אויף מיר און אויף מיינע יונגע יאָרן. אָמן סלה״.

„דיין ווייב, וואָס האָפט זיך צו זעהן מיט דיר,

זעלדע פינקעלמאַן״.

אין דער זייט איז צוגעשריבן מיט גאָר קליינע אותיות:

„מען האָט אונז פון דירה אַרויסגעוואָרפן. שרייב, איך זאָל קומען, איך וועל מיר שוין שאַפן אויף דער הוצאָה. איך ווייס נישט, וואָס מען טוט? דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן, און איך שלאָף בײַ רחל חנהס״.

אַז איך האָב געענדיגט צו לעזן, האָט ער מיר לאַנג גע־קוקט אין די אויגן אַריין. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער וויל הערן פון מיר זיין משפט. ער האָט זיך געפילט זעהר זינדיג.

— נעמט זי קיין וואַרשע — האָב איך געפרובט — וואָס וועט אייך דען קאָסטן טייערער?

ער האָט מיך אָבער נישט געלאָזט ענדיגן.

— ווי הייסט? אָהן אַ גראָשן געלט! דריי הונדערט רובל האָט זי מיר צוגעזאָגט! וואָס האָט זי מיך געהאַט אויסצונאַרן? איך האָב אַכט יאָר געלערנט אין לאָמזשע, אַכט יאָר! (ער האָט צו־געקלאַפּט מיטן פויסט אין טיש). אויף דער האַרטער באַנק גע־שלאָפן און געפאַסט האָב איך, און מיך האָט מען געשלאָגן! אַצינד פרעג איך אייך: צו וואָס? איך זאָל טאָן אַ שדוך אָהן אַ גראָשן געלט! אָהן אַ גראָשן!... האָב איך געברויכט אַכט יאָר־

פֿאַרשוואַרצט און פֿאַרפֿינסטערט צו ווערן, איך זאָל טון אַ שרוך אָהן אַ גראָשן געלט, אָהן אַ גראָשן געלט!... אַז ער האָט אַ טאָכטער, בין איך שולדיג? נו, זאָגט אַליין, זאָגט אַדרבה, וואָס בין איך שולדיג, אַז ער האָט אַ טאָכטער? וואָס בין איך שולדיג?

— זי איז דאָך אָבער אויך נישט שולדיג! — האָב איך געפּרובט.

פּינקעלמאַן האָט מיר אַרויסגעכאַפּט זיין ווייבס קאַרטל פֿון דער האַנט. איך האָב געזעהן, אַז אויפֿן האַרצן ווערט אים ווידער שווער. ער האָט נאָך אַמאָל אָנגעהויבן צו לעזן דאָס קאַרטל, נאָר אין מיטן האָט ער זיך הויך פֿאַרוויינט:

— וואָס בין איך שולדיג?! האָט ער געכליפּעט הויך אויפֿן קול און צוגעקלאַפּט זיך מיט דער פֿויסט אין האַרצן.

— וואָס בין איך שולדיג?!

ער איז צוגעלאָפֿן צום קעסטל, אַרויסגענומען דעם פּאַק בריוו, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג געהאַט אַריינגעלעגט.

— זעהט, — האָט ער געזאָגט, און מיר דערלאַנגט דעם פּאַק בריוו, — זעהט אַליין: שוין צען בריוו האָב איך איר געשריבן, אַז זי זאָל קומען! דאָפּלט־קאַרטלאַך, זי זאָל צוריק שרייבן, ווען כ׳זאָל זי אָפּוואַרטן. דאָ ליגן זיי — איך שיק זיי נישט אַוועק... איר מיינט אפשר, איך האָב נישט געוואוסט, אַז איך וועל דעם היינטיגן בריוו נישט אַוועקשיקן? איך האָב געוואוסט: איך האָב דאָך געקאָנט אַוועקשיקן אַן אַלטן בריוו! איך האָב געוואוסט... גאָט לייענט:

פֿון זיין קאַרטל צו זיין ווייב, געדיינק איך איצט די ווערטער: „מיין טייערע נשמה, איך בין זינדיג קעגן דיר, מיין טייער לעבן, קום, למען־השם, באַלד צו פֿאָרן. איך בייבק זעהר נאָך דיר, איך קאָן אָהן דיר נישט לעבן“ — און נאָך אַזעלכע ווערטער.

— דאָס קאָסט מיר שוין מער, ווי פֿופֿציג קאָפּעקעס די בריוו! — האָט ער געזאָגט. ער איז שוין געווען באַרוהיגט און געגאַנגען עסן וועטשערע.

— איך ווייס, אַז ס׳איז אַרויסגעוואָרפֿן געלט, נאָר עס כאַפּט מיר אָן באַם האַרצן, מיין ליבער פֿריינט, איך מוז קאַליע מאַכן געלט דערויף, פֿאַרשטייט איר, איך מוז אויסגעבן געלט... איך

מוז... נו, זאָגט אַליין, וואָס ווילן זיי פון מיר האָבן? וואָס בין איך שולדיג?

— איך האָב אים נישט געענטפערט, ווייל איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עס איז בחנם; ער איז שוין איצט געווען אינגאַנצן רוהיג און האָט געקוקט אויפן ברויט און געלעגט די שטיקלאַך אין מויל אַריין עפּעס מיט אַ מין צופרידנקייט און זיסקייט, אַשטייגער, ווי ער וואָלט געווען אַן אויסגעבעטענער בן יחיד אויף דער גאַנצער וועלט. ער האָט זיך באַלד אויסגעטאָן און געלעגט שלאָפן. אויף די לעקציעס איז ער היינט נאָכמיטאָג נישט געווען. די דינסט האָט מיר געזאָגט, אַז אַ גאַנצן האַלבן טאָג האָט זי אים געזעהן לויפן איבער דער שטוב אַהין און אַהער און מורמלען עפּעס פאַר זיך, ווי משוגע.

איצט שלאָפט ער און כראָפּעט הויך, ער רונצלט זעהר מיטן שטערן און שמאָטשקעט מיטן מויל... וואָס חלומט זיך אים? פון ווייב מיט די שיינע באַקן, וואָס זיי צו קנייפּן איז בּאַ אים „אַ!״? און וואָס חלומט זיך נעבעך דעם יונגען ווייבל, וואָס שלאָפט איצט אין אַן איינגעבעטענער דירה, אויף דער ערד אַוראַי? זיפצט זי אין שלאָף? בעט זי רחמים בּאַ דעם מאַן אירן און שרייט געוואַלד: „איך בין דאָך גאָר נישט שולדיג!״?...

ווען איך וואָלט געוואָלט, קאָן איך צוגיין איצט צו פּינקעלמאַנען, אָנגעמען אים מיט מיינע הענט פאַרן האַלז און דערוואַרגן, ביז ער וועט די צונג אַרויסשטעקן. איך שטעל מיר פאָר, אַז אָנצושפּייען אַ מענשן אויף דער אַרויסגעשטעקטער צונג, בשעת ווען דאָס פּנים זיינס פאַרקרימט זיך אין דער גסיסה, מוז זיין אַ גרויס פאַרגעניגן, אַזוי ווי אַלע גרויסע עבירות...

און איך דערמאָן מיר זיין אויסזעהן, זיין וויינען און זיין קלאַפּן זיך אויפן האַרצן: „וואָס בין איך שולדיג?״ און איך טראַכט, אַז דורך די אַכט יאָר אין דער ישיבה האָט ער זיך געמוזט אָנליידן אַ סך נויט און הונגער און שאַנד; אַז נישט איין טאָג האָט ער געהונגערט, נישט איין נאַכט האָט ער נישט געהאַט וואו צו שלאָפן, און פאַרטראָגן האָט ער אַלץ מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן, אַלץ פאַר ליב גענומען, — און אין זיין מח איז נאָר איין און איינציגער פרייליכער געדאַנק געווען — אַ ווייב מיט גרן.

זיין פאַנטאַזיע האָט גאַנצע אַכט יאָר געקושט דאָס ווייב, גאַנצע אַכט יאָר איבערגעציילט דאָס גרין־געלט און געמאַכט דערמיט גרויסע, גליקליכע געשעפטן... און אין דער אמתן הויב איך אָן מסופק צו זיין, ווער עס איז דאָ באמת שולדיג? צי ער, די נשמה זיינע די שלעכטע, צי די צרות זיינע די גרויסע, די ישיבה די פינסטערע?

און וואָס מיין איך דאָס: „די נשמה זיינע?“
די לאָמפּ, רוכט זיך, גייט אויס.

# אין אַ חסידיש הויז

# I

נישט לאַנג נאָך מיין אָנקומען אין וואַרשע האָב איך באַקומען אַ שטעל בײַ אַ אידן אַ חסיד. געאַרבעט האָב איך בײַ מיין פּרינציפּאַל אין שטוב; איך האָב געשריבן דעקלאַראַציעס, געפירט די חשבונות און דערצו נאָך האָב איך געלערנט בוכהאַלטעריע מיט מיין פּרינציפּאַלס זון, אַ התן־בחור מיט אַ גאָלדענעם זיגנער און אַ גרויסער בעל־גאוה. דער ראָזינער בחור האָט מיך אויסגעהערט שטיל, קוקנדיג אין אַ זייט, מיט אַ מינע פון אַ גענעראַל, וואָס נעמט אָן אַ ראַפּאָרט. און טאָמער האָב איך געזאָגט, אַז ער האָט זיך טועה געווען, האָט ער אויף מיר אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן מיט כעס און איז זיך אַוועקגעגאַנגען אין מיטן דער לעקציע. ריידן גלאַט אַזוי פון נעבנזאַכן מיט אַ ליטוואַק, עפּעס אַ שרייבערל, איז אים נישט אָנגעשטאַנען. עס פאַרשטייט זיך, אַז איך פון מיין זייט האָב אים אויך נישט זעהר ליב געהאַט און האָב געקוקט אויף אים, ווי אויך אויף מיין פּרינציפּאַל, פון דער הייך, ווי אויף ווילדע, פאַנאַטישע מענשן. איך בין ערשט ניט לאַנג אָנגעקומען פון ליטע מיט אַ קאָפּ פול השכלה און אייראָפּייאישע געדאַנקען, און די וואַרשעווער חסידים מיט זייער גאַנג און לעבן, מיט דער פאַרצויגענער אויסשפּראַך זייערער, דאָס ציהען די ווערטער עפּעס מיט אַ מין זינגעריי, האָבן מיר אויסגעזעהן אַזוי ווילד און פרעמד, אַז איך האָב מיר גאָר נישט געקאָנט פאָרשטעלן מענשן נאָך ווילדערע פאַר זיי.

מיין פּרינציפּאַל, אַ פּאָדריאַטשיק בײַ דער אייזנבאַן, איז גאָר ווייניג געזעסן אין דערהיים. ער האָט שטענדיג געהאַלטן אין איין איילן זיך. קוים איז ער אַהיים געקומען אויף מיטאָג און

האָט אַוועקגעשטעלט דעם שטעקן אין דער זייט, האָט ער זיך שוין אָנגעהויבן צו בייזערן, פאַרוואָס דער מיטאָג איז נאָך נישט פאַרטיג, און דאָס געמורמל זיינס, כאָטש איך האָב עס אַלע טאָג כמעט געהערט, האָב איך נישט געקאָנט קלאָר פאַרשטיין. אָפּטיילן די ווערטער איינס פון אַנדערן איז אוממעגליך געווען. איך האָב נאָר געזעהן, ווי זיין לאַנגע שוואַרצע באָרד שאָקלט זיך, די וואָנצעס ציטערן, און פון דעם שוואַרץ־באַוואַקסענעם מויל שיט זיך אַרויס עפּעס אַ מאָדנע ברומען, פון וועלכן איך האָב נאָר דערהערט די ווערטער: מיטאָ — מיטאָ — קיינמאָל ניש...
און דער מאָנאָלאָג האָט זיך געענדיגט מיט אַ לאַנג־אויסגע־צויגענער פראַזע:

כ׳האָ־ניש־ק׳צאַאַאַט!

אין מיטן מיטאָג, צווישן איין געריכט און דעם צווייטן, האָט ער זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט פון אָרט, צוגעגאַנגען צו מיר, האָט אויסגעשאָקלט די קעשענעס און האָט אָנגעוואָרפן אויפן טיש שטיקלאַך פּאַפּיר, וואו ער האָט פאַרצייכנט דאָס געלט, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן די אַרבעטער, דערצו פאַרשיידענע קוויטלאַך, טיילמאָל וועקסלען א. ד. ג. און דאָס אַלץ איז געווען צעקנייטשט, צעקנוידערט, אַז איך האָב דערנאָך געהאַט אַ סך אַרבעט אויס־צוגלייכן, איינאָרדענען און פאַרצייכענען אין די ביכער. וואָס מען ברויך צו טון, האָב איך מיך געמוזט מער אַליין משער זיין, ווי איך האָב פאַרשטאַנען פון זיינע ווערטער. ער האָט גערעדט אַזוי גיך און פאַרצויגן און האָט אַזוי צוגעוואָרפן מיט די הענט, אַז איך האָב מער געקוקט אויף אים, ווי איך האָב אים געהערט.

— און יצחק׳ל, וואָס? האָט ער געפרעגט, שלינגענדיג די ווערטער: ר׳לערנט זיך יצחק׳ל? ר׳לערנט זיך, ר׳לערנט זיך?

נאָר ער האָט קיינמאָל נישט געוואַרט, וואָס איך וועל אים דערציילן, ווי גוט זיין חתן־בחור לערנט זיך, און איז צוריק געגאַנגען צום טיש עסן.

פאַרן אַרויסגיין האָט אים זיין ווייב, אַ הויך־געוואַקסענע און נאָך זעהר אַ שיינע פרוי אין די יאָרן, מיט ממזריש־לאַכעדיגע אויגן און אַ מאָדנעם שמייכל אויף די ליפּן, געווייגליך צוריק־גערופן, אים אָפּגעווישט מיט דער האַנט די לאָקשן אָדער שטיק־

לאַך ברויט, וואָס האָבן זיך געפונען אויף זײַן באָרד, און האָט געבעטן געלט. ער האָט זיך געבייזערט און אָנגעמורמלט אַ מאָנאָלאָג, פון וועלכן מײַנע אויערן האָבן נאָר אויפגעכאַפּט די ווערטער: „ווידער־ווידער, געלט־געלט" און דעם אויסגעצויגענעם סוף, וואָס האָט געקלונגען אַביסל בעטנדיג, מיט אַ גמרא־ניגון, ווי עפּעס אַ שווערע קשיא: „וואָס טויג דיר געלט?" זײַן ווײַב האָט אים אודאי יאָ פאַרשטאַנען, נאָר זי האָט זיך ווייניג דערפון געמאַכט, זי האָט אים צוגעקנעפּלט דאָס אונטערשטע קנעפּל פון וועסטל, געקוקט גלײַך אים אין די אויגן אַרײַן. און איר לאַכעדיגער ממורישער בליק האָט אויף אים געמוזט האָבן אַ ווירקונג.

— מן הסתם ברויך איך, אשר... האָט זי נערערט געלאָסן, און ער האָט געגעבן. און דערבײַ האָט זײַן האָריג פּנים און זײַנע קלײנע אומרוהיגע אויגן אויסגעדריקט אַזאַ מין הנאה און נחת, וואָס האָט גאָרנישט צוגעפּאַסט צו דעם איילינג, גיכן באַשעפעניש. חוץ געלט און געשעפטן האָט מין פּרינציפּאַל ליב געהאַט אויך זײַן ווײַב.

צי האָט זי אים ליב געהאַט, צי ניין — איז שווער צו זאָגן. עס איז מיר קיינמאָל נישט אויסגעקומען זי צו פרעגן וועגן דעם, כאָטש מיר האָבן אַ סך נערערט און געשמועסט וועגן פאַרשיידענע זאַכן. ווען קיינער איז ניט געווען אין שטוב, האָט זי זיך צוגעזעצט צו דעם טישל, בײַ וועלכן איך האָב געאַרבעט, און האָט אָנגעהויבן דעם שמועס. נערערט האָט זי פון אַלץ, און אַלץ מיט איין גלײַכן טאָן. זי האָט זיך אינטערעסירט מיט מיר, פאַרוואָס איך האָב נישט חתונה, צי איך האָב ליב עפּעס אַ מיידל, אָרעה איך קלער נאָר קיינמאָל נישט חתונה צו האָבן.

— עס זײַנען דאָ מענשן אַזעלכע, וואָס האָבן קיינמאָל נישט חתונה? — האָט זי זיך אינטערעסירט און געוואָלט הערן מײַן מיינונג; איך האָב געהערט, אַז עס זײַנען דאָ אַלטע קאַוואַליערן; איך פאַרשטיי נישט... האָט זי געענדיגט מיט אַ שמייכל.

נערערט האָט זי אויף פּוילישער אַרט, זינגענדיג, נאָר דאָס זינגערײַ און ציהען די ווערטער, וואָס קומט אַרויס בײַ מאַנספאַר־שוינען אַזוי לעכערליך, פּאַסט זעהר צו דער שוואַכער ווײַבערי־

שער נאַטור. אַ שטימע האָט זי געהאַט זעהר אַן אָנגענעמע. אין איר קול האָט זיך געהערט פוילקייט, אומעט און באַגערן.

איך האָב געענטפערט, אַז חתונה האָבן איז נישט אַזוי גרינג, אַז פאַרבינדן אויפן גאַנצן לעבן קאָן נאָר אַזאַ הויך, איידל און מעכטיג געפיל, ווי ליבע איז. איך האָב גערערט באַגייסטערט, ווי נאָר אַ יונגער מאַן אין מיינע יאָרן — איך בין דעמאָלט אַלט געווען צוויי און צוואַנציג יאָר — קאָן ריידן וועגן ליבע. זי האָט מיך אויסגעהערט מיט כּונה, געקוקט מיר גלייך אין די אויגן אַריין, און מיר איז עפּעס שווער געוואָרן איבערצוטראָגן איר קאַלטן, לאַכעדיגן בליק. אָט אַזוי הערט מען אויס אַ קינד, וואָס דערציילט אַלטע באַקאַנטע זאַכן, וואָס אַלע ווייסן, נאָר ווייל עס איז אַ קינד הערט מען אים אויס. איך האָב געטראַכט, צי איז איר, דער שיינער, שלאַנקער פרוי אין דעם פאַבריק, דאָס געפיל פון ליבע נישט מער באַקאַנט, ווי מיר, וואָס איך האָב עס נאָר געלעזן אין ביכער, און אין לעבן קיינמאָל נישט געקענט.

איך האָב אָפּגעהאַקט און גענומען טון מיין אַרבעט. נאָר מאָרגן און איבערמאָרגן איז זי ווידער צוגעקומען און גענומען שמועסן. און ווי להכעיס, האָב איך באַמערקט, אַז זי רעדט נאָר פון אַזעלכע זאַכן... און זי רעדט נאָר נישט ווי אַ חסידיש ווייבל, נאָר קאַלטבלוטיג, מיט איראָניע, מיט יענער איראָניע פון זעהר שיינע נישט יונגע פרויען, וואָס זיינען זיכער אין זיך, אין זייער שיינקייט. איך האָב זיך איינמאָל נישט איינגעהאַלטן און האָב זי געפרעגט:

— פאַרוואָס טראָגן זי אַ פאַריק?

איך האָב מיך נישט טועה געווען. די פראַגע האָט זי אויפ־גערעגט און האָט איר צוגענומען די רוהיגקייט און פאַרשנערע קאַלטבלוטיגקייט, וואָס האָט מיך געערגערט. זי איז רויט געוואָרן ביז אונטער דעם פאַריק.

— גלויבן זי מיר — האָט זי גערערט ווייך און דערשראָקן: אַז ס'איז נישט אַזאַ זאַך, אַז מען טראָגט אַ שייטל. וואָס איז דער מער? מען קאָן עפּעס נישט זיין קיין מענש אין אַ שייטל? זי מיינען, איך טו עס מיר צוליבּ? וואָס קאָן מען טון? מען האָט דאָך קינדער... אַ מאַן...

דאָס מאָל האָט זי איבערגעהאַקט דעם שמועס און האָט עטליכע טעג נישט גערעדט מיט מיר.

אין עטליכע טעג אַרום איז זי ווידער צוגעקומען. מיין פראַגע איז גאָר פאַרגעסן געוואָרן, און מיר האָבן טיילמאָל אַוועקגע־פלוידערט אַ לאַנגע ווײַלע וועגן פאַרשיידענע זאַכן. זי איז נישט געווען אַזוי פאַרווילדעט, ווי איך האָב געמיינט. זי האָט ליב געהאַט וועגן אַלץ צו ריידן, נאָר אינטערעסירט, דוכט זיך, האָט זי קיין שום זאַך נישט, און זי האָט אַלץ אויסגעהערט גלייכגילטיג.

איין מאָל צי צוויי מאָל אין דער וואָך פלעגט נאָכן מיטאָג אַריינקומען אַ יונגער מאַן פון אַ יאָר דרייסיג, געקליידעט קורץ און מיט אַ געגאָלטער באָרד; ווי איך בין דערנאָך געוואָר געוואָרן, איז דאָס געווען אירס אַ שוועסטער־קינד, אַ רייכער, מיט וועלכן מיין פּרינציפּאַל האָט געהאַט עפּעס געשעפטן. ער האָט יעדעס מאָל געפרעגט די זעלבע פראַגע: וואָס מאַכט מען עפּעס גוטס? אַשר איז נישט אין דערהיים? אַ שאָד! ער האָט נישט אויסגעטאָן דעם קאַפּעליוש און געזעצט זיך בײַם טיש. מאַראַם פערנבערג — אַזוי איז געווען מיין פּרינציפּאַלס פאַמיליענאָמען — האָט זיך געזעצט אַנטקעגן אים. מען האָט גערעדט שטיל, געטרונקען טיי און געוואָרפן בליקן מיט חשד אויף מיר. דערנאָך האָט זיך מיין מאַראַם אָנגעטאָן, און זיי זיינען צוזאַמען ערגעץ געגאַנגען.

אויסער דעם איז אין שטוב אַלץ געפירט געוואָרן שטרייַנג חסידיש. דער בחור איז כמעט שטענדיג געגאַנגען אַרומגע־גאַרטעלט מיט אַ גאַרטל און אין אַ יאַרמולקע אונטערן זיידענעם היטל. ווען אַ פרעמדער מאַנספּאַרשוין איז געווען אין שטוב, האָט זיך חנהלע אויף די אויגן נישט געוויזן. מיט פלייש זאַלצן און עפּענען אַ הון האָט מען זיך נישט פאַרלאָזט אויף דער קעכין. דער פּרינציפּאַל איז אָפט געפאָרן צום רבין, און ווען דער חתן־בחור האָט זיך אַמאָל דערלויבט אָנצוטון אַ העמד מיט אַ גע־פּרעסטן קאָלנער, האָט ער געקריגן גוט אויסגעזידלט פון פאָטער. אַפילו די מוטער האָט אויף אים געשריען, אמת, מיט אַ האַלב מויל, עפּעס נאָר אַזוי ווי יוצא צו זיין, נאָר מער דערלויבט האָט זיך דער חתן־בחור שוין נישט אַזאַ זאַך.

# II

חנהלע איז געווען נאָך אַ יונג מיידל פון אַ יאָר זיבעצעך אַכצען, זעהר אַ שיינע, געראָטן אין איר מוטער, נאָר דאָס פּנים אירס איז געווען אַ סך ווייכער און האָט געטראָגן אויף זיך דעם לייכטן פרישן קאָליר פון אַ שפּראָצנדיגער יוגנט. דער וואוקס אירער, דער פעסט געבויטער קערפּער, די שוואַרצע, שאַרף אויסגעשניטענע ברעמען און די פולע, ליידנשאַפטליכע ליפּן האָבן דערמאָנט אָן דער מוטער, נאָר אין די אויגן אירע איז נישט געווען יענער שמייכל, וואָס האָט געפינקעלט אין איר מוטערס אויגן. איבעריגנס, האָב איך אַ לאַנגע צייט נישט געוואוסט, ווי אירע אויגן זעהען אויס. די גאַנצע דריי חדשים האָב איך מיט איר קיין וואָרט נישט גערעדט. אַז איך בין אַריינגעקומען אין שטוב, איז זי באַלד אַרויסגעגאַנגען אין דער אַנדער שטוב אַריין, און געזעהן האָב איך זי נאָר, ווען זי איז דורכגעגאַנגען. און על פּי רוב איז מיר אויסגעקומען צו זעהן איר פּראָפיל, און איידער נאָך איך האָב די אויגן אויפגעהויבן זי אָנצוקוקן, איז זי שוין פאַרשוואונדן געוואָרן אין אַנדערן צימער. זי האָט מיך אינטערעסירט. געדוכט האָט זיך מיר, אַז איך האָב רחמנות אויף איר. אַ יונג מיידל — האָב איך געטראַכט, וואָס בליהט און שפּראָצט פול לעבן און שיינקייט, וואָס באַוועגט זיך אַזוי לייכט, אַזוי שיין און ליבליך, וואָס וואָלט געקאָנט פאַרשפּרייטן אַרום זיך גליק, פרישקייט און געזונטקייט אויף יעדן טריט און שריט, — אַזאַ יונג, בליהענדיג באַשעפעניש, וואָס געפינט זיך אַזוי ווייניג צווישן מענשן, זיצט פאַרשפּאַרט אַ גאַנצן טאָג, זעהט קיין מענשן נישט פאַר די אויגן, בליהט אָפּ און וועלקט אין דער פינסטער — פאַר וואָס? צו וואָס? וואָס טוט זי אַ גאַנצן טאָג? וואָס קלערט זיך און טראַכט זיך אין איר יונגען קאָפּ?... זי פון איר זייט האָט מיך אַפילו נאָרנישט באַמערקט, קיין בליק אויף מיר נישט געוואָרפן. מיט גלייכע מעסיגע טריט, נישט בייגנדיג דעם קאָפּ אָן אַ זייט, איז זי דורכגעגאַנגען, און איך האָב נאָר געזעהן, ווי דער שיינער קערפּער רוקט זיך אָפּ, ווערט פאַרשוואונדן — און מער נאָרנישט.

דאָס האָט מיך טיילמאָל פאַרדראָסן. צי ווייל איך בין אַ ליטוואַק, אַ שרייבערל, בין איך שוין נישט ווערט, מען זאָל אויף מיר אַפילו אַ בליק וואַרפן, באַמערקן, אַז איך געפין מיך אין שטוב? אָדער שעמט זי זיך אויף מיר צו קוקן? איר שטאָלצער גאַנג, די רוהיגע, מעסיגע טריט, דער זיכערער בליק פאַר זיך, האָבן נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז זי איז אַ פאַרשעמט תמעוואַט מיידל, וואָס האָט מורא אַ בליק צו וואַרפן אין דער זייט, און זי איז געווען פאַר מיר אַ לעבעדיג רעטעניש.

יערן טאָג פלעג איך קומען צו דער אַרבעט מיט אַ האָפענונג, אַז היינט וועל איך עפּעס נייעס געוואָר ווערן, איך וועל מיך מיט איר באַקענען, און אַהיים גיין פלעג איך זעהר אומצופרידן. טראָגנדיג מיט זיך אין מוח דאָס רעטעניש, וואָס איז געבליבן רעטעניש, ווי נעכטן און אייערנעכטן.

איך געדיינק, אַז זיצנדיג באַ מיין אַרבעט, פלעג איך וואַרטן אויף איר מיט אומגעדולד. געוואוסט האָב איך, אַז אין צווייטן צימער געפינט זי זיך, און איך האָב געטראַכט, צי די טיר עפנט זיך נישט. נאָר אָט אין מיטן שרייבן, אַז איך בין שוין מיד געוואָרן וואַרטן, עפנט זיך די טיר: זי איז דורכגעגאַנגען פאַמעליך, רוהיג און איז פאַרשוואונדן אין דער קיך. איך בין געבליבן זיצן אויף מיין אָרט עפּעס פאַרשעמט און אומצופרידן, ווי מען וואָלט מיך אויסגעזידלט, און איך זאָל נישט קאָנען ענטפערן... מיך האָט פאַרדראָסן און דאָך האָב איך געבענקט נאָך איר און האָב געוואַרט, ביז זי וועט דורכגיין. און יעדעס מינדסטע גערויש פון דער טיר האָט געמאַכט קלאַפּן מיין האַרץ. איך האָב אַפילו איר קול קיינמאָל נישט געהערט. ווי רעדט זי — הויך, שטיל ,פאַמעליך אָדער געשווינד? איך האָב מיך געמאַטערט מיר פאָרצושטעלן איר ריידן און שמייכלען, און צען מאָל אין טאָג האָב איך מיר איר קול אַנדערש פאָרגעשטעלט: דאָ האָט זיך מיר גערוכט, אַז זי רעדט שטריינג, האַלב־בייז, ווי אַלע מענשן, וואָס זיינען גענויט זיך אַלע ווילע אָפּצוזאָגן פון לעבן און פאַרגעניגן, דאָ האָט מיר אויסגעוויזן, אַז איר קול איז פול ווייכקייט, גוטסקייט און דערשטיקטע געפילן, אָדער גאָר, אַז זי רעדט שמייכלענדיג, לעבעדיג און געשווינד, און איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, ווי

אירע ליפּן, אירע שיינע, רויטע, פולע ליפּן באַוועגן זיך דערביי... נאָר דאָס גאַנצע טראַכטן האָט ווייניג געהאָלפן, און זי האָט מיך פון טאָג צו טאָג אַלץ מער אינטערעסירט, אַלץ מער צונענומען מיינע געדאַנקען.

ערשט נאָך צוויי חדשים, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דעם הויז, האָב איך זי געטראָפן לאַכן צום ערשטן מאָל. איך בין אַריינגעקומען אין שטוב, האָב איך זי געטראָפן מיט נאָך אַ מיידל, די לעצטע האָט איר געמוזט דערציילן עפּעס לעכערליכעס, און זי האָט געלאַכט הויך. באַם לאַכן האָט זי געהאַלטן די האַנט אָנגעלענט אויף איר חברטעס אַקסל, און אירע ווייסע ציין האָבן געבלישטשעט. זי האָט אָבער באַלד מיך באַמערקט, און אין דער זעלבער רגע האָט זי אויפגעהערט צו לאַכן; איר פּנים איז געוואָרן רוהיג, אָהן שום אויסדרוק, און זי איז באַלד אַריינגעגאַנגען מיט דעם מיידל אין דער צווייטער שטוב. נאָך לאַנג נאָך איר אַוועקגיין האָט אין מיינע אויערן געקלונגען איר לאַכן, איך האָב שלעכט געאַרבעט, אַלע ווילע זיך טועה געווען אין די ציפערן.

אַ גאַנצן טאָג דערנאָך האָב איך מיך געמאַטערט צו דערמאָנען דעם שמייכל מיט אַלע פּינקטליכקייטן, איך האָב מיך געפילט ווי אַ סליעראָוואַטעל, וואָס האָט אין דער האַנט עפּעס אַ זאַכליכן באַווייז און וויל דורכדעם דערגיין דעם אמת. דאָס לאַכן אירס, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז געווען אַ פריילעכער, לוסטיגער געלעכטער, נישט קיין נערוועז, און בחנם האָב איך אין דעם געלעכטער געוואָלט געפינען כאָטש איין געקלעמטע נאָטע פון דער דערשטיקטער יוגנט פון אַ חסידישער טאָכטער.

אָט אַזוי איז דורכגעגאַנגען אַ חודש און נאָך אַ חודש; איך פלעג שלעכט אַרבעטן; איך פלעג שטיין באַ דער וואַנט און געוואָלט אויפכאַפּן עפּעס אַ וואָרט, נאָר די וואַנט איז געווען צו דיק, אָדער חנהלע האָט עקסטרע שטיל גערעדט — געהערט האָב איך גאָרנישט. איך האָב געפילט, אַז די דאָזיגע חנהלע האָט באַ מיר צוגענומען אַלע מיינע געדאַנקען, אַז איך בין נישט אימשטאַנד צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. איך גיי מיר קויפן

אַ נייעם הוט, אַ קראַוואַט, און טראַכט נאָר דערפון, צי אַט דער הוט און דער קראַוואַט וועלן איר געפעלן, צי וועט עס מיך מאַכן שענער, לייטישער... איך האָב אָפּגעשפּאָרט פון מיטאָג, פון אַנדערע נויטיגע זאַכן, און געקויפט דאָ אַ שפּילקע, דאָ אַ קראַוואַט, כאָטש איך האָב אין מיין לעבן נישט ליב געהאַט זיך צו פּראַנטעווען און אָנגעטאָן בין איך קיינמאָל נישט געגאַנגען פּראַנטיש. איך בין עפּעס ווי אַן אַנדער מענש געוואָרן. איך געדיינק, אַז איינמאָל, אין שטוב זיצנדיג, האָב איך באַמערקט, אַז דער קראַוואַט מיינער ליגט פאַררוקט אין אַ זייט. אַן אַנדערש כּאָל וואָלט מיך דאָס אפשר גאָר ניט אַרן. איצט אָבער האָב איך מיך פּלוצלינג אַזוי דערשראָקן און בין אַזוי בייז געוואָרן אויף זיך, ווי איך וואָלט באַגאַנגען עפּעס אַ שרעקליכע זאַך. ס'טייטש? חנהלע האָט געקאָנט פּונקט דורכגיין און זעהן מיך אין אַזאַ צושטאַנד, מיט אַ פאַררוקטן קראַוואַט, און וואָלט לאַכן פון מיר! און אַז איך פלעג בלייבן אַליין פאַר זיך, שפּאַצירנדיג אין די גאַסן, פלעג איך מיך פאַרטראַכטן. מיינע געדאַנקען פלעגן מיך וויט פאַרטראָגן, און מיר איז געוואָרן לייכט, גוט און פריש אויפן האַרצן. גאַנצע מאָנאָלאָגן האָבן זיך אויסגעסדרט אין מיין קאָפּ... גערעדט האָב איך מיט חנהלען, האָב זי אויפגעקלערט, וואָס הייסט אַ פריי, ריכטיג לעבן, אַז זי לעבט אין נאַרישקייט און איז פאַרבלענדט. איך האָב זי אין געדאַנק אָנגערופן מיט אַלע ליבליכע ווערטער און איך האָב געזעהן, ווי איר פּנים ענדערט זיך, אירע אויגן פינקלען, און זי הערט זיך איין און וואַרפט אויף מיר אַ פאַרשעמטן, נאָר אַ ברענענדיגן בליק.

„גוטע, פרומע נשמה“, האָב איך געמורמעלט פאַר זיך.

עס האָט אויך פּאַסירט, אַז אין מיטן בעסטן טראַכטן האָט זיך מיר דערמאָנט איר געלעכטער, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט, און מיינע פאַנטאַזיעס זיינען פּלוצלינג איבערגעהאַקט געוואָרן. דער געלעכטער האָט איבערגעריסן מיינע געדאַנקען, ווי עפּעס אַ פאַלשער טאָן אין אַ שיינעם מאָטיוו, און איך בין געבליבן עפּעס אומרוהיג.

אין שטוב האָט זיך אַלץ געפירט ווי פריהער. די מוטער פלעגט אָפט מאָל מיט מיר ריידן, נאָר איך פלעג איר ענטפערן פויל

און נישט ווילנריג. וואָס זי האָט גערערט, האָט מיך נישט אינטערעסירט, און וואָס מיך האָט יאָ אינטערעסירט און וועגן וואָס זי האָט מיר געקאָנט אַזוי פיל דערציילן—וועגן דעם האָט זי גאָר געשוויגן. אָנהויבן ריידן מיט איר וועגן איר טאָכטער האָב איך מורא געהאַט. באַמערקט האָב איך, אַז צווישן איר און איר טאָכטער איז פאַראַן עפּעס, וואָס איך ווייס עס נישט. נאָך באַלד אין אָנהויב, אין ערשטן חודש פון מיין זיין אויף דער שטעל, ווען חנהלע פלעגט זיך עפּטער נעפינען אין שטוב, וואו איך האָב געאַרבעט, האָב איך דאָס באַמערקט. איינמאָל, געדיינק איך, איז חנהלע געשטאַנען באַם קרערענץ, עפּעס געזוכט אָדער געמאַכט זיך זוכן. די מוטער איז אַריינגעקומען און האָט געוואָרפן צוערשט אויף מיר אַ בליק, דערנאָך אויף חנהלען, וואָס האָט זיך, ווי מיר האָט אויסגעזעהן, עקסטרע נישט אומגעקערט; זי איז צוגעגאַנגען צום קרערענץ און האָט געפרעגט איר טאָכטער, וואָס זי זוכט. חנהלע האָט עפּעס געענטפערט און איז באַלד אַרויסגעגאַנגען, די מוטער — נאָך איר. און פון דעמאָלט אָן האָט זיך חנהלע פאַר מיר אַזוי געהיט.

נאָר אין דער לעצטער צייט האָט זי זיך ווידער עפּטער געוויזן און האָט מיר נישט זעלטן געשיינקט אַ בליק. אַזאַ בליק האָט מיר געגעבן מאַטעריאַל צו טראַכטן אויף אַ גאַנצן טאָג, האָט מיך געטרייסט און געגעבן האָפענונג — נאָר איך האָב מיר אַליין צעשטערט מיין צופרידנקייט. איך האָב מיך אַמאָל אַריינגעלאָזט מיט דעם בחור אין אַ געשפּרעך. ער איז געווען גאָר גוט אויפגעלעגט, ווייל ער האָט ערשט געקראָגן אַריינגעשיקט פון זיין מחותן אַ נייע מתּנה — אַ זילבערנע ציגאַרן־טאַש. ער האָט זי געדרייט אין דער האַנט און געקוואָלן פאַר נחת. מיין בוכהאַלטעריע האָט ער נישט אין זינען געהאַט צו הערן, און האָט אַלץ געמאַכט נייע אַנטדעקונגען אין דער ציגאַרן־טאַש: אַז דאָס באַגילדערכץ איז גאָר אַן אַנדערש, אַז דער שלאָס איז נאָר אַן אומגעוויינליכער שלאָס א. ד. ג.

— און אַ כּלה האָט איר עפּעס אַ שיינע? — האָב איך געפרעגט.

די פראַגע איז געווען אַביסל צו אומגעריכט. ער האָט אויף

מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן און האָט נעד־ענטפערט:

— אַוודאי! וואָס רעדן? איך האָב נישט קיין שיינע כּלה? ער האָט זיך אומגעקוקט אין שטוב, צי קיינער הערט אים נישט. ער האָט מיך באַשוואָרן, איך זאָל קיינעם נישט אויסזאָגן און האָט מיר דערציילט, ווי ער דרייט זיך עקסטרע שבת עפּעס פאַר אַ הויז, וואו זיין כּלה גייט געוויינליך אַריין, און זעהט זי.

— און וואָס רעדט ער מיט איר?

— זי קען דאָך מיך נישט! האָט ער געענטפערט גלאַט — אַז זי גייט פאַרביי, נייג איך מיך — אָט אַזוי.

— און זי?

— הערסט דו! זי ווייסט דאָך נישט, ווער איך בין! אוי, איז זי אַמאָל רויט געוואָרן!

און ער האָט אָנגעהויבן צו לאַכן, נאָר אין מיטן האָט ער זיך דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע ווערטער. מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז אינגאַנצן אַן אויסגעטראַכטע מעשה, אַז זיין כּלה וואָלט ער זיך נישט איינגעשטעלט צו זעהן, און דאָס רימט ער זיך נאָר אַזוי פאַר מיר, כּדי מיר צו ווייזן, וואָס פאַר אַ וואוילער יונג ער איז.

— איר וועט נישט אויסזאָגן? זעהט, איך בעט אייך. איר וועט נישט אויסזאָגן! — האָט ער אויסגעשריען פעסט, און האָט זיך גענומען שפּילן מיט דער ציגאַרן־טאַש. איך האָב מיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און האָב אים אָנגעהויבן צו פרעגן וועגן זיין שוועסטער:

— איר האָט אַ וואוילע שוועסטער — האָב איך אים געוואָלט חנפענען — אַ שיין מיידל, זעלטן...

— חנהלע? אר־וואַ! אויך מיר אַ מענטש! מיין כּלה איז אַ סך שענער...

ווי נאַריש דאָס איז נישט, מוז איך מודה זיין, אַז דאָס האָט מיך פאַרדראָסן, און איך האָב מיך קוים איינגעהאַלטן, איך זאָל אים נישט ענטפערן, אַז ער ווייסט נישט פון זיינע הענט און פיס צוזאָגן...

— וואָס טוט זי אַ גאַנצן טאָג? — האָב איך געפאָרשט.

— מײַן כלה?

— נײן, אײער שװעסטער, חנהלע...

דער טאָן מײַנער האָט געמוזט װעקן עפּעס אַ חשד, צי ער איז געװען באַלײדיגט, װאָס איך רײד פֿון חנהלען, נישט פֿון זײַן כּלה, געענטפֿערט האָט ער אומגערן:

— װאָס זאָל זי טון? אױך מײַן ראַנגה! אַלץ מוזט איר װיסן?!

דעם געשפּרעך האָט דער חתן־בחור געמוזט דערצײלן, װײל אַרום מיר איז אַלץ אַנדערש געװאָרן, חנהלע האָט זיך אינגאַנצן נישט געװיזן, די מאַראַם האָט מיט מיר נישט גערעדט און האָט געקוקט אױף מיר עפּעס קרום. פֿון מײַן פּרינציפּאַל האָב איך געהאַט אַן אָנצוהערעניש, אַז איך זאָל מיר שאַפֿן אַ שטעל.

װאָס טוט זי, חנהלע? — האָב איך געטראַכט — די אָרימע נשמה? איך האָב איר אַװדאַי עגמת נפש פֿאַרשאַפֿט! צי װאָס, צי װען? װאָלט איך כאָטש געקאָנט מיט איר אַ װאָרט רײדן און זיך אַנטשולדיגן! נאָר װי אַזױ?

אײנמאָל בין איך געקומען אין דערפֿריה צו דער אַרבעט. אין שטוב איז קײנער נישט געװען. איך בין געװען פֿאַרזאָרגט און נישט אױסגעשלאָפֿן, אין דער קיך איז געװען חנהלע, און אין מײַן האַרץ איז געװען אַזאַ אומגערולד, אַז די פֿעדער האָט געציטערט אין מײַן האַנט. איך האָב געפֿילט איר יוגנט און פֿרישקײט, איר שלאַנקען קערפּער און איר װײכן בליק דורך דער װאַנט. אַלץ אין מיר האָט זיך געריסן און געצױגן אין דער אַנדערער שטוב אַרײַן, און די קאַלטע שטומע װאַנט איז זיך געשטאַנען רוהיג, װי אַ שרעקליכע מאַכט... מײַן בליק איז געפֿאַלן אױפֿן שפּיגל, מײַן פּנים איז געװען בלאַס און עפּעס אַ מאָרנע װײכקײט און אומבאַהאָלפֿנקײט איז דערױף געװען אױסגעגאָסן. איך האָב באַװאונדערט מײַן אײגן פּנים... פּלוצלינג האָט זיך די טיר געעפֿנט, און חנהלע, האַלטנדיג עפּעס אַ שליסעלע אין דער האַנט, איז צוגעגאַנגען גלײַך צו מיר. איך האָב מיך אױפֿגעכאַפּט פֿון אָרט עפּעס װי דערשראָקן. זי איז צוגעגאַנגען רוהיג, גלײַך, האָט אַנידערגעלעגט דאָס שליסעלע אױפֿן טיש און האָט געזאָגט:

— דער טאַטישי האָט געהײסן איבערגעבן דאָרט צװײ װעקסלען אין דער באַנק...

איך האָב עפּעס געוואָלט ענטפערן, נאָר מיין האַרץ האָט פּעסט געקלאַפּט, און זי איז זיך שטיל און רוהיג צוריק אַרוים־געגאַנגען.

„פאַרוואָס האָב איך נישט געמאַכט קיין שמועס מיט איר"? האָב איך מיך אַליין געוואונדערט און געביסן די ליפּן פּאַר כּעס. נאָר מיר איז אַפילו אין דער פאָרשטעלונג שווער געווען אויס־צוטראַכטן עפּעס אַ פראַגע אָדער אַן ענטפער, וואָס איך האָב געקאָנט איר געבן; וואָס האָב איך איר, דער חסידישער פרומער טאָכטער, געקאָנט זאָגן? ווי האָט זיך אונזער שמועס געזאָלט אָנהויבן! ערשט פאַרנאַכט האָב איך מיך דערמאָנט, אַז דאָס שליסעלע האָט זי אַנידערגעלעגט אויפן טיש, נישט מיר דער־לאַנגט אין האַנט אַריין. דאָס איז אַוודאי אַזאַ מנהג־חסידים... איך האָב זי דאָך געקאָנט פרעגן מיט אַ שמייכל און מיט אַ ווייך קול: פאַרוואָס האָבן זי דאָס שליסעלע אַנידערגעלעגט אויפן טיש, נישט מיר דערלאַנגט אין דער האַנט? וואָס פּאַר אַ געראָטענע פראַגע! נאָר דער שכל איז אַ קריכער. איצט, פאַרנאַכט אויף דער גאַס, איז מיר די פראַגע געקומען אין קאָפּ אַריין, און דאָרט, אין שטוב, בין איך געווען איבערגעשראָקן, איבערגעשראָקן און מער גאָרנישט.

---

## III

אין עטליכע טעג אַרום האָט מיר דער בחור אָנגעזאָגט אַזאַ בשורה:

— איר ווייסט, לערער? איר וועט שוין מער דאָ נישט זיין, דער טאַטישי האָט צוגענומען אַן אַנדערן.

— פאַרוואָס? — האָב איך געפרעגט, איינהאַלטנדיג אין זיך מיין כּעס אויף דעם דאָזיגן קאַלטן נפש, וואָס איך האָב אין דער לעצטער צייט נישט געקאָנט ליידן, ווי אַ שפּין.

— איך ווייס? — האָט ער מיר געענטפערט זינגענדיג און האָט דערביי עפּעס מאָדנע פאַרקרימט די צורה זיינע — די מאַמישי

זאָגט, אַז מען טאָר נישט האַלטן אין שטוב אַזאַ יונגען מאַן...
איר קאָנט איבערפירן דאָס גאַנצע הויז... איר מיינט, איך
מיים ניט? ע־ע! איך ווייס! ער מיינט טאַקע...

— וואָס ווייסט איר? האָב איך געפרעגט בייז.

— דערציילט נישט קיין מעשיות, איך בעט אייך; איך בין
קלינגער פאַר אייך, כאָטש איר זענט אַ ליטוואַק, איר מעגט מיר
גלויבן...

ווי בּאַ אַלע בית־המדרש־בחורים, איז בּאַ אים די גרעסטע
חכמה געווען צו ריידן וועגן מיידלאַך און גראָבּע וויצן זאָגן, און
ווייל ער האָט דאָס אַוודאַי גוט געקענט, האָט ער זיך געהאַלטן
פאַר זעהר קלוג און ער האָט מיך פון לאַנג אָן פיינט געהאַט,
פאַרוואָס איך לאָז מיך נישט אַריין מיט אים אין אַ געשפּרעך
וועגן אַזעלכע ענינים. איך האָב בחנם געפּרובט געוואָר ווערן
פון דעם בחור, וואָס פאַר אַ בלבול מען האָט געמאַכט אויף מיר.
ער האָט אַלץ געענטפערט מיט אַ שמייכל און נישט צו דער זאַך,
איך האָב געזעהן, אַז די זאַך גופא אינטערעסירט אים אינגאַנצן
נישט, אַז ער דאַרף נאָר מיר אַרויסווייזן זיין קלוגן קאָפּ מיט זיינע
חכמות. איך בין בייז געוואָרן:

— גייט מיט אייערע חכמות, פּראַים! האָב איך געשריען —
דאָס איז גאָר קיין מענש נישט! איר ווילט לערנען, טאָ לערנט;
נישט — טאָ שווייגט! שווייגט, און פאַרדרייט מיר דעם קאָפּ
נישט!

דער בחור האָט אויף מיר אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן מיט
כעס, מיך איינגעשלונגען:

— ניב נאָר אַ קוק: אַ ליטוואַק קומט זיך אַריין שרייען! אויף
מיר אַ פּריץ! אַ דלות זענט איר, גייט אייך צו אַלדע שוואַרצע
יאָר! וואָס טוט איר דאָ? זעה נאָר! אויך מיר אַ דייטש, מיט
אויסגעקרימטע שיך און מיט צעריסענע הויזן!...

איך געדיינק, אַז מיין האַנט האָט זיך אויפגעהויבן, איך
וואָלט אים, ווער ווייס וואָס געטאָן; נאָר מיין בליק איז אומגערן
געפאַלן אויף מיינע קאַמאַשן, — זיי זיינען געווען אויסגעקרימט...
איך האָב די האַנט אַראָפּגעלאָזט, די אויגן מיינע זיינען פול געוואָרן
מיט טרערן, די שטוב און די זאַכן אַרום מיר האָבן זיך געשאָקלט

און געציטערט... מיר און מאַט, מיט אַ שוואַכן אָטעם, האָב איך מיך געזעצט אויפן ביינקל. דער בחור איז אַרויסגעגאַנגען. איך האָב מיך אויפגעשטעלט און האָב נאָך אַמאָל באַטראַכט מיינע קאַמאַשן: אמת, אויסגעקרימט! האָב איך געררעדט צו מיר — נאָר וואָס האָט ער געוואָלט פון מיינע הויזן?! פון מיינע הויזן וואָס האָט ער געוואָלט?! האָב איך געחזרט, נישט ווייסנדיג אַליין, וואָס איך רייד פאַר כעס, און האָב פעסט פאַרביסן די ליפּן. אין מיין כעס האָב איך נאָר געהאַט איין פעסטן פאַרלאַנג: אַריינצושלעפּן דעם בחור פאַר די האָר און ווייזן אים, אַז די הויזן מיינע זיינען גאַנץ, האָבן קיין איין ריס, קיין איין פלעק נישט, אַז ער איז אַ ליגנער, פּשוט אַ ליגנער, און האָט ניט דאָס רעכט אַזוי צו זאָגן. אין עטליכע מינוט אַרום איז די מאַדאַם אַריינ־געקומען און, נישט קוקנדיג אויף מיר, האָט זי געזאָגט:

— וואָס איז דאָס דאָ געווען מיט מיין יצחקלען? איר האָט אייך עפּעס געקרינקט? ער איז דאָך אַ קינד, וואָס ווילן זיי געבעך האָבן פון אים?

דאָס קינד אירס האָט געהאַט אַ קאַרק און אַ פּאָר ברייטע געזונטע אַקסלען, ווי אַן אַטלעט; איך האָב נישט געענטפערט.

— איך וועל איהן זאָגן די וואָרהייט — האָט זי ווידער אָנגע־הויבן עפּעס צו זאָגן, נאָר איך האָב מער שוין נישט געקאָנט איבערטראָגן איר ליבליכן טאָן מיט מיר. איר ריידן און איר מינע דערביי, איר מאַכן מיט דער האַנט פאַמעליך און דאָס גאַנצע וועזן אירס — האָבן מיר איצט אויסגעזעהן אַזוי מאַרנע פאַלש, אַזוי אומנאַטירליך, אַז איך האָב נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי איך האָב ביז אַהער געקאָנט רוהיג ריידן.

— וואָס ווילן זיי פון מיר?! וואָס פאַר אַ בלבולים האָט מען דאָ געמאַכט אויף מיר?! האָב איך געפרעגט שטרייננג און בייז און האָב מיך אויפגעשטעלט, גרייט איר אַ ביינקל צו וואַרפן אין קאָפּ אַריין.

— זעהען זי, זי בייזערן זיך! אַ ליטוואַק בלייבט אַ ליטוואַק; וואָס האָבן מיר אייך פאַר אַ שלעכטס געטאָן? מען האָט רעדן געמאַכט אַ קאָנטראַקט אייך שטענדיג צו האַלטן? איך בעט איהן זעהר, אַז מען האַנדעלט, ווי אָרנטליכע מענשן, ברויך מען זיך צו

בײזערן? איך פרעג אײך, אַדרבאָ! איר װענט דאָך עפּעס אַ געבילדעטער יונגער מאַן...

איך האָב נישט אױסגעהערט דעם סוף, האָב אָנגעטאָן מײן פּאַלטאָ און גענומען גײן. בײַ מײן אַרױסגײן האָט זיך די טיר פון דריטן צימער געעפנט און חנהלע האָט אַרײנגעקוקט...

אױב אײך איז אַמאָל אױסגעקומען אױפצװואַכן פון אַ שװערן, שלעכטן, שרעקליכן חלום, װאָס האָט אײך לאַנג געמאַטערט, און פּלוצלינג דערזעהט איר, אַז איר געפינט אײך נאָר אין אײער אײגן בעט אין שנײ־װײסן בעטגעװאַנט, אין אײער באַקאַנטער װאױנונג, נעבן אײער טיש; ארום אײך װאַכן אָדער שלאָפן אײערע באַקאַנטע, נאָהענטע און געליבטע מענשן; אין דרױסן שײנט די מאָרגן־זון פריש און הײטער, און איר פילט אײך דאָפּלט גליקליך נאָך דעם שװערן געפיל פון פריהער — קאָנט איר אײך פאָרשטעלן, װאָס איך האָב געפילט אין דער דאָזיגער מינוט, װען די טיר האָט זיך געעפנט. מײן גאַנצער כּעס איז פּלוצלינג פאַרשװאונדן געװאָרן. איך בין געשטאַנען אױף מײן אָרט און מיט אַנטציקונג האָב איך געקוקט אױף דעם װײכן ליבליכן געזיכט פון דער אַנדרערער שטוב. איך געדײנק נאָך װי איצט די עטליכע האָר, װאָס זײנען אַראָפּגעפאַלן אױף איר אױג; אַפילו די בלױע בלימלאַך פון דער בלוזע מאָלן זיך מיר דײטליך אױס אין מח. געקוקט האָט זי אױף מיר און אירע אױגן האָבן אױסגעדריקט, גאָט װײס, װי מען רופט דאָס אָן! עס זײנען פאַראַן בליקן, אין װעלכע דײן האַרץ, דײנע געדאַנקען און דו אינגאַנצן פאַרלירן זיך, װי אין עפּעס אַן אומענדליכקײט. מײן גאַנצע שנאה צו דעם בחור, דאָס געפיל פון פאַלשקײט, װאָס האָט געװײט פון דער מאַדאַם, מײן באַלײדיגונג, די צעריסענע קאַמאַשן — אַלץ האָט זיך אָפּגעטראָגן און באַהאַלטן. איך האָב פון איר די אױגן נישט געקאָנט אָפּרײסן און בין געשטאַנען און געקוקט. עס איז געװען אַ מאָדנע סצענע: איך בין געשטאַנען און געקוקט צו דער טיר; חנהלע האָט געקוקט אױף מיר; די מאַדאַם — אױף אונז בײדן, און מיר אַלע האָבן געשװיגן און זיך נישט גערירט פון אָרט, גלײך װי מיר װאָלטן װאַרטן אױף עפּעס. נאָר אױף דער מאַדאַמס פּנים האָב איך באַמערקט אַ שמײכל, יענעם קאַלטן איראָנישן

שמייכל, וואָס קאָן אָפּקילן דאָס הייסעסטע האַרץ. זי האָט נעד־שמייכלט! איך בין זיכער, אַז זי האָט מקנא געווען דער טאָכטער: די אינערליכע באַליידיגונג איז איר געלעגן אין די ווינקלען פון די ליפּן.

— זי וואַרטן אויף געלט? האָט זי זיך אָנגערופן — זי וועלן אַזוי גוט זיין מאָרגן אַריינקומען, וועלן זי קריגן באַצאָלט פאַרן חורש...

מיר האָט איצט געקלעקט דאָס וואָרט געלט. איך האָב געזאָגט אַ גוטן טאָג און בין אַרויסגעגאַנגען. חנהלע האָט אַלץ נישט אַוועקגעטראָטן פון דער טיר, איך האָב געפילט איר בליק אויף מיינע אַקסלען. אַז איך האָב איבערגעטראָטן די שוועל, האָב איך געפילט, ווי אין מיין האַרץ האָט עפּעס אַ העפטיגן זאָג געגעבן. איך האָב הינטער מיר פאַרמאַכט די טיר: „אויף אייביג"! האָב איך געטראַכט — „חנהלען וועל איך מער נישט זעהן, שוין קיינמאָל נישט"! אויפן הויף האָב איך באַגעגנט דעם בחור. איך האָב די אויגן אַראָפּגעלאָזט און מורא געהאַט זיי אויפצוהויבן אויף אים, מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער וועט אויף מיר די צונג אַרויסשטעלן, ווען איך זאָל אים אָנקוקן... און אין אמת אַריין, פאַרוואָס זאָל ער דאָס נישט טון? איך בין דאָך אַ ליטוואַק, אַ שרייבערל, וואָס מען באַנוצט אים, ווען מען וויל, און מען יאָגט אים אַרויס פון שטוב, ווען מען וויל, און ער איז דאָך עפּעס אַ נגידישער בחור, וואָס האָט אַ גאָלדענעם זייגער, אַ זילבערנע ציגאַרן־טאַש און אַ רייכן טאַטן, וואָס האָט שטענדיג אָפּן פאַר זיך אַ רייכע היים מיט אַ שיינער, שיינער שוועסטער!

דאָס לעצטע האָב איך אים נישט פאַרגינט.

---

## IV

אַ שווערע צייט האָב איך דאַמאָלט דורכגעלעבט. די טעג, די נעכט האָבן זיך געצויגן אומגעהויער לאַנג, באַנאַכט בין איך שלעכט געשלאָפן, באַטאָג האָב איך אַרומגעשפּאַצירט אין די

נאַסן און געטראַכט, וועגן וואָס? איין זאַך ווייס. סוף כל סוף האָבן זיך מיינע געדאַנקען פאַרקניפּט אָן חנהלעס געשטאַלט. מיין האַרץ האָט שטענדיג עפּעס געצויגן און גענאָגט, אַ מינוט נישט אויפגעהערט, עפּעס אַ מרה־שחורה איז אָנגעפאַלן אויף מיר, ווי אַ שווערער נעפּל, און אַלץ אַרום מיר האָב איך אויך געזעהן ווי דורך אַ נעפּל. איך בין געוואָרן פויל, נאָכלעסיג. דער קראַוואַט איז מיר שוין איצט געלעגן פאַררוקט אין אַ זייט און איך האָב נישט געקלערט וועגן דעם; קיין שטעל האָב איך נישט געזוכט און האָב אינגאַנצן נישט געוואוסט, וואו איך לעב אויף דער וועלט.

געווען איז עס אָסיען. עס קאַפּעט אַ רעגן, די גאַס איז נאַס, די לופט טונקל, עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינט. דער הימל איז גראָה, זעהט אויס עפּעס, ווי פאַרשימלט, אָפּגעלעבט; אַפילו די הייזער, דוכט זיך, טרויערן, דער ברוק וויינט, און אַליין האָב איך מיך געפילט אַזאַ שטיק ברוק, אַ שטיק הויז... אין דער גרויסער שטאָט בין איך געווען עלנט.

איך בין געוואָרן אויפגערעגט; מיינע נערוון זיינען געווען ווי אָן אָנגעצויגענע סטרונע. אַ ליאַרע רויש, אַ ליאַרער בליק האָט מיך געמאַכט אומרוהיג אינגאַנצן. איך האָב נאָך געקאָנט אַריינ־גיין צו מיין געוועזענעם פּרינציפּאַל מאָנען פאַר אַ חודש, נאָר איך האָב דאָס אָפּגעלעגט פון טאָג צו טאָג. דאָס וואָלט געווען דער לעצטער פּרוב, דאָס לעצטע מאָל האָב איך געוואָלט אַריינ־גיין אין דעם הויז, איך האָב מיך געשראָקן. באַנאַכט איז מיר שווער געווען איינצושלאָפן. אום די צייט צו פאַרטרייבן, האָב איך גענומען שרייבן אַן אַרטיקל מיט דער רעה עס אָפּצודרוקן. מיין אַרטיקל האָט געטראָגן דעם נאָמען: „די לאַגע פון די חסידישע טעכטער אין פּוילן“. דעם אינהאַלט פון דעם אַרטיקל געדיינק איך שוין נישט קלאָר, נאָר דאָס געדיינק איך, אַז מיין אַרטיקל איז געווען אָנגעשריבן אין טאָן פון איכה, — אַזוי פיל טרערן זיינען דאָרט געווען. איך האָב געשריבן וועגן חסידישע טעכטער און אין זינען באַ מיר האָט נאָר געשוועבט די לאַגע פון דער איינציגער טאָכטער — חנהלע. איך האָב געשילדערט איר לעבן, ווי זי פאַרוועלקט און פאַרבליהט אין דער בעסטער, שענס־טער יוגנט, ווי אומגליקליך זי איז, איך האָב געשריבן און האָב

גאָרנישט באַמערקט, אַז מיך אינטערעסירט נאָר לגמרי נישט „די לאַגע פון חסידישע טעכטער אין פוילן", אַז איך גיס דאָ איצט אויס מיין איבערפולט האַרץ אויף דעם גוטן פּאַפּיר, וואָס האָרכט מיך אויס אַזוי ליבליך... נאָר אין מיטן שרייבן האָב איך דער־פילט, אַז עפּעס האָט מיר אַ נאָג געגעבן באַם האַרץ, דערנאָך איז מיר איינג געוואָרן אין האַלז, און איך האָב פּלוצלינג אַרויס־געבראָכן מיט אַ געוויין, וואָס איז מיר גאָר פרעמד געווען, וואָס האָט עפּעס גאָרנישט ווי פון מיר געשטאַמט. איך האָב גע־שלוכצט הויך אויפן קול און האָב מיך בשום אופן נישט געקאָנט איינהאַלטן. איך האָב אַזוי הויך געוויינט, אַז מיין בעל־הביתטע, וואָס האָט געוואוינט אין פאָדערשטן צימער, האָט מיך דערהערט און איז אַריינגעקומען, האַלטנדיג דעם אויסגעטונענעם פּאַריק אין האַנט.

— וואָס איז אייך, יונגערמאַן?! האָט זי גענומען שרייען — אַי וואו איז דער טוך? נייט נאָכן דאָקטאָר... הערנדיג די געשרייען פון דער אידענע מיטן פּאַריק אין האַנט, האָט זיך מיר עפּעס געוואָלט לאַכן, נאָר קענגן מיין ווילן האָב איך אָנגעהויבן נאָך העכער צו וויינען. עס איז געוואָרן אַ מהומה אין שטוב. עס איז אַריינגעקומען אויך דער מאַן אירער, די דינסט, און די צוויי קליינע קינדער האָבן אָנגעהויבן צו וויינען הויך אויפן קול. מיר איז געווען זעהר שלעכט. איך האָב זיך מיט אַלע כּחות געמאַטערט זיך איינצוהאַלטן און צו שטילן דאָס געוויין, נאָר וואָס מער איך האָב מיך געוואָלט איינהאַלטן, אַלץ מער האָב איך געשלוכצט און געוויינט.

— גאָרנישט... גאָרנישט... האָב איך זיך געמאַטערט אַרויס־צורייִדן, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך שריי הויך אויפן קול, בשעת מיין קול איז פאַרשלונגען געוואָרן אין מיינע שלוכצן. קוים וואָס מיר איז געלונגען צו באַרוהיגן מיך און מיינע בעלי־בתּים. זיי האָבן זיך נאָך לאַנג געדרייט אַרום מיר, ביז איך האָב זיי געקאָנט איינרייִדן, זיי זאָלן גיין שלאָפן. איך האָב גענומען איבערלעזן, וואָס איך האָב געשריבן, און אויך איצט האָב איך מיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון טרערן, נאָר דאָס מאָל האָב איך שוין גאָר אַנדערש געוויינט: שטיל, רוהיג, און מיר איז

לייכטער געוואָרן אויפֿן האַרצן פֿון די טרערן. איך האָב געלעזן וואָרט פֿאַר וואָרט. און מיר האָט זיך געדוכט, ווי עפּעס אַן אַנדערער רעדט דאָס צו מיר און פֿילט מיך. איך האָב מיך געשעמט פֿאַר זיך אַליין, וואָס איך האָב דעם אַרטיקל געוואָלט אָפּגעבן צו דרוקן, — מיין האַרץ, מיין געפֿיל האָב איך געוואָלט עפֿענען פֿאַר אַלע, פֿאַר וועמען עס וויל נאָר, ער זאָל זיפֿצן אָדער נאָר לאַכן פֿון מיר.

אַמאָל, פֿאַרנאַכט, האָב איך מיך אַרומגעדרייט אין די גאַסן. מיר איז געווען אומעטיג, דערשטיקט צו ווערן. אין דערהיים, אין מיין קליין שטעטל, פֿלעגט מיך דער ערשטער שניי פֿרייען און דערוועקן אין האַרץ אַ גוט, וואַרעם, שטיל און רוהיג געפֿיל; דאָ אָבער, אין דער גרויסער שטאָט, האָט ער נאָך מער מרה שחורה אָנגעוואָרפֿן אויף מיר, דערמאָנענדיג אָן דעם לאַנגען ווינטער אין אַ פֿרעמדער שטאָט, צווישן פֿרעמדע מענשן און אַ פֿרעמד לעבן, דער שניי איז געפֿאַלן און געפֿאַלן און איז באַלד צעטראָטן געוואָרן אונטער די פֿיס; איך האָב געשלעפּט די פֿיס מיינע אין דער נאַסער מאַסע און האָב נישט באַמערקט, וואו איך גיי, די פֿאָריגע נאַכט בין איך כמעט נישט געשלאָפֿן. איצט קומט ווידער אַ נאַכט, אַ לאַנגע, קאַלטע און פֿינסטערע נאַכט, וואו טוט מען זיך אַהין? וואו אַנטלויפֿט מען פֿון דעם אייגענעם האַרץ . . . באַ מיר האָט זיך נאָך געפֿונען עפּעס געלט. איך בין צוגעגאַנגען צום טעאַטער־פּלאַץ און האָב גענומען אַ בילעט, עס פֿאַרשטייט זיך אַ ביליגן, אויפֿן פֿערטן שטאָק. האָב איבערגעגעבן דעם שווייצאַר מיין פּאַלטאָ מיט מיין נאַסן הוט, האָב גענומען אַ לאָרנעט און בין אַוועק אויף מיין אָרט. פֿון דעם ראָזינן אָרט מיינעם, אויפֿן פֿערטן שטאָק און דער פֿערטער שורה, איז שווער געווען צו זעהן, וואָס ס'טוט זיך אויף דער סצענע. אַנדערע האָבן זיך געשטופּט, זיינען געקראָכן אויף די בּיינק, אָנגעהאַלטן זיך אָן די זיילן. איך בין געזעסן אויף מיין אָרט רוהיג און האָב אַפֿילו מיין לאָרנעט נישט באַנוצט. מיך האָט געעקלט צו קוקן אויף די הונדערטער מענשן אין די נידעריגע גאָרנס, אויסגעפּוצטע, ווי די קוקלעס, זאַטע, צופֿרידענע, אָהן שום געפֿיל אין האַרצן, וואָס זיינען זיך געקומען וויילן, גלאָצן אויף דער סצענע, כּדי צו האָבן

דערנאָך װעגן װאָס צו ריידן. מיר האָט זיך געװאָלט זעהן בלייכע, פאַרזאָרגטע פּנימער, אומצופרידענע באַװעגונגען, און דאָ איז אַלץ געװען גלאַט, פיין, אויסגעפּוצט, גלייך װי די גאַנצע װעלט זאָל אין אמתן זיין אַ חתונה, און קיין בײנקעניש און אומגליק זאָלן זיך אין איר נישט געפינען... איך האַלט מיר נאָך ביז איצט בײַ מיין מיינונג, אַז צו הערן מוזיק האָבן דאָס רעכט נאָר אַזעלכע מענשן, װאָס ליידן אַ סך, װאָס זיי איז שװער דאָס לעבן אַריבערצוטראָגן און מוזן אויף אַ װיילע פאַרגעסן זיך און די װעלט. גלאַט אַזוי הערן מוזיק, אַנשטאָט קאָרטנשפּילן אָדער רכילות טרייבן — דאָס איז אַן עולה, אַ גראָבקייט. מענשן, װאָס האָבן נאָך אַ פונק האָפענונג אין לעבן, נאָך אַ ברעקל װילן, באַדאַרפן קיין מוזיק נישט; און װען די גרויסע, װעלט־באַרימטע מוזיקער װאָלטן געפאָלגט זייער יושר, נישט זייער קעשענע, װאָלטן זיי קאָנצערט געגעבן נישט אין טעאַטער פאַר דער מענגע צופרידענע, געזונטע מענשן, נאָר פאַר יערן בעט פון אַ נוסס, װאָס האָט צו זיין אומגליק נישט פאַרלאָרן דעם דעת און גייט אויס פאַר שרעק און טויט־אַנגסט... איבעריגנס, געהערט דאָס נישט צו דער זאַך.

דער אָרקעסטער, געדיינק איך, האָט אָנגעהויבן צו שפּילן; אין טעאַטער איז נאָך ליכטיג געװען. דער עולם האָט זיך צוזאַמען אַ ריר געגעבן, און מען האָט אָנגעהויבן צו קריכן איינער דעם אַנדערן אויף די קעפּ. איך בין געזעסן אויפן אָרט און געזאַרט. ביסלעכװייז איז רוהיגער געװאָרן. די טענער פון אונטן האָבן איצט אַרויפגעשװאומען ריינער, זיי האָבן איינגעשטילט דאָס גערויש און געמורמל און האָבן אָנגעהויבן אַליין צו געװעלטיגן. דער מאָטיװ איז געװען אַ געלאַסענער, האָט זיך אין אָנהויב געװיזן צו זיין גאָר לייכט און כמעט װי צופרידן; נאָר אָט האָט זיך געהערט עפּעס װי אַ װיפּע, װי ס'װאָלט אין אַ נשמה אַ סטרונע געפּלאַצט, און דער גאַנצער מאָטיװ איז געװאָרן אַנדערש: דערשטיקטע טרערן, איינגעהאַלטענע זיפצן האָבן זיך געמאַטערט לויז צו רייסן, נאָר עפּעס אַ װילדע קראַפט האָט זיי געשטערט, איינגעהאַלטן, זיי צוריקגעשטופּט, און הילפלויז האָבן זיי זיך װידער אָנגעהויבן צו רייסן פון אָרט, נאָר שטילער שוין, מיט װייניגער האָפענונג, ניי

פריהער... די טענער זיינען געוואָרן אַלץ שטילער, שוואַכער — אין טעאַטער איז פינסטער געוואָרן, דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן.

וואָס אויף דער סצענע טוט זיך, האָב איך נישט געוואוסט: מיר זיינען די אויגן צוגעפאַלן, אויפן מח איז אַנגעפאַלן עפּעס ווי אַ נעפּל, דורך וועלכן עס האָבן זיך נאָר געטראָגן צעריסענע געדאַנקען, אָפּגעהאַקטע בילדער... איך האָב נישט אונטער־שיידן, צי מען זינגט, צי מען שפּילט. די טענער, האָט זיך מיר געדוכט, פליסן איין אין מיר, רירן מיין האַרץ און שאַפן עס איבער אויף ס'ניי: פון אומגליק ווערט גליק, פון ליידן — נחת; אַלץ ווערט הייליג און געבענטשט, און דו פילסט, אַז ביסט געוואָרן גרינגער, לייכטער און פריי, אומבאַגרענעצט פריי... דער ערשטער אַקט האָט זיך געענדיגט. דער טעאַטער האָט געהילכט פאַר קלאַפּן און שרייען בראַוואָ. די ליכטיגקייט האָט געבלענדט מיינע אויגן, איך האָב טיף אָפּגעזיפצט און האָב זיך אומגעקוקט. אַרום מיר איז געוואָרן גרוימער, דער עולם איז אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר, איך האָב מיך דערמאָנט אָן מיין לאָרנעט און האָב גענומען באַטראַכטן דאָס פּובליקום. און דרייענדיג אַזוי מיט דעם לאָרנעט, האָב איך באַמערקט אין צווייטן שטאָק, קעגנאיבער מיר, אַ באַקאַנט פּנים פון אַ פּרוויענציעמער. זי איז געזעסן מיט אַ קאַ־וואַליער, און ז י י זיינען געזעסן, ווי איך האָב מיך געקאָנט משער זיין, פאַרטון אין אַ שמועס. איך האָב מיינע אויגן נישט געגלויבט: זי איז געווען זעהר ענליך צו חנהלען: דער זעלבער שטערן, די זעלבע אויגן מיט די רונדינגע, ווי אויסגעשניצטע ברעמען, דעם רעשט פּנים איז מיר שווער געווען צו באַטראַכטן; זי האָט געערדט, געלאַכט און געבויגן זיך פון אָרט צו אָרט... ווי קומט זי אין טעאַטער אַריין, זי, די חסידישע טאָכטער, וואָס האָט מיט מיר, מיט אַ פרעמדן יונגען־מאַן, קיין וואָרט נישט געוואָלט ריידן, וואָס שעמט זיך אפילו פאַר די אויגן צו ווייזן? און וואָס וואָלטן אירע עלטערן געזאָגט?

נאָר אָט האָט זי באַמערקט, אַז מען קוקט אויף איר. איר פּנים איז פּלוצלינג געוואָרן רוהיג, אומבאַוועגט, און איך האָב זי

דערקענט, — זי, די רוהיגע, פרומע און שעמעוודיגע חנהלע! איך האָב שיער ניט קיין געשריי געגעבן פאַר איבעררעאַשונג... דער ערשטער געדאַנק, וואָס האָט ווי אַ קלאַפּ געגעבן אין מיין מוח, געריינק איך, איז געווען, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט, מיין אייגנליבע האָט מיך גענאַרט: זי איז נישט קיין שעמעוודיגע, נישט פאַר צניעות האָט זי גאַנצע חדשים מיט מיר קיין וואָרט נישט גערערט, נאָר ווייל איך אַליין בין איר געווען דערווידער, זי האָט מיך נישט געקאָנט ליירן — פשוט! איך האָב געקריצט מיט די ציין פאַר כעס אויף זיך, אויף מיין מכלומרשט רחמנות האָבן אויף איר, אויף מיין בּיינקעניש די גאַנצע צייט, און דער עיקר — אויף איר, אויף דער חסידישער טאָכטער...

אין טעאַטער איז שוין לאַנג פינסטער געווען. די מוזיק האָט מיך איצט נישט אינטערעסירט, איך בין געזעסן אויפן אָרט, האָב צונויפגעלעגט די הענט אין אַ פאַרמאַכטן פויסט און האָב געטענעט: ווי האָט זי דאָס אַ העזה צו גיין מיט אַ פרעמדן יונג אין טעאַטער?! ווי קאָן דאָס אַ חסידישע טאָכטער טון?! ווי קאָן מען זיין אַזוי פאַלש?! אין די מינוטן האָט איר דער פאָטער אירער ניכער געקאָנט מוחל זיין די עבירה, וואָס זי האָט געטאָן, איידער איך...

דער צווייטער אַקט האָט, צו מיין גליק, נישט לאַנג געדויערט, און איך האָב זיך געאײלט אָפּגעבן אַ רעכענונג, וואָס איך וויל דאָרט טון. איך האָב נישט לאַנג באַראַרפט וואַרטן. פון טעאַטער אין קאָרידאָר אַריין האָב איך באַלד דערזעהן אַרויסגיין חנהלען, און נעבן איר אַ יונגערמאַן, זעהר עלעגאַנט געקליידעט, מיט אַ ראַזירטער באָרד און מיט לאַנגע וואָנצעס. זי האָט מיך באַלד דערזעהן, און איר פּנים האָט אויסגעקרימט עפּעס אַ מאָדנע גרימאַסע. מיר איז פלוצלינג אַ רחמנות געוואָרן אויף איר. איך וואָלט מיך באַהאַלטן, ווען איך וואָלט געקאָנט. דאָס אַלץ האָט אָבער נישט מער געדויערט, ווי עטליכע סעקונדעס; איר פּנים איז ווידער רוהיג געוואָרן, זי האָט עפּעס גערעדט צום יונגענמאַן און איז צוגעגאַנגען צו מיר פאַמעליך, רוהיג, ווי קיינמאָל גאָרנישט, און האָט מיר דערלאַנגט די האַנט:

— אַ, פֿאַניע ק.! זי זיינען אויך דאָ? וואָס מאַכט מען עפּעס גוטס?

מיינע פיס האָבן געציטערט אונטער מיר, איך האָב מורא געהאַט, אַז איך זאָל נישט קריגן אויפֿן אָרט היסטעריע. איך האָב אַפילו נישט געטראַכט איר מיין האַנט צו דערלאַנגען. איך בין געשטאַנען ווי צונעמויערט, זי האָט די דערלאַנגטע האַנט אירע צוריקגענומען און האָט געוואָלט אַוועקגיין.

— חנהלע... האָב איך קוים אויסגערעדט און האָב אָנגענומען זי פֿאַר דער האַנט, עפּעס נישט ווי מיט מיין ווילן. זי האָט אָפּגערוקט איר האַנט, האָט מיך אָנגעקוקט און געזאָגט:

— לאָזן זי געמאַך, איך בעט אייך... ס׳איז נישט שיין.

— חנהלע... האָב איך ווידער געמורמעלט און האָב נישט געוואוסט, וואָס מען רעדט. דער יונגערמאַן איז געשטאַנען אין דער זייט, האָט געדרייט די וואָנצעס און האָט קאַלט געקוקט אויף אונז.

— איך האָב קיין צייט נישט — האָט זי זיך פֿאַרענטפֿערט — איך מוז אַהיים גיין, זי זעהען דאָך, ס׳איז ערשט נאָכן צווייטן אַקט...

זי האָט גענומען אַוועקגיין, איך האָב ווידער געפֿילט, אַז איך פֿאַרליר זי אויף אייביג.

— איך וועל זי שוין קיינמאָל מער נישט זעהן? האָב איך כמעט זוי אויסגעשריען.

— פֿאַרוואָס? — האָט זי געענטפֿערט מיט אַ שמייכל, מיט דער מוטערס שמייכל — איך לאָז עפּעס נישט קוקן אויף מיר? זי ברויכן מיך עפּעס צו זעהן? האָט זי געפֿרעגט מיט אַן ערנסטער שטים און געקוקט מיר אין די אויגן אַריין, פֿאַרשנדיג.

— יאָ, איך ברויך זי צו זעהן, איך מוז זי זעהן... זי האָט אויסגעזעהן צו זיין זעהר פֿאַרלייגן, און האָט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפֿערן. זי איז צוגעגאַנגען צום קאַוואַליער. זיי האָבן עפּעס גערעדט צווישן זיך, איך האָב פֿון דערווייטן געזעהן, ווי ער האָט אַרויסגענומען דאָס בייטעלע און האָט איר געוויזן, אַז ער האָט נישט קיין געלט. איך האָב נישט געוואוסט, וואָס דאָס אַלץ זאָל באַטייטן. זי איז צוגעגאַנגען צו מיר און האָט געזאָגט:

— אויב זי ווילן, קאָנען זי מיך זעהן מאָרגן זיבן פאַרנאַכט...
זי האָט אָנגערופן די גאַס און דעם נומער און איז באַלד אַוועקגעגאַנגען.

איך בין אויך אַרויס באַלד פון טעאַטער, און אין מיין מוח האָט אָנגעהויבן אַלץ קלאָרער צו ווערן. אין מיינע אויערן האָט געקלונגען איר געלעכטער, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט. ניין! זי איז נישט געווען קיין כשרע פרומע נשמה, ווי איך האָב געמיינט. זי איז, ווי עס זעהט אויס, גאַנץ גענייט געווען צו רייד̇ן מיט יונגע־לייט, אויב זי האָט מיך אַזוי רוהיג באַגעגנט. אין דערהיים האָט זי זיך עקסטרע מיט מיר אַזוי געהאַלטן, כדי עס זאָל אויף איר קיין שום חשד נישט פאַלן... איך האָב געלעבט אין עפּעס אַ פאַרבלענדונג.

---

# V.

זי האָט אויף אַ מינוט נישט פאַרשפּעטיגט. פונקט אַזייגער זיבן איז זי אָנגעקומען מיט גיכע, לייכטע טריט; האָט מיך גלייך דערזעהן און האָט מיר דערלאַנגט די האַנט:

— אָ! זעהען זי! האָט זי געזאָגט און געוואָלט צוריקנעמען מכלומרשט די האַנט — איך האָב דאָך גאָר פאַרגעסן! איר נעמט דאָך נישט די האַנט; איר זענט אַזאַ פרומער? יאָ?

גאָר איך האָב זי נישט געלאָזט צוריקנעמען די האַנט. נאָך דעם אַלעם, וואָס איך האָב מיך אָנגעליטן פון חנהלען, נאָך די נעכט אָהן שלאָף און טעג פון בייַנקעניש און טרויער האָב איך איצט אויף איר געוואַרט, ווי מען וואַרט אויף אַ ניי אומבאַקאַנט גליק, איך האָב געהאַלטן איר האַנט אין מיינער און געטראַכט: איז דאָס אַלץ? איז דאָס חנהלע? ליב געהאַט און געבענקט האָב איך גאָר נאָך אַן אַנדערער: נאָך אַ פרומער, שעמעוודיגער, וואָס האָט מורא אויף אַ מאַנספּאַרשוין אַ קוק צו געבן. זי האָט באַפרייט איר האַנט פון מיינער און האָט געזאָגט:

— זי האָבן זיך נעכטן פאַרוואונדערט? אַוראַי, יאָ! וואָס מיינען זי, איך קאָן נישט קיין צוויי ציילן? איך וויס נישט, אַז די מאַמישי גייט מיטן פעטער אין טעאַטער אַריין? די מאַמישי לאָזט מיך קיין וואָרט נישט ריידן מיט קיינעם. פרעג איך זי, פאַרוואָס? ס'איז עפּעס אַן עבירה? זאָגן זי? זי קאָנען דאָך אַוראַי לערנען — אַלע ליטוואַקעס קאָנען לערנען — ס'איז עפּעס אַן עברה? —

איך בין איצט געווען פאַרנומען מיט מיינע אייגענע געדאַנקען און האָב זי וויייניג געהאָרכט. ניין, ניין — האָב איך געשמייכלט. איך האָב עפּעס געפילט אין אירע רייד, אַז זי וויל מיר עפּעס זאָגן און זוכט נאָר אַרויסצופירן דעם שמועס אויף דעם. וואָס וועט זי מיר זאָגן? איך האָב גענומען איר האַנט און צוגעפּרעסט צו מיינע ליפּן. זי האָט מיר דאָס נישט געווערט. איך האָב אָבער באַלד אַרויסגעלאָזט איר האַנט. נעקושט האָב איך אַן אַנדערע. אמת, אַ שיין מיידל, נאָר אַ פרעמדס! אַ צופעלינס. אין האַרץ האָב איך געפילט, אַז אָט איצט, באַ דעם דאָזיגן געשפּרעך, האָב איך פאַרלאָרן עפּעס זעהר טייערעס און וויכטיגעס, וואָס וועט אפשר שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען, און מיר איז אַ שאָה געווען און פאַרדראָסן האָט מיך עפּעס... זי האָט איבערגעהאַקט די שווערע שטילקייט:

— איך בעט זי זעהר, זי ווען נישט דערציילן באַ אונז אין דערהיים?

איר שטים איז געווען געבראָכן. זי האָט פלוצלינג אָפּגעהאַקט און געוואָרט אויף אַן ענטפער. איך האָב מיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן:

— אַזוי?! האָב איך געענטפערט מיט כעס — אויף דעם האָבן זי מיך גערופן היינט?

נאָר זי האָט נישט פאַרשטאַנען דעם טאָן פון מיין פרעטענזיע. זי האָט גערעכנט פשוט, אַז איך וויל מיך באַנוצן מיט דעם פאַל, און האָט מיר פאָרגעלעגט דריי רובל, איך זאָל שווייגן.

— איך בעט זי, זאָגן זי נישט — האָט זי זיך אָנגעהויבן צו בעטן. מיך האָט שוין אָנגעהויבן צו עקלען.

— באַהאַלטן זי די דריי רובל! — האָב איך געזאָגט שטרייננ — איך וועל נישט זאָגן... איך בין פּלוצלינג ווייכער געוואָרן און האָב גענומען ריידן ווייכער.

— ווייסן זי וואָס, חנהלע? קומט, מיר וועלן אַ ביסל גיין...
אין מיר האָט זיך דערוויל דערוועקט אַן אַנדער געפיל... די אויגן מיינע האָבן געמוזט האָבן אַ שלעכטן גלאַנץ: אַ נירינג, כיט־רען... מיר זיינען געגאַנגען שטיל. אַריינקומענדיג אין אַ שמאָלער, שטילער גאַס, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און האָב געמאַכט אַ באַוועג־נונג זי אַרומצונעמען, נאָר זי איז געבליבן שטיין אויפן אָרט, האָט שטרייננ געקוקט אויף מיר און האָט געגראָזיעט מיטן פינגער:

— ע, ליטוואַק! — ניין! האָט זי געזאָגט מיט כעס. און זי האָט געקאָנט באַפעלן. איך בין געבליבן שטיין פון דער ווייטן און האָב נישט געוואַגט זיך צו רירן פון אָרט.

— אַ גוטע נאַכט! — האָב איך קוים אַרויסגערעדט און בין געגאַנגען מיין וועג מיט גיכע טריט. מיך האָט געעקלט מיין גראָבקייט, מיין ליבע, די דריי רובל, די וועלט... עס האָט זיך מיר געוואָלט באַהאַלטן פאַר זיך אַליין...

— ליטוואַק! דריי רובל נעמען זי! — האָט זי מיר נאָכגעשריען, און דאָס זיינען געווען די לעצטע ווערטער פון מיין געליבטער.

# שְׁכֵנִים

— צען שטיק „קאַבינעט“

חיים־ברוך, אַ פּויליש יידל, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געקומען פון דער פּראָווינץ און טראָגט הײנט אַרום פּאַפּיראָסן אויף דער גאַס, אַ נידעריגער, אַ פולער מיט אַ קליין קיילעכיג שוואַרץ בערדל, — האָט זיך שיער נישט אַראָפּגעגליטשט פון דעם שטעקן, אויף וואָס ער איז געווען אָנגעלענט, און נישט ווסנדיג נאָך, וואָס ער זוכט, האָט ער אָנגעהויבן צו שאַרן צווישן די פּעקלאַך פּאַפּיראָסן.

עס איז געווען אַ קאַלטע פּראָסטיגע נאַכט, שוין קעגן צוועלף. אַ פּאַרע האָט געשלאָגן פון דעם „דײטשס“ מויל, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט קויפן פּאַפּיראָסן, ער איז געשטאַנען מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער פון פּאַלטאָ, מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, וואָס האָט געציטערט אין דער לופט.

„קאַבינעט“! — האָט ער איבערגעחזרט אומגערולדיג.

און באַקומענדיג די פּאַפּיראָסן, האָט ער געאײלט אַוועק, און די טריט זיינע האָבן זיך נאָך לאַנג געהערט אין דער לופט.

חיים־ברוך האָט פאַרריכט אונטער זיך דעם שטעקן, אויף וואָס ס׳איז געווען צוגעשלאָגן אַ קליין ברעטל אויף צו זיצן, און אַריינשטעקנדיג די הענט אין די אַרבל, האָט ער זיך צוריקגעזעצט אויפן אָרט מיט דעם ערנסט פון אַ מענשן, וועמען מען האָט אָפּגעריסן פון אַ וויכטיגער אַרבעט, און ער נעמט זיך איצט צוריק צו איר מיט פליים.

די גאַס איז העל באַלויכטן. מענשן גייען אַלץ ווייניגער, זיי לויפן דורך די גאַס גיך, מען דערקענט, אַז זיי זיינען דורכגעפרוירן און שלעפעריג. די דראָזשקאַרזשעס דרעמלען איין אויף די קעלניעס מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אָדער זיי ריידן צווישן

זיך אָפּגעהאַקטע, נישט געענדיקטע פּראַזן. די גרויסע שטאָט איז ווי איינגעשלאָפן, און נאָר די עלעקטרישע לאָמפּ פאַרן רעסטאָראַן לייכט פרייליך און העל און קוקט ווי מיט שטאָלץ פון דער הייך אויף די לאַנגע שורות פאַרשלאָפענע שטאָט־לאַמטערן.

„צען טויזנט — הויבט חיים־ברוך אָן צו טראַכטן אויף דאָס נײַ — אויף מײַן חלק פינף טויזנט"... אים שטעלט זיך פאָר אַ פּעקל רויטע באַנק־בילעטן, נײַע, געפּרעסטע, וואָס קנאַקן אין דער האַנט. באַלד זעהט ער זיך אַליין אויך, שטייענדיג אין דער־היים אין גראָכאָווצע... פון דעם איינעם פּעקל ווערן אַ סך פּעק־לאַך, וואָס ליגן אויסגעסדרט אויפן טיש. דערנאָך קומט פאָר חיה־לאַה, די קינדערלאַך...

„האַ? נו? וואָס? אַ שלימזול בין איך?"...

און די לעצטע פראַזן, וואָס זיינען געווען געווענדט צו חיה־לאָהן, פאַר וועמען ער האָט זיך געפילט שולדיג, האָבן זיך אַזוי קלאָר אויסגעשניטן אין מח, אַז די ליפּן זיינע האָבן זיך גערירט, און אַ ליבליכער שמייכל האָט זיך געלעגט אויף זיין פּנים.

— ס'איז קאַלט... האָט ער אַרויסגערעדט צו זיך אַליין — און אַרויסנעמענדיג דעם שטעקן פון אונטער זיך, קלאַפּנדיג מיט די פיס אויפן טראָטואַר, האָט ער אָפּגערוקט דאָס קעסטל פון דער ברוסט, זיך אַרומגעקוקט און עפּעס געטראַכט.

אים האָט אינטערעסירט צו וויסן, פון וואָסער זייט דער ווינט בלאָזט דאָס יעדעס מאָל מיט אַזאַ האַס און יאָגט איבער די טראָטואַרן דעם געפרוירענעם שנײַ, כּדי צו שטעלן זיך אין אַזאַ פּאָזע, וואו דער ווינט זאָל אים ווייניגער דערקוטשען.

— אָט אַזוי... האָט ער זיך באַרוהיגט און זיך צוריקגעשטעלט אויפן שטעקן.

ווידער מאָלן זיך אים אויס אין מח די היים, ווייב און קינדער, נאָר זיי זעהען איצט שוין גאָר אַנדערש אויס: די שטוב איז אַ סך גרעסער געוואָרן, אַ גרויסער זייגער הייננט אויף דער וואַנט, עס איז וואַרעם און ליכטיג, חיה־לאָה איז אָנגעטאָן ווי אַ פּריצה,

די קינדערלאַך זיינען אָפּגעוואַשן און גייען אין נייע קאַפּאָטלאַך. און חיים־ברוך קומט אַריין מיטן „ליטוואַק“ אונטערן אָרעם און זאָגט צו זיין ווייב:

— אָט דאָס איז ער! אַז איך האָב דיר באַלד געזאָגט: אַ ליטוואַק, נאָר אַן אָרנטליכער מענש, אַ גוטער יונג, דו האָסט געמיינט, ער וויל מיך אָפּנאַרן מיטן „צעטעלע“, ביסט דאָך אַ שוטה, אַ נאַרישע יירענע. איך האָב דיר באַלד געזאָגט. אַ גלאָז טיי וועט איר טרינקען, ה׳... ליטוואַק?

ער דערמאָנט זיך, אַז ער ווייסט נישט דעם נאָמען פון דעם „ליטוואַק“, מיט וועמען ער נעכטיגט צוזאַמען אין קעלער־שטוב און ווער ס׳האָט אים אָנגערערט צו נעמען צוזאַמען אַ לאָטעריע־צעטל, און דאָס מאַכט אים אומרוהיג. אין מח דרייען זיך פאַרשיידענע מעשיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין דער־היים וועגן די ליטוואַקעס און ער טאַפּט אָן אין דער קעשענע דאָס צעטל, געפינט אים און ווערט רוהיג.

הײַנט איז ער עקסטרע אַריינגעגאַנגען אין אַ קאַפּיינע, גע־זיין עטליכע מענשן דאָס צעטל, און אַלע האָבן אים געזאָגט, אַז דאָס צעטל איז אַ ריכטיגס, אַז אין פינף טעג אַרום וועט מען ציהען, און אַז ער קאָן געווינען צען טויזנט רובל.

אויף מיין חלק פינף טויזנט... און דער אַראָפּגעלאָזטער קאָפּ פון דעם געבויגענעם, דורכגעפרוירענעם גוף אַרבעט שנעל און לעבעדיג, און נישט זעלטן לייגט זיך אַ שמייכל אויף די ליפּן.

נאָר אָט האָט זיך פּלוצלינג פאַרלאָשן די עלעקטרישע לאָמפּ, די רעשט געסט גייען אַרויס פון רעסטאָראַן, פון דער אַנדערער זייט גייען אַקעגן צווײ מיידלאַך, טאַנצנדיג און שמייכלענדיג, און אויף חיים־ברוכן פאַלט ווידער אָן די מרה שחורה, דאָס בייַנקע־ניש נאָך דער היים, די דאַגה וועגן די זעקס רובל, וואָס ער האָט אויסגעגעבן אויפן צעטל און וואָס וועלן אים פעלן אויף דער הוצאה אַהיים אויף פּסח... ער ווערט בייז אויף זיך, אויפן ליטוואַק...

— דאָ מוז עפּעס זיין — טראַכט ער אויפן וועג, גייענדיג אַהיים — דאָס איז נישט גלאַט אַזוי.

און דער געראַנק, אַז ער האָט זיך אַזוי מאוס געלאָזט אָפּנאַרן, אַז ער וועט איבער דעם נישט זיין אין דערהיים פּסח, רירט אים ביז צו טרערן.

— חיה־לאה־לעב — דיקטירט ער אין מח אַ בריוו צו זיין ווייב — איך בין גאָרנישט שולדיג, איך זאָג דיר אויף מיין נאמנות! אַ ליטוואַק האָט מיך אָנגעקריגן, אַז דו ווייסט נישט, וואָס אַ ליטוואַק איז, אַ שטיין קאָנען זיי איבעררייסן, איך זאָג דיר אויף מיין נאמנות, איך בין גאָרנישט שולדיג, און זיי מיר מוחל, חיה־לאה־לעב, און גרים די קינדערלאַך...

אין קאָרידאָר, וואָס פאַראייניגט אַ גאַנצע שורה קעלער־שטובן, איז פינסטער. חיים־ברוך דערטאַפּט די טיר, רירט אָן די קלאַמקע נישט זיכער, נאָר דאָס קעסטל, וואָס הייננט אים פאָרנט, און וואָס איז אים איצט פּלוצלינג געוואָרן אומגעהייער שווער צו טראָגן, קלאַפּט זיך אָן אין דער טיר, און אַ ווידער־קול רופט זיך אָן פון דער אַנדערער זייט קאָרידאָר.

דער ליטוואַק עפנט אים די טיר, ער גייט מיט אַ בלויזן קאָפּ, אין די אויבערישטע מלבושים. ער איז נאָך נישט געשלאָפן:

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? — פרעגט ער.

חיים־ברוך וואַרפט פון זיך אַראָפּ דאָס קעסטל און פאַלט אַנידער אויפן ביינקל, די מידקייט און דער פראָסט טרעטן איצט ערשט צו און נעמען אים דורך, אין די פיס שטעכט ווי מיט שפּילקעס, ער ציהט אַראָפּ פּאַמעליך די שטיוול און ברומט עפּעס בייז.

— פאַרוואָס ענטפערט איר נישט? — פרעגט נאָך אַמאָל דער ליטוואַק, זיצנדיג אויפן בעט.

חיים־ברוך, וואָס האָט געהאַט ברעה אים אויסצוזידלען, זאָגן אים, אַז ער איז אַ ליטוואַק, אַז ער האָט אַ צלם אין קאָפּ און האָט אין זיך נישט קיין ייִדישקייט, בלייבט אַלץ שטום. די „זש“ פון ליטוואַקס ווערטער רייסן אים אין די אויערן, און אים דוכט זיך, אַז אין דעם שוויסטש פון דער „זש“ ליגט באַהאַלטן דער גאַנצער תמצית פון רמאות, אים דריקט אַם מערסטן דאָס, וואָס ער קאָן דעם ליטוואַק נישט אויסזאָגן, אַז ער ווייסט, ער האָט אים אָפּגענאַרט.

— פאַר וואָסוש, פאַר וואָסוש? — שפּעט ער נאָך, אַראָפּ־ציהענדיג דעם אַנדערן שטיוול.

— אָבער זאָגט נאָר, פינף טויזנט קאַרבווינים וועט זיין! אַהאַ! וואָס זאָגט איר? פינף טויזנט קאַרבווינים! פאַרשטייט איר מיך, וואָס איך רייד?

חיים־ברוך, וואָס די „פינף טויזנט" האָבן אים ווידער אָנגע־מאַכט אַ גערויש אין מח, שמייכלט און שעלט אין געדאַנק דעם ליטוואַק.

אַן אייזערנע גבורה האָט עס: אַ שטיין קאָנען זיי איבער־ריידן!

— פאַרשטייט איר מיך צי נײן? — רעדט ווייטער דער ליט־וואַק און שטעלט זיך אויף — דאָס צעטל האָט איר? אַ נו, ווייזט אָקאָרשט, אַי, זייט איר אַן „איטשע־מאיר"! מורא האָט איר? וואָס?

— ליטוואַק חזיר! — זאָגט חיים־ברוך אַביסל מיט אַ שמייכל

— איך הייס נישט איטשע־מאיר, ער נאַרט אויס און לאַכט נאָך.

— שטראָף מיך גאָט! וואָס לאַך איך? איך זאָג אייך, עס וועט גוט זיין, פאַרשטייט איר ווערטער? צען טויזנט קאַרבווינים. קנאַקנדיגע, זאָג איך אייך. אַ־האַ־האַ! — ענדיגט ער און רייבט די הענט.

חיים־ברוך שמייכלט, קוקט אויפן ליטוואַקס בלאַס פנים, אויף די פינקלדיגע אויגן, און פילנדיג עפּעס אַ צוטרוי צו אים זאָגט ער:

— איר האָט מיך נישט אויסגענאַרט? זאָגט די וואָרהייט!

— איי, זייט איר אַ שוטה! אַ גרויל! אַז איך גיב פון מיין בייטעלע זעקס קאַרבן און גיב אים דאָס צעטל, האָט ער נאָך טענות! אַ גרויל, וואָס דאָס איז פאַר מענשן! בהמות איז דאָס, פאַנאַטישע בהמות, פאַנאַטישע און נאַר!

חיים־ברוך ווערט אָן דעם מוט, ער בעט זיך אויס אויף דער ערד און לייגט זיך, ער וואַלגערט זיך נאָך לאַנג אויפן געלעגער און קאָן נישט איינשלאָפן. דער ליטוואַק לעשט אויס דאָס לעמפּל און לייגט זיך אויפן בעטל.

— ווי האָט איר געזאָגט? פאַנאַטישע? — פרעגט חיים־ברוך פון בעט.

יערעס וואָרט פון ליטוואַק, וואָס ער פאַרשטייט נישט, באַ־אומרוהיגט אים.

— פאַנאַטישע האָב איך געזאָגט, איר פאַרשטייט?

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— דאָס איז, פאַרשטייט איר מיך, ווילדע אַזעלכע אין אַמעריקע, וואָס גייען נאַקיט...

— אַהאַ! — זיפצט חיים־ברוך אָפּ.

„המפיל חבלי שנה“ הויבט ער אָן צו לייענען און שלאָפט איין, באַלד הויבט ער אָן צו שנאָרכן, דער ליטוואַק בייזערט זיך און ברומט:

— פאַנאַטישע! פאַנאַטישע און נאַר! אַ נאָז ווי אַ שופר!

אין פינף טעג אַרום, אין דעם זעלבן טאָג, ווען דאָס צעטל האָט נעבראָכט צו געווינען די צען טויזנט רובל, האָט חיים־ברוך אויפגעוואַכט פון שלאָף פריהער ווי אַלע מאָל. און נישט פילנדיג קיין שום מידקייט און פוילקייט, ווי יערן פריהמאָרגן, איז ער גלייך אַראָפּ פון בעט און גענומען זיך אָנטון. ווי יעדער מענש, ווען עס ערוואַרטעט עפּעס אַ שאַרפע ענדערונג אין זיין לעבן, איז ער געווען אויפגערעגט און גרייט צו טון. אין דרויסן האָט ערשט געטאָגט, און אין דעם קעלער, וואָס האָט געהאַט אַ קליין פענסטער אויפן הויף אַרויף, איז נאָך אינגאַנצן טונקל געווען. פון בעטל האָט זיך אָנגערופן דער ליטוואַק:

— אַ שוואַרץ יאָר, גאַרנישט געשלאָפן, עס איז שוין טאָג, וואָס?

און נישט באַקומענדיג קיין ענטפער, האָט ער געזאָגט:

— היינט, ווייסט איר, ציהט מען. אַ־אָ אַ טעלעגראַם וועט קומען. ס׳וועט אַרויס; פאַרשטייט איר? וואָס וועט איר טון מיטן געלט? איי, זאָגט אָקאָרשט, צום רבין וועט איר פאָרן מיט אַ פּריון? האַ? איך וואָלט זיי געגעבן! אָט!

און מאַכנדיג אַ פייג, האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט אין דער לופט.

חיים־ברוך האָט שטאַרק מוראָ פֿאַר אַפּיקורסות, וואָס שטעלט זיך אים פֿאָר, ווי עפּעס אַ גרויס אומגליק, אַן אָנשטעקנדיגע קרענק, פֿאַר וואָס מען מוז זיך היטן. ער ווייסט, אַז מען מוז שווייגן, ער וואַרפֿט אַ קרומען בליק אויפֿן ליטוואַק, וואַשט זיך און נעמט לייגן טלית און תּפֿילין.

דער ליטוואַק כאַפּט זיך אויך אויף. זיינע צעשויבערטע האָר וואַרפֿן זיך אַרום אויפֿן פּנים, ער איז נישט אויסגעשלאָפֿן, גע־ניצט און קווינקלט זיך, צוגייענדיג צום קראַן זיך וואַשן.

אין דער אַנדערער שטוב ברענט נאָך אַ לעמפּל, און דער שוסטער, וואָס וואוינט דאָרט, קלאַפּט מיטן האַמער און פייפט עפּעס אַ לידל.

— חנה! — האַקט ער אָפּ דאָס לידל און וועקט דאָס ווייב — חנה, שטיי אויף, מאַך פייער.

באַלד הויבט זיך אויך חנה אויף. אַ יונג ווייבל, אַ בלאַסע און אַ הויכע, וואָס ווען זי שטייט ביים אויוון און מאַכט פייער, דערמאָנט זי חיים־ברוכן אָן חיה־לאָהן.

— אַ גוט מאָרגן אייך, באַבוניו! — זאָגט דער ליטוואַק דרייסט, אויפהויבנדיג די אויגן פון ראָמאַן, וואָס ער האָט גענומען לעזן, ביז די טיי וועט פאַרטיג זיין.

אין שטוב איז נאָך גענוג טונקל געווען, און אים איז שווער געווען צו לעזן.

— אַ גוט מאָרגן, אַ גוט מאָרגן אייך, וואָס זייט איר אַזוי פריה אויפגעשטאַנען? — זאָגט חנה. זי רייבט אַ שוועבעלע און קאָן נישט אָנצינדן.

— אַ לאָזט נאָר! — לויפט דער ליטוואַק צו און מאַכט פייער.

„אַ טייוול", טראַכט חיים־ברוך, אָפּלייגנדיג טלית און תּפֿילין און קוקנדיג אויפֿן ליטוואַק. ער איז אים מקנא, וואָס ער איז אַזוי דרייסט צו יעדן, זאָגט חנהן „באַבוניו"... ער פילט זיך קעגן אים שוואַך, אומבאַהאָלפן און נישט דרייסט. ער פאַרשטייט נישט, ווי אַזוי חנה, אַ פרומע יידענע איז צו אים אַזוי פריינט־ליך, בשעת זי ווייסט, אַז ער איז אַן אַפּיקורס, דאַוונט נישט, און ער, חיים־ברוך, איז אַ פרומער ייד...

„דאָס איז אַזאַ קליפּה", בלייבט בײַ אים אין געדאַנק, און דערמאָנענדיג זיך, וואָס ס'וואַרט אויף דעם ליטוואַק אויף יענער וועלט, פילט ער זיך גליקליכער און קליגער פאַר אים און לייגט אַריין די אויגן אין סידור אַריין מיט ערנסט און גאווה, ווי איינער זאָגט: „אָט דאָ בין איך אַ תּקיף".

עפּעס האָבן זיי בײַם „אָנבייסן" נישט גערעדט וועגן דעם צעטל, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געהאַט אָפּגעשמועסט נישט צו ריידן וועגן דעם, און זיי זיינען אַרויס אויף דער גאַס.

ביז פינף דעם זייגער איז דער טאָג דורך ווי געוויינליך, ניכער נאָך ווי געוויינליך, פינף אַזייגער האָט חיים־ברוך שוין נישט געקאָנט איינשטיין אויף דער גאַס, ער האָט זיך געמאַכט אַן אויסרייד, אַז ער וויל אָנטון נייע שקאַרפּעטן, און איז אַהיים געגאַנגען, אומגעקוקט זיך אין שטוב, געוואַרט עפּעס, אַז עמיצער זאָל אים זאָגן, און האָט שוין געוואָלט אַרויסגיין. די טיר האָט זיך געעפנט, און דער ליטוואַק איז אַריינגעקומען:

— וואָס טוט איר דאָ, ר' חיים־ברוך? — האָט ער געפרעגט פרייליך און דרייסט.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט חיים־ברוך איבערגעפרעגט.

— אַזוי, איך בין זיך געקומען, פאַרשטייט איר...

— ע — האָט חיים־ברוך זיך געקרימט — נייע שקאַרפּעטקעס...

און פון צעטל האָט מען דערוויל נישט גערעדט.

דאָס ציהען האָט געדויערט מער ווי צוואַנציג טעג, עס איז געוואָרן נעהענטער צו פּסח. און מיט יעדן טאָג איז בײַ חיים־ברוכן קלענער געוואָרן די אמונה אינם געווינס, און גרעסער איז געוואָרן די שנאה צום ליטוואַק.

„אַזאַ עוכר, אַזאַ פּושע ישראל!" — פלעגט ער אים שעלטן אין געדאַנק, נאָר גערעדט האָט ער נישט. דער ליטוואַק האָט אויך אויסגעזעהן צו זיין פאַרטראַכט און טרויעריג. יעדער פון זיי האָט געוואָלט שפּעטער אַהיים קומען, כּדי צו טרעפן שוין דעם אַנדערן, אפשר וועט ער אים אַקעגן לויפן מיט אַ שמחה, מיט אַ מזל טוב. און אין דערהיים זייענדיג, האָט מען וועגן צעטל פאַרשוויגן.

חיים־ברוך איז געוואָרן בלאַסער אויפן פּנים און איינגעהויקערט איז ער עפּעס געגאַנגען. ער האָט אַהיים געשריבן, אַז ער קאָן נישט קומען. ער האָט געוואָלט אויסגיסן זיין האַרץ פאַר חיה־לאָהן אויפן ליטוואַק, אַז ער האָט אים אויסגענאַרט, נאָר עפּעס איז אים שווער אָנגעקומען צו שרייבן וועגן דעם, און די שנאָה צום ליטוואַק איז אים געבליבן אין האַרצן און האָט גענאָגט.

אין דעם לעצטן טאָג פון ציהען איז חיים־ברוך אַהיים געקומען פריהער, ער האָט שוין געטראָפן ליגן דעם ליטוואַק אויסגעצויגן אויפן בעטל און האָט זיך אויף אים אָנגעוואָרפן און גענומען זידלען:

— ליטוואַק חזיר! איך האָב רען נישט באַלד געוואוסט?! געווינען האָט ער מיר געוואָלט איינריידן! זעקס רובל פאַר זיין טרפהנער קעשענע האָט ער מיר געברויכט אויסצונאַרן! גיט אָפּ, זאָג איך אייך! איך האָב נישט אויף דער הוצאָה אַהיים! איר הערט?!

— אַ, וואָש שרייט איר, ר׳ חיים־ברוך? וואָש טויג דאָש שרייען? זעצט אייך בעסער, וועלן מיר שמועסן — האָט ער גע־ענטפערט שטיל.

— גיט אָפּ די זעקס רובל, זאָג איך אייך! — נאָר ביי חיים־ברוכן איז נישט אַרויס דער שטרייננגער טאָן, וואָס ער האָט גע־וואָלט, כּדי איבערצושרעקן דעם ליטוואַק. אינערליך האָט ער גע־פילט, אַז דער ליטוואַק האָט, ווי ער, פאַרשפּילט זעקס רובל, און ער האָט אים באַשולדיגט נאָר דערמיט, וואָס ער איז אַ פרייער פויגל, האָט קיין ווייב און קינדער נישט און זוכט צו פּטרן פרעמר געלט צוזאַמען מיט זיין אייגנס.

— אַ פרייער פויגל! — האָט ער געשריגן — וואָס שאַרט דאָס אים, דעם אַפּיקורס, אַז איך וועל נישט זיין אין דערהיים פּסח?! האָט ער אַרויסגעוואָרפן געלט! וואָס שאַרט דאָס אים? ווייב און קינדער האָט ער?! אַ מכּה האָט ער, אַ קרחת, אַ...

דער ליטוואַק האָט אים נישט איבערגעהאַקט, ער האָט אינמיטן נאָר אַריינגעוואָרפן אַ פראַזע: „בייזערט אייך נישט, ר׳ חיים־ברוך". חיים־ברוך איז אַם ענגרע שטיל געוואָרן און האָט זיך גע־לעגט, נאָר געשלאָפן איז ער ביינאַכט נישט; ביי טאָג האָט ער

זיך אַרומגעדרייט ווי אַ שאָטן. דאָס בייַנקעניש האָט געגאָנגען בייַם האַרצן; אים האָט זיך געוואָלט צום ווייַב, צו די קינדער, וואָס ער האָט עטליכע חדשים נישט געזעהן. און שטייענדיג מיט די פּאַפּיראָסן אויף דער גאַס, האָט ער אַ סך מאָל דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און געווישט די פייכטע אויגן.

און אָט איז געקומען פּסח. געגעסן האָט חיים־ברוך אין עפּעס אַן אָרימער רעסטאָראַציע, וואו מיט אים האָבן געגעסן אַ סך יונגעלייט, „אָרימע דייטשן", טייל מיט געגאָלטע בערד, טייל אָהן די היטלען. אים איז געווען אומעטיג און טרויעריג. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער זאָל אין מיטן דער הגדה נישט וויינען. עפּעס איז דער גאַנצער סדר דורכגעגאַנגען וואָכעדיג, געדרויערט איינגאַנצן אַ שעה, ער האָט פאַר עגמת־נפש נישט געקאָנט עסן, און מיט אַ שטומען וויטאָג האָט ער זיך געשלעפּט אַהיים. ער האָט געפילט, אַז ער ברויך צו עמיצן אויסלאָזן זייַן ביטער האַרץ, און ער האָט זיך צוגעגרייט אָנצופאַלן אויפן ליטוואַק און אים אויסזידלען. אין מח בייַ אים זייַנען שוין געווען גרייט אַ סך שילט־ווערטער, זידלערייען, וואָס ער האָט נאָר געדרייַנקט.

נאָר אַרייַנקומענדיג אין צימער, איז ער געבליבן שטיין פאַרוואונדערט: דער ליטוואַק איז געלעגן אויפן בעט, די אויגן זייַנע זייַנען געווען פייכט, דאָס פּנים פאַרוויינט. ער האָט זיך פאַרשעמט און אייַנגעשטעקט דאָס פּנים אין קישן.

— וואָס איז אייך? — האָט חיים־ברוך געפרעגט ווייך.

— עט, גאָרנישט — האָט דער ליטוואַק געענטפערט און געוואָלט זיך באַרוהיגן — אַזוי... עס בייַנקט זיך, פאַרשטייט איר, אַהיים, צו ווייַב און קינדער... עט, גאָרנישט...

— איר האָט אַ ווייַב און קינדער? — האָט זיך חיים־ברוך פאַרוואונדערט.

דער ליטוואַק האָט זיך, קענטיג, געפונען באַליידיגט מיט דער פראַגע, ער האָט אויך געברויכט זיך צו בייזערן, עמיצן אויסזידלען און האָט געענטפערט בייז:

— וואָש דען מיינט איר, איטשע־מאיר?

— בייזערט אייך נישט, בייזערט אייך נישט — האָט אים חיים־ברוך איבערגעבעטן.

זײ זײנען געװאָרן שטיל און האָבן זיך שטום אײנגעהאָרכט אין די פֿאַרשײדענע נגונים פֿון אַלע קעלער־שטיבן. אין דער אַנדערער שטוב האָט מען געהאַלטן בײ „שפוך חמתך״, בײ װאָס דער שוסטער האָט זיך אַזױ צעגאָסן, אַז בײדע, חײם־ברוך און דער ליטװאַק, האָבן זיך שיער נישט צעװײנט הױך אױפֿן קול. דאָס ליכטל האָט אָנגעהױבן צו צאַנקען און איז אױסגעגאַנגען. דורכן פֿענסטער האָט אַרײנגעשלאָגן אַ בלױע ליכט. דער ליט־װאַק איז געלעגן אױפֿן בעטל. אים האָט זיך געװאָלט אָפּ־זיפֿצן, װײנען, אַז ער איז געבליבן אַלײן. ער האָט אין דער מינוט גאָר װי פֿאַרגעסן זײן לאַגע און האָט געטראַכט װעגן דעם ליטװאַק, װעגן דער ליטװאַטשקע מיט די קלײנע ליטװאַקלאַך, װאָס געפֿינען זיך אַ צײט ערגעץ אין אַ פֿאַרװאָרפֿענער געגנט אין ליטע, און אים איז אַ גרױס רחמנות אָנגעגאַנגען אױף זײ.

קומענדיג צו זיך, האָט זיך דער ליטװאַק אָנגערופֿן צו חײם־ברוכן מיט אַ קול, אין װעלכן עס איז שױן ניט געװען צו דער־קענען די פֿריהעריגע עלנט.

— װאָס פֿאַר אַ שײנער מאָנד אין דרױסן איז!

נאָר דערמאָנענדיג זיך, אַז חײם־ברוך איז אַ פֿאַנאַטישער, אַז ער פֿאַרשטײט אַװדאי נישט דאָס װאָרט „מאָנד״, און מיטפֿילנדיג אים אין זײן עלנט, האָט ער צוגעגעבן:

— די לבנה דרײט זיך אַרום און אַרום.

— יאָ, אַװדאי — האָט חײם־ברוך צוגעברומט פֿון זײן גע־לעגער.

— אָט אַזױ — האָט גערעדט דער ליטװאַק, דרײענדיג זיך איבערן צימער — אַז קײן געלט איז נישטאָ, איז ביטער, זאָג איך אײך... זײ יאָ פֿרום, זײ נישט פֿרום — אַלץ אײנס זאָג איך אײך, איר מײנט, איך בין נישט פֿרום געװען? מײן זײדע איז געװען אַ רב, אױך געשטאָרבן פֿאַר הונגער! אַלץ אײנס, זאָג איך אײך...

נאָר חײם־ברוך דערהערנדיג, אַז ער האַלט בײ אַפּיקורסות, האָט אים איבערגעהאַקט און געזאָגט:

— גו, גו... מאָרגן, מאָרגן... און האָט זיך אױסגעדרײט צו דער װאַנט.

---

# דאס שפּיל אין ליבע

שוין צוויי שעה, ווי ער גייט מיט איר שפּאַצירן נאָס־איין נאָס־אויס, און פילט זיך גליקליך נעבן איר.

ניט גליקליך, נאָר כּמעט גליקליך. עס דוכט זיך אים, אַז אָט, אָט, נאָך אַ מינוט, נאָך פינף מינוט, וועט געשען עפּעס וויכטיגס, ווי אַ נס, און דאָס לעצטע דינע ווענטל, וואָס שטייט צווישן האַרץ און האַרץ, וועט פאַרשוואונדן ווערן. עס וועט שלאָגן די ליכטיגע שעה, אויף וועלכער ער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט, אַזוי לאַנג געהאָפט, אַזוי לאַנג געבּיינקט.

איין מאָמענט נאָר, און אַלץ, אַלץ וועט זיין גאָר אַנדערש, ווי געווען. אָנשטאָט קלייַנליכע, נידעריגע געדאַנקען, אָנשטאָט נאַרישע ספקות און האַלבליכקייטן, אָנשטאָט אָרימע צעבראָכענע געפילן, אָהן נוצן, אָהן שיינקייט, אָהן קראַפט, — וועט איין איינציג געפיל באַהערשן זיין האַרץ, און איין איינציגער שיינער, קלאָרער געדאַנק וועט זיך צעגיסן אין אים, ווי אַ העלע ליכטיגקייט, וואָס דערקוויקט און דערפרישט און וועקט צו לעבן און מוט: דער געדאַנק, אַז אָט דאָס שטאָלצע פרישע באַשעפעניש איז פאַראייניגט מיט אים, איינס מיט אים.

נאָך אַ מינוט, נאָך פינף מינוט, וועט מער ניט זיין קיין „ער“, וואָס בּיינקט נאָך איר און גייט איר נאָך, ווי אַ שאָטן, און „זי“, וואָס דערנעהענטערט זיך אויף איין טריט און דערווייטערט זיך אויף צוויי, וואָס שטויסט אים אָפּ און לאַשטשעט אים ווידער צוריק, נאָר אײן גאַנצקייט וועט זיין, אַ האַרמאָניע פון צוויי הערצער—ליבע!

אויף די גאַסן איז שטיל; די קראָמען זיינען שוין געשלאָסן. אַ שיין פון דער לבנה גיסט זיך צוזאַמען מיט דער ליכט פון די

לאַמטערנעם אין איין באַזונדערער העלקייט, מיט וועלכער עס צייכענען זיך אוים די זומער־נעכט אין אַ גרויסער שטאָט. די לבנה, אַ העלע און אַ גאַנצע, קוקט אַרוים פון דאַן און פון דאָרט: פון דאַך אַראָפּ, פון אונטערן קוימען, פון אַ ווינקל גאַס, זי באַהאַלט זיך און באַוויזט זיך ווידער, בשעת זיי גייען. די נאַכט־וועכטער גייען פאַרביי, קלאַפּנדיג מיט די שטעקנס. פון צייט צו צייט הערט מען, ווי ערגעץ אין טויער קלינגט אַ גלאָק; איינ־צעלנע מענשן גייען פאַראיבער; אַ שכורער נייט דורך, וואַקלענדיג זיך; אַ דראָזשקע קלאַפּט מיט די רעדער אויפן האַרטן ברוק און פליהט פאַרביי. אָט איז די קירכע מיט איר הויכן שפּיץ; איבער אים לויערט אַ בלייך וואָלקענדל אַזוי רוהיג און שטיל, אַז ס'דוכט זיך, עס האָט פאַרגעסן רירן זיך פון אָרט, און רוהט און שווייגט און טיקט זיך אין אייגענעם נחת. און אָט שיידן זיך די גאַסן: איינע, די, אויף וועלכע זיי גייען איצט, איז אַ לאַנגע און אַ ברייטע; די אַנדערע, וואו מאַניע וואוינט — אַ קרום און שמאָל געסל. בענדער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— מיר ווילט זיך איצט ניט אַריינגיין אין דעם שמאָלן געסל, — עס איז לאַנגווייליג. קומט, מאַניע; מיר וועלן נאָך אַביסל שפּאַצירן.

— ניין, בענדער, ס'איז שפּעט.

און דאָך האָט זי זיך ניט גערירט פון אָרט. זי האָט אַרויס־גענומען פון בלוזע אַ זייגערל זעהן, ווי שפּעט ס'איז. בענדער האָט עס גענומען פון איר און האָט עס געהאַלטן אַ ווײַלע מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן. דאָס קליינע שוואַרצע זייגערל איז אים פאַרגעקומען, ווי אַ טייל פון מאַניען, און האַלטן עס אין דער האַנט האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן, האָט גערייצט זיין פאַר־ליבט האַרץ.

— אַ פירטל אויף איינס — האָט ער געזאָגט נאָך אַ ווײַלע שווייגן.

זי איז געשטאַנען אַביסל פאַרטראַכט, דערנאָך האָט זי זיך אומגעקערט צו אים מיט ענערגישער באַוועגונג, האָט צוריק איינגעשטעקט דאָס זייגערל אין דער בלוזע און האָט געזאָגט:

— גוט, לאָמיר נאָך גיין. סיי ווי סיי שלאָפט מען שוין דאָרט. וואו אַהין?
— אַלץ איינס.
און ווידער זיינען זיי דורך פלעצער און גאַסן; ווידער באַהאַלט זיך די לבנה און באַווייזט זיך צוריק; ווידער אַ דראָזשקע, אַ שכּורער... און דאָס לאַנגווייליגע געשפּרעך וועגן זאַכן, וואָס אינטערעסירן אים גאָר ניט, וועגן טעאַטער, וועגן באַקאַנטע א. אַז. וו. — דער געשפּרעך ציהט זיך אָהן אַ סוף. דאָס גליק קומט נישט — בּענדער. האט שוין ווידער אָנגעהויבן צו בּונטעווען קעגן זיך אַליין.
דער אַלטער נעראַנק, וואָס ער האָט היינט כּמעט געהאַט ווי דערשטיקט אין זיך, האָט ווידער גענומען עגבּערן אין קאָפּ נאָך שטאַרקער. צווישן אונז — האָט ער געטראַכט — איז קיין ליבע, קיין האַרמאָניע, איז גאָרנישט ניטאָ, נאָר פּשוט: אַן אָפּמאַך. זי, אַ קלוג מיידל, וואָס וויל לעבּן, וויל טון מיט מיר, מיט אַ יונגענמאַן, וואָס פאַרדינט געלט, אַ גוטן שדוך פאַר זיך... און איך בּין אַ נאַר, אַ יינגל, פאַרשטיי קיינמאָל ניט, וואָס טוט זיך אַרום מיר.
ער האָט געשוויגן און זיך פאַרטראַכט. און דאָס שטילשווייגן פון דעם ראָזינן מענשן, וואָס זי האָט אַלץ ניט געקאָנט באַגרייפן, האָט זי געריצט און באַליידיגט. זי איז געגאַנגען האַרט נעבּן אים, האָט אים געקוקט אין די אויגן אַריין, נאָר ער האָט גע־שוויגן, געשוויגן מיט אַ פאַרבּיסענער איינגעשפּאַרטקייט, און נאָר אין זיין אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אין זיינע פעסט געשלאָסענע ליפּן, האָט זי דערקענט, אַז ער איז פאַרטראַכט. אַ שטאַרקער פאַרלאַנג האָט זי פּלוצלינג באַוועלטיגט צו וויסן, וואָס ער טראַכט, צו גע־פינען דעם שליסל צו זיין האַרץ:
— וואָס שווייגט איר, בּענדער? — האָט זי געפרעגט.
— מיר איז אַזוי אויך גוט, מאַניע — האָט ער געענטפערט, טראַכטנדיג דערביי, אַז ער זאָגט ליגן — מיר ווילט זיך ניט ריידן, פילאָזאָפירן, נאָר גיין נעבּן [illegible]
— וואָס פאַר אַ שרעקליכער עגאָאיסט איר זייט! שטענדיג טראַכט איר נאָר וועגן זיך, און וועגן אַנדערע טראַכט איר קיינמאָל ניט.

— דאָס איז וואָר — האָט בענדער געענטפערט קורץ.

דער דאָזיגער ענטפער, וואָס זי האָט אָפט מאָל געהערט פון בענדערן, האָט זי שטענדיג געבייזערט און באַליידיגט. עס האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט באַהאַלטן זיין אינערליכעס פון איר. זי האָט געענטפערט בייז:

— שטענדיג ענטפערט איר אַזוי: „דאָס איז וואָר, דאָס איז וואָר"; דאָס ווייס איך אָהן אייך. איך וויל ווייסן: פאַרוואָס איז דאָס ניט וואָר. איר האַלט מיך אַפילו ניט פייהיג צו פאַרשטיין אייך? וואָס!

— איר האָט רעכט, מאַניע.

דער געשפּרעך איז אָפּגעהאַקט געוואָרן, און זי האָט געוואָלט גיין אַהיים. בענדער האָט זי מער ניט אָפּגעהאַלטן. ער האָט זי באַגלייט ביז פאַר איר טויער, און באַם געזעגענען האָט ער צוגעפּרעסט איר האַנט צו זיינע ליפּן און האָט זי געקושט.

צו וואָס ער האָט דאָס געטאָן, האָט ער ניט פאַרשטאַנען, און ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דער קוש איז געווען אַ נאַרישע צופעלינע טאַט, ווי אַלע זיינע טאַטן, ווי אַלע זיינע געדאַנקען און ספקות.

אַמאָל איז ער געזעסן האַרט נעבן מאַניען אויף דער סאָפע באַ איר אין שטוב. ערשט פאַר עטליכע מינוט איז מאַניע געווען לוסטיג־לעבעדיג, פול באַוועגונג, פול געלעכטער. זי האָט זיך געזעצט און צוריק אויפגעשטאַנען, האָט גערעדט און געוויצלט זיך, און יעדער גליד אירער, יעדער צוג פון איר געזיכט האָט ווי גערופן: „איך בין אַ פרייער פויגל, פול לעבן, פריש און גליקליך".

איצט איז זי פאַרשוויגן געוואָרן און זיך ווי אונטערגענומען. אירע האָר זיינען ניט געווען אין אָרדענונג, זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אירע אַקסלען, באַדעקט אירע אויערן און האָבן ציטערנדיג געשפּילט אויף אירע באַקן, אויף אירע אויגן. איר קליין שוואַרצליך געזיכט האָט ווי איינגעזאַפּט אין זיך די שיינקייט; עפּעס אַן ערנסטקייט איז איצט געלעגן אויסגעגאָסן אויף דעם פּנים. אירע אויגן זיינען ווי טיפער געוואָרן, אַ לייכטער שאָטן פון שמערץ און בייגקשאַפט האָט זיי באַדעקט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ

לייכטער בלווע... ער האָט געגלעט אירע האָר, געקושט אירע באַקן, אירע אויגן, איר שטערן, און זי האָט געוויינט און בעטנדיק:

— צו וואָס דאָס בענדער? ניט שיין פאַר אייך... הערט אויף!

נאָר דאָס זיינען געווען אומזיסטע ווערטער, אָהן באַדייטונג, וואָס האָבן געקלונגען, ווי אַ שוואַך ווייט ווידער־קול פון עפּעס אַ היסטעריש, וואָס ער איז שוין לאַנג דורכגעגאַנגען און וואָס ער האָט שוין פאַרגעסן. זי האָט איצט אים געהערט, געווען אין זיין מאַכט: ער האָט צוגעבוינגן איר קאָפּ צו זיך, אירע אַקסלען האָבן געציטערט אונטער זיין אומאַרעמענדיגער האַנט, און אירע פלינקע רירעוודיגע הענט זיינען איצט געלעגן אָהן ענערגיע, אָהן מאַכט, ווילנלויז; אירע ליפּן נאָר האָבן ניט אויפגעהערט צו בעטן:

— לאָזט אָפּ, בענדער... באַ גאָט... וואָס טוט איר!

בענדער האָט זיך געבייזערט:

— שווייג! איך וויל ניט, דו זאָלסט איצט ריידן!

און ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגענער שטימע. דאָס איז ניט געווען קיין שטימע פון אַ פאַרליבטן, נאָר עפּעס אַ געשריי פאַר אַ גרויסן ווייטאָג. דער מאָמענט איז גענוג געווען, אַז ער זאָל זיך אויסניכטערן און זאָל ווידער קלאָר טראַכטן זיינע אַלטע פיינליכע געדאַנקען. ער האָט געקוקט מיט רחמנות אויף דעם שיינעם באַשעפעניש, וואָס איז געזעסן נעבן אים דערשראָקן, ווילנלויז און געפּייניגט.

— דו ליבסט מיך ניט, מאַניע! זאָג די וואָרהייט...

— איך וויים ניט, בענדער; איך אַכט אייך זעהר, זעהר.

— און דיר איז ניט אַנגענעם, אַז איך קוש דיך? קאָנסט ניט ליידן?

אַ קליינער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף אירע ליפּן. זי האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צו פילן פריי, שטאָלץ און טראָציג. זי איז צוגעגאַנגען צו דעם קליינעם שפּיגעלע, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, האָט פאַרפלאָכטן אירע האָר און געזאָגט:

— וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן איר רעדט היינט! אַלץ ווילט איר וויסן. גריבלען און גריבלען אָהן אויפהער...

„איך האָב זי אַרויסגעלאָזט פון מיין מאַכט, און זי, אַ באַפרייטע, האָט ווידער גענומען בייסן, קראַצן ווי אַ קאַץ" — האָט בענדער געטראַכט.

— ניין, מאַניע — האָט ער געזאָגט — איך ליב ניט קיין אומקלאָרקייטן, איך קאָן דאָס מער ניט איבערטראָגן. דו פּייניגסט מיך, דו האָסט מיין רוה געריבט, איך בין צעררייצט, אויפגערעגט טאָג ווי נאַכט. זאָג, איך בעט דיך: בין איך דיר צווידער? קאָנסט דו מיינע קושן ניט ליידן?

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, האָט געמאַכט אַן ערנסטע פאַרטרויערטע מינע און געזאָגט:

— מען דאַרף דאָך ניט זיין לייכטזיניג און מען קאָן זיך דאָך ניט לאָזן קושן פון יעדן!

— און איך בין „יעדער"?

זי האָט ווידער געשמייכלט, צופרידן פון זיך און פון איר טאָן, און האָט געענטפערט:

— איך אַכט אייך זעהר, זעהר.

און ווי אים איבערצובעטן, האָט זי זיך געזעצט נעבן אים אויף דער סאָפע. ער האָט גענומען איר האַנט אין זיינע. זי האָט ניט געשטערט און האָט געוואַרט צו זעהן, וואָס פון דעם וועט אַרויס.

— זאָג, מאַניע — האָט ער זאַנפט געפרעגט — קאָן מען קושן אַ מענשן, וועלכן מען אַכטעט?

— און צו וואָס פרעגט איר דאָס?

— איך וויל, דו זאָלסט מיך קושן.

— נו, לאָזט אָפּ, בענדער, איך בעט אייך...

— ניין, איך לאָז דיך היינט ניט אָפּ — האָט ער געזאָגט מיט צוריקגעהאַלטענער אויפרעגונג — איך מוז וויסן, איך מוז זיך איבערצייגן, מאַניע...

— זייט איר היינט אַ מאָדנער מענש, בענדער! הערט אויף, איך בעט אייך...

נאָר ער האָט זי מער ניט געלאָזט ריידן, ער האָט אַרומגענומען איר קאָפּ מיט זיינע ביידע הענט און האָט אים צוגעפרעסט צו זיין קאָפּ:

— איך לאָז דיך ניט אָפּ, מאַניע, ביז דו וועסט ענטפערן. איך מוז וויסן, מאַניע, דו מוזט ענטפערן: יאָ צי ניט; איצט, די מינוט!

אירע ליפּן האָבן קוים באַרירט זיין שטערן, און ער האָט געפילט אַ לייכטן ציטער פון די ליפּן, — אַ קורצן, איילנדיקן קוש.

באַלד דערנאָך האָט זי זיך געזעצט אויף אַ בענקל באַלייריגט און מיד. ער האָט באַמערקט איין בליק פון אירע אויגן: דער בליק האָט אויסגעדריקט כּעס און אַ שטילן שמערץ פון אַ געפּייניגטער.

ער האָט זי געקושט אויפן שטערן און איז אַרויסגעגאַנגען פריי, אויפגערעגט, מיט אַ צערודערט געמיט.

באַ בענדערן אין צימער איז געזעסן מאַניע און נאָך עטליכע באַקאַנטע. מען האָט פיל גערעדט, פיל געלאַכט און פיל גערוישט. מאַניע, וואָס האָט געשפּילט די ערשטע פידל אין דער קאָמפּאַניע, האָט געלאַכט און איז לוסטיג געווען נאָך מער, ווי געוויינליך, בענדערן איז דערווידער געווען איר לאַכן, אירע באַוועגונגען; אַלץ, וואָס זי האָט געטאָן, איז געווען געמיינט קעגן אים, אויסגערעכנט אים צו ערגערן. ער איז געזעסן באַם טיש, אַריינגעקוקט אין אַ בוך, שטיל און בייז. זי האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן זיין אויסערליכע רוה און האָט זיך אַלע ווײַלע געווענדט צו אים דאָ מיט אַ וויץ, דאָ מיט אַ פראַגע, ער האָט קורץ געענטפערט און האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. אין דער לעצטער צייט האָט מאַניע אָנגעהויבן צו פּילן, אַז בענדער רוקט זיך פון איר אָפּ, און דעם געדאַנק האָט זי גלייכגילטיג ניט געקאָנט פאַרטראָגן.

פּלוצלינג נאָר איז איר אײַנגעפאַלן צו גיין אַהיים, און זי האָט גערופן מיט איר קלינגענדיגער שטימע:

— ווער באַגלייט מיך היינט אַהיים? שנעל!

דער ערשטער האָט זיך אָפּגערופן מאירזאָן, ראָס איז געווען די דריטע פּערזאָן, וואָס איז געשטאַנען צווישן זיי. ער איז געווען יונג, שיין, געזונט און זעהר פויל. געלעבט האָט ער פון דעם, וואָס ער האָט געבאָרגט באַ באַקאַנטע, און איז דעריבער

געווען זעהר ווייך, און אויף זיין פּנים איז שטענדיג געלעגן אַן אויסדרוק, ווי ער וואָלט זיך אַנטשולדיגן און בעטן, מען זאָל אים מוחל זיין. מיידלאַך האָבן אים ליב געהאַט, אויסער מ אַ נ י ע, וואָס האָט צו אים ניט געפילט קיין גרויסע סימפּאַטיע, און נאָר כּדי צערייצן בּ ע נ ד ע ר ן, האָט זי זיך צו אים טיילמאָל גוט פאַרהאַלטן. איצט האָט זי ניט געוואָלט, ער זאָל זי באַגלייטן, און האָט געזאָגט:

— נו, ליגט אייך, מאַירזאָן, ווייטער אויף דער סאָפע. איר זייט מיר שוין דרעסן געוואָרן. מיינע הערן, ווער וויל מיך באַגלייטן?

בּ ע נ ד ע ר איז געזעסן און ניט גערירט זיך פון אָרט. ער איז געווען פול אָנגעלאָדן מיט כּעס. אַלע אירע רייד האָבן אים געערגערט. „קיין איין ערליך וואָרט, קיין איינציג וואָרט אָהן אַ זייטיגן מיין רעדט זי ניט”! האָט ער געטראַכט. אַלץ אין איר האָט אים אויסגעזעהן געפעלשט, נידעריג, ניט ווירדיג. ער האָט זי איצט טיף געהאַסט און געפילט אַ באַדערפעניש זיך נוקם צו זיין אָן איר.

נאָר פּלוצלינג איז זי צוגעגאַנגען צו אים, אַרויפגעלעגט איר האַנט אויף זיין אַקסל ענערגיש און געזאָגט

— בּ ע נ ד ע ר, באַגלייט מיך אַהיים.

און די קליינע באַרירונג פון איר האַנט האָט געמאַכט אַ איבערקערעניש אין זיינע געפילן. מיט איינמאָל איז דער גאַנצער האַס פאַרשוואונדן, ער האָט נאָר געשפּירט יענע צערייצטקייט פון זיין גאַנצן וועזן, וואָס אַ באַרירונג פון איר האָט שטענדיג אַריינגעבראַכט אין אים. די צערייצטקייט, וואָס ער האָט אין דער לעצטער צייט לאַנג ניט געפילט, וואָס האָט אים געפעלט, וואָס די בּיינקשאַפט נאָך איר האָט אים געקוועלט. נאָך אַ ווילע האָט ער זיך געראַנגלט מיט דער דעה, ניין אָדער ניט, נאָר נאָך איין ווייכער בליק פון אירע אויגן האָט איבערגעוואויגן די שאָל. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, אָנגעטאָן דעם אויבערמאַנטל און איז געגאַנגען מיט איר.

— ווי פאַרבּלענדט איך בין געווען, מ אַ נ י ע — האָט בּ ע נ ד ע ר געזאָגט, נייענדיג מיט איר אויף דער גאַס — אָט שוין

עטליכע חרשים, ווי מיר רוכט זיך אַלץ, אַז איך שטיי נעבן דער שוועל פון מיין גליק. און יעדן טאָג האָב איך געהאָפט, אַז איך וועל ווערן אַ נייער מענש, ווי איבערגעבאָרן; אַז אַלץ אין מיר וועט זיך באַרוהיגן, אַז מיין צעריסענע צעהאַקטע זעלע וועט פריי אויפעטעמען; אַז איר, איר וועט מיר געבן דאָס גרויסע גליק, פון וועלכן איך האָב נאָר געהערט אַנדערע ריידן, און וואָס איך אַליין האָב קיין איינציגע מינוט אין מיין לעבן ניט געפילט. אין אייך האָב איך געהאָפט צו געפינען די דערלייזונג פון דעם גאַנצן פאַרווירטן לעבן, פון די אַלע מענשן, טאַטן, גערלאַנקען און געפילן, וואָס זיינען מיר דערעסן געוואָרן ביז צום דערשטיקן. וואָס פאַר אַ טעות איך האָב געהאַט! אָנשטאָט גליק האָט איר מיר געגעבן שטענדיגע ליידן, האַס...

מ אַ נ י ע האָט אים איבערגעהאַקט:

— אייך, ב ע נ ד ע ר, דאַרף מען נאָר געבן און געבן. איר שטייט שטענדיג מיט אָפענע הענט און וואַרט, מען זאָל אייך געבן. און שטענדיג קלאָגט איר אייך און שטענדיג בלייבט איר גערעכט. פאַרוואָס נעמט איר ניט דאָס גליק, אויב איר ווילט עס. גליק דאַרף מען נעמען, דאַרף מען נאָכיאָגן, ניט שטיין ווי אַ בן־יחיד און וואַרטן, ביז מען וועט געבן. פאַרוואָס זאָל מען אייך געבן? מיט וואָס האָט איר דאָס פאַרדינט?

זי האָט אים איבערראַשט מיט איר ענערגישן ענטפער. ער האָט אויף אַזעלכע רייד ניט געוואַרט און האָט געענטפערט מיט אַ געקינסטלטער רוהיגקייט:

— ווי עס זעהט אויס, האָבן מיר זיך ביידע שוין גענוג פיינט. אפשר וועלן מיר מאַכן אַ סוף, מ אַ נ י ע?

— דאָס הייסט?

— מיר וועלן זיך שיידן, ווי פריינט אָדער פיינט?

מ אַ נ י ע האָט אים געקוקט אין די אויגן אַריין און האָט געענטפערט שמייכלע-ריג:

— נו, דאָס רעדט איר דאָך נאָר אַזוי; שיידן זיך וועט איר אייך ניט, איך וויל דאָס ניט.

— נאָר איך וויל, מאַניע.

— איר ווילט ניט, ב ע נ ד ע ר; ניט וואָר?

— גלויבט, מאַניע, איך װיל. איך האָב קיין כח מער.

אַז זיי זיינען צוגעקומען צו איר טיר, האָט זי געזאָגט:

— נו, ניט די האַנט, בענדער, אַז איר װילט... אַך, װאָס פאַר אַ קאַלטע האַנט איר האָט! — זי האָט לענגער געהאַלטן זיין האַנט אין אירער, זי האָט זיך אַביסל צוגעבויגן צו אים, װי זי װאָלט געװאָלט נעהענטער מאַכן איר פרישן יוגנטליכן קערפּער צו אים. ער האָט דעם רייץ ניט געקאָנט װידערשטיין, האָט זי אַרומגענומען, זי העפטיג געקושט, און זי איז אַװעק מיט אַ פּרעטענזיע:

— װאָס איז מיט אייך, בענדער? דאָס איז גראָב!

אַ גאַנצע נאַכט דערנאָך איז בענדער ניט געשלאָפן, אירע לעצטע װערטער זיינען אים ניט אַרויס פון זין, און דרייענדיג זיך פון איין זייט אויף דער צװייטער, האָט ער זיך געפרעגט און איבערגעפרעגט: צו װאָס, צו װאָס איז דאָס געשען?

צו מאָרגנס האָט בענדער געקויפט בילעטן אויף אַ קאָנצערט און האָט מאַניען געשריבן, אַז װיל ער װעט ערשט שפּעט פרייַ װערן פון זיין אַרבעט, דעריבער זאָל זי װאַרטן בײַ זיך אויף אים. און װי נאָר ער װעט קומען, װעלן זיי צוזאַמען פאָרן. ער האָט אַביסל פאַרשפּעטיגט, האָט זעהר געאײַלט און אַריינקומענדיג צו איר אין צימער, האָט ער געטראָפן מאַיר־זאָנען זיצן.

„די אַלטע פּאָליטיק הויבט זיך אָן" — האָט ער געטראַכט.

— איר פאָרט אויך אויפן קאָנצערט? — האָט ער געפרעגט מאַירזאָנען.

— אַ שאלה דאָס איז! איר האָט דען אַ באַגריף װאָס פאַר אַ זאַכן היינט װערן געשפּילט! איר װייסט, מאַניע, איך װאָלט ניט געגעסן און געטרונקען, אַבי צו הערן מוזיק. צװיי גוטע זאַכן, זאָג איך, זיינען פאַראַן אויף דער װעלט: צו ליגן אויף דער סאָפע און צו הערן מוזיק, און אויסער דעם איז אַלץ נאָר־נישט, נאַרנישט. ניט װאָר?

— אָריגינעל — האָט מאַניע געענטפערט — און איר, װי מיינט, בענדער?

— איך מיין גאָרנישט; לאָמיר גיין.

זיי זיינען איינגעשטיגן אין טראַמוויי. מאַניע, אַריינגייענדיג אין וואַגאָן, האָט זיך געזעצט נעבן מאירזאָנען, ווייטער פון בענדערן. די גאַנצע צייט האָט זי זיך עפּעס געסורעט מיט מאירזאָנען, אין מיטן האָט זי זיך הויך צעלאַכט און בענדערן ווי נאָר ניט באַמערקט. ער איז געזעסן ווי אויף גליהענדיגע קוילן. אים האָט זיך געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון טראַמוויי און גיין, און ער וואָלט דאָס געטאָן, ווען ער וואָלט זיך ניט שעמען פאַר מאירזאָנען. באַם אַריינגאַנג צום קאָנצערט, האָט זיך מאַניע געווענדעט צו אים:

— וויפיל בילעטן האָט איר געקויפט, בענדער?

— צוויי.

— און פאַר מאירזאָנען? איר האָט פאַרגעסן, אָדער וואָס? מען דאַרף קויפן נאָך איין בילעט.

קענען זיין ווילן האָט בענדער געמוזט קויפן נאָך אַ בילעט, כאָטש ער האָט גוט געוואוסט, אַז מאירזאָנען האָט זי עקסטרע מיטגענומען, כדי אים צו ערגערן און צו שטערן זיין רוה.

„ווי מאָרגע דאָס קומט אויס“! — האָט ער געטראַכט מיט פאַרביסנקייט — „זי צווינגט מיך, אַז איך אַליין זאָל העלפן מיך פייניגן“!

אַז זיי זיינען אַריינגעקומען אין אָפּענעם גאָרטן, האָט דער אָרקעסטער שוין געשפּילט. קוים האָט מאירזאָן דערהערט עטליכע טאַקטן, האָט ער זיך שוין אַנטציקט:

— ווי שיין, ווי גרויסאַרטיג! קיין דערהויבענערע זאַך, זאָג איך, איז ניט פאַראַן אויף דער וועלט, ווי מוזיק. הערט! הערט! שרעקליך!

דאָס האָט נאָך מער אויפגערעגט בענדערן, און אויך דאָ, אין גאָרטן, איז מאַניע געזעסן אויף דער זייט פון מאירזאָנען. אַלץ איז געווען עקסטרע געצייגט קעגן אים. ער האָט זיך געפילט באַליידיגט, געקוועלט. און די מוזיק האָט אים גערירט ביז טרערן. די טענער זיינען אַריינגעדרונגען אין זיין פאַרביטערט האַרץ, האָבן אים געלאַשטשעט און געטרייסט און איבערגעבעטן. עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען ער האָט פאַרגעסן

מאַניען און מאירזאָנען און די גאַנצע וועלט און האָט נאָר געדיינקט זיין איינציג גרויס אומגליק, אַז ער איז איינזאַם און עלנט, און קיין מענש און קיין זאַך עקסיסטירט ניט אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל דערויף קאָנען זאָגן: „אָט דאָס האָב איך ליב, אָט דאָס האָב איך מיר אויסגעוויילט, אָט דאָס געהערט מיר“. טיילמאָל ווידער איז אין זיין האַרצן אַנטשטאַנען אַ שרעקליכער האַס צו דער ראָזיגער אומבאַרעמהערציגער, אומגערעכטער מאַניע, און ער האָט געפילט, אַז ער דאַרף זיך נוקם זיין אָן איר, אַריינלאָזן איר אַ קויל אין דער ברוסט און טויטן זי אויפן אָרט. און ווידער אַ מאָמענט האָט זיך זיין גייסט באַרוהיגט, און דער געדאַנק וועגן טויט האָט זיך אָפּגערופן פון אַ ווינקל מח.

„ווי אַ הונט, ווי אַ הונט וועל איך שטאַרבן!“, האָט זיין האַרץ געוויינט צוזאַמען מיטן אָרקעסטער, און די אויגן זיינע זיינען פול געוואָרן מיט טרערן.

עס האָט זיך געענדיגט דער ערשטער טייל, ער האָט געעפנט די אויגן און געזעהן, אַז מאירזאָן מיט מאַניען הויבן זיך אויף און גייען זיך איבערשפּאַצירן.

ער האָט זיך אויך אויפגעהויבן און געגאַנגען אַהיים, ניט געזעגענדיג זיך מיט זיי.

צו מאָרגנס איז בענדער געגאַנגען אויף דער גאַס. ער האָט זיך געפילט מיד און מאַט. אַ גאַנצע נאַכט איז ער ניט געשלאָפן, אין געשעפט אַריין איז ער ניט געגאַנגען און האָט זיך אַרומגעשלעפּט אויף די גאַסן אָהן ציל. פּלוצלינג האָט ער דערזעהן פאַר זיך מאַניען, וואָס האָט זיך דערנעהענטערט מיט גיכע טריט:

— וואו זייט איר נעכטן אַהינגעקומען? — האָט זי געפרעגט, דערלאַנגענדיג אים די האַנט.

נאָר ער האָט איר ניט געגעבן זיין האַנט; ער איז געבליבן שטיין אויפן אָרט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן בליק. זי איז בלייך געוואָרן און האָט פּאַמעליך אָפּגעטראָטן פון אים.

בענדער האָט איר נאָכגעקוקט, ביז זי איז אַריין אין אַן אַנדערער גאַס, און ער איז ווייטער געגאַנגען זיין וועג.

---

# אויף אײן קוואַרטיר

## י.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, און ביידע שכנים, וואָס זיינען געלעגן אין אייזערנעם בעט, זיינען נאָך נישט געשלאָפן. אין איינגען צימער, וואָס האָט זיך געפונען אויפן פירטן שטאָק, איז געווען פינסטער און רושנע. דאָס פענסטער איז געווען אָפן, און אויפן שטיק הימל, וואָס מען האָט געזעהן פון צימער, איז נישט געווען די לבנה. איר שיין נאָר, אָנשלאָגנדיג זיך אין די דעכער, איז צוריקגעפאַלן אין צימער שיטער און שוואַך; אין דער לופט האָט זיך אַלץ נאָך געפילט דער הייסער טאָג און אַ ריח פון דורכגעברענטע דעכער. אין אַ דערבייאיגן צימער, באַ דער בעל־הביתטע, האָט ערשט נישט לאַנג אויפגעהערט צו וויינען דאָס קינד, און איצט האָט זיך געלאָזט הערן אַ געקלאַפּ פון די דראָזשקעס. דאָס געקלאַפּ האָט אַ רגע נישט אויפגעהערט: עס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ ווייטער גאַס, זיך דערנעהענטערט, שטאַרקער און געדיכטער געוואָרן און קוים האָט עס זיך אָנגעהויבן צו פאַרלירן, האָט זיך אַ ניי געקלאַפּ דערהערט, זיך דערנעהענטערט, דורכגעפאָרן, און דאָס גאַנצע גרויסע הויז האָט מיטגעציטערט.

אין בעטל איז געווען איינג; דאָס בעטגעוואַנט שוין לאַנג נישט איבערגעצויגן, און ביידע, פ י י נ ע ר און ג ו ט מ אַ ן, האָבן זיך באַמיהט איינער דעם אַנדערן באַקוועמער צו מאַכן. זיי האָבן זיך עטליכע מאָל געקערט פון א י י ן זייט אויף דער אַנדערער, איבערגעלעגט די קישן, נאָר מיט די הענט איז שווער געווען דורכצוקומען, ווייל, האַלטנדיג זיי אויפן קישן, האָבן זיי זיך געטראָפן און האָבן זיך אָפּגערוקט, ווי אָפּגעבריהט. ביידע האָבן געשוויצט. און פילנדיג דעם חברס גוף, האָבן זיי זיך דערמאָנט

אָן דעם איינענעם פלײשיגן און שוויצינן גוף, וואָס ווערט געבוירן אומריין, וואַקסט און צעפּאַלט...

געלעגן זיינען זיי שטיל און האָבן געטראַכט. פיינערס געדראַנקען, ענליכע צו זיינע באַוועגונגען אין לעבן, זיינען געגאַנגען שנעל און האָבן זיך איילנדיג פאַרקניפּט. גוטמאַנס געדאַנקען האָבן זיך געשלעפּט פּאַמעליך און שווער, ווי אַ וואָגן אין זאַמד.

פיינער האָט זיך אַנידערגעזעצט, פאַררוקט די קישן און געזאָגט:

— דושנע.

גוטמאַן האָט נישט געענטפערט. ער האָט געקוקט אויף זיין חברס האַלבן גוף און אים האָט זיך געוואָלט, אַז פיינער זאָל זיך שוין גיכער צוריקלייגן. פיינער האָט ווידער געפילט, ווי אין זיין האַרצן וואַקסט די שנאה צו דעם שווייגנדיגן, רוהיגן מענשן, וואָס איז אַ סך עלנטער און פאַרלאָזטער פאַר אים, טראַכט און רעדט ווייניג... ער האָט זיך צוריקגעלעגט און איבערגעווישט מיט ביידע הענט דאָס פּנים.

אין צימער איז טונקעלער געוואָרן. דאָס איז אודאי די לבנה אַרונטער אונטער אַ וואָלקן. פיינער האָט זיך נאָך עטליכע מאָל איבערגעקערט אויפן געלעגער און האָט געטראַכט וועגן גוטמאַנען: די גאַנצע פיר וואָכן, וואָס ער וואוינט מיט אים צוזאַמען, האָט ער נישט באַמערקט, אַז דער מענש זאָל פון עפּעס נתפּעל ווערן, אַז ער זאָל עפּעס וועלן... ער מישט זיך קיינמאָל נישט אַריין אין שמועס, ווען מען קומט זיך צוזאַמען און מען שפּאַרט זיך היציג. און קוקנדיג אויף זיין פּנים דעמאָלס, דוכט זיך, אַז דער מענש באַהאַלט עפּעס פון אַלע, אַז ער האָט עפּעס צו זאָגן און וויל נישט...

אין דרויסן האָט אַ זייגער אָנגעהויבן צו שלאָגן. ביידע האָבן געהאָרכט און געציילט. עס האָט געשלאָגן צוויי. און ביידע האָבן געטראַכט דערפון, אַז באַלד וועט אין פענסטער אַלץ אָנהויבן בלייכער צו ווערן, די פויגלען וועלן אָנהויבן צו שרייען, און דערנאָך וועלן זיי אַנטשלאָפן ווערן.

און אַז אין דרויסן איז ווידער העל געוואָרן, איז שוין שווער געווען צו דערקענען, צי דאָס איז דער ווידערשיין פון דער לבנה, וואָס שלאָגט זיך אָפּ אָן די דעכער, אָדער עס הויבט שוין אָן צו טאָגן.

פײנער האָט זיך אויסגעדרײט מיטן פּנים צו גוטמאַנען, און אין דער טונקלקײט האָט ער דערפילט גוטמאַנס רוהיגן, מעלאַנכאָלישן בליק אויף זיך. און װי יעדעס מאָל, דערפילנדיג דעם בליק, האָט זיך די פײנטשאַפט באַהאַלטן עפּעס אין אַ װינקל אין האַרצן, און ער האָט געשפּירט, אַז גוטמאַן איז זײן חבר, אַן עלנטער, װי ער אַלײן, און נאָך מער.

— זאָגט, גוטמאַן, איר טראַכט עפּעס?

גוטמאַן האָט נישט באַלד געענטפערט, און פײנער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז אויף זײן חברס ליפּן שפּילט איצט דער דינער־דינער שמײכל, װאָס באַלײדיגט אים יעדעס מאָל אַזױ טיף. ער האָט זיך שוין געהאַלטן אין מיטן אויסדרײען זיך. גוטמאַן האָט גערעדט שטיל:

— עס האָט געשלאָגן צװײ.

— יאָ, עס האָט געשלאָגן צװײ. איך קאָן נישט שלאָפן; איר אויך נישט?

— נײן.

עטליכע מינוט האָבן זײ בײדע געשװיגן. פײנער האָט זיך אָנגערופן:

— זאָגט, גוטמאַן, װען װאָס האָט איר געטראַכט ביז אַהער? ס'איז אומעטיג...

גוטמאַן האָט איבערגעפרעגט פויל:

— איך?

— איר דערמאָנט אײך און דערצײלט.

גוטמאַן האָט געשװיגן.

— פאַרװאָס שװײגט איר?

אין פײנערס קול האָט זיך געהערט זײן אויפרעגונג, ער אַלײן האָט עס דערשפּירט און האָט זיך פאַרשעמט.

— איך האָב געטראַכט... נו, גאָרנישט.

— דערמאָנט אײך.

— איך בין געגאַנגען הײנט פאַרנאַכט אויף דער דזיקע גאַס, איר װײסט, אין עק שטאָט (גוטמאַנס גלײך, רוהיג קול, די רוס'שע װערטער, װאָס זײנען אַרויס פון זײן מויל, ענלי־ע אײנס צום אַנדערן, װי אויסגעזאָסענע פון אַ פאָרם, האָבן אין דער

טונקלקייט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי דער טיקטאַק פון אַ זייגער, דאָרט וואוינען אָרימע מענשן. פאַר אַ טיר פון אַ געוועלב איז געשטאַנען אַ ייִנגל, אָנגעלענט אויף דער וואַנט, און האָט געוויינט. דערנאָך האָט ער געקוקט אויפן הימל און איז שטיל געוואָרן. פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט און האָט אָנגעהויבן צו וויינען נאָך העכער...

— נו... האָט פּיינער געפרעגט, אַז זיין חבר האָט אָפּגעהאַקט.

— גאָרנישט, איך האָב נאָר געטראַכט.

גוטמאַן האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט, פּיינער איז געלעגן מיטן פּנים צום פענסטער און האָט געקוקט אויף אַ גרין, ציטעריג שטערנדל, וואָס אַ פּוילער וואָלקן האָט ערשט געהאַט אַרויסגעלאָזט פון זיך. ער האָט נישט געוואָלט טראַכטן וועגן גוטמאַנען און האָט אָנגעהויבן זיך פאַרצושטעלן דאָס ייִנגל און די געגנט, וואָס איז נישט ווייט פון אידישן בית־עלמין. דאָרט איז גוטמאַן אַוודאי געגאַנגען שפּאַצירן. פּיינער האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז ווען זיי זיינען אַמאָל צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען פון בית־עלמין, האָבן זיי גערעדט וועגן דעם איינדרוק, וואָס אַ בית־עלמין מאַכט; גוטמאַן האָט דעמאָלס געזאָגט:

— עס קומט עפּעס מאָרנע אויס, דאָ שטייט אַן אָסטראָג נעבן בית־עלמין...

און ביי פּיינערן האָבן איצט די ווערטער באַקומען אַ באַזונדער האַלטענע באַדייטונג, און ער האָט זיך אויסגעדרייט, געקוקט אויף זיין חברס קאַרק לאַנג, ביז די אויגן זיינען מיד געוואָרן און האָבן זיך פאַרמאַכט.

אין דרויסן האָט זיך אָנגערופן אַ פויגל, און אין עטליכע מינוט אַרום האָט זיך אַריינגעטראָגן אַ געשריי, אין וועלכן מען האָט נישט געקאָנט אונטערשיידן אַן איינציג קול. עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז אין דרויסן שרייט אַלץ: די נאַכט, וואָס גייט אַוועק, אָדער דער טאָג, וואָס קומט אָן. געראַנגקען אין קאָפּ זיינען געוואָרן שיטערער, לייכטער... און ער איז איינגעשלאָפן.

גוטמאַן איז נאָך נישט געשלאָפן. ער האָט געקוקט אויף איין פּונקט אויף דער וואַנט, וואָס איז אַלץ קלאָרער און דייטליכער געוואָרן, דאָס איז געווען אַ מיטל אַנטשלאָפן צו ווערן. ביי

פויגלען האָבן שוין געהאַט אויפגעהערט צו שרייען, אויפן הויף האָט מען געעפנט דעם טויער, דער סטרוזש האָט געקערט, און עס האָט זיך געהערט דאָס רייבן פון בעזעם אויפן האַרטן ברוק. אין דער אַנדערער שטוב האָט דאָס קינד געוויינט, לאַנג געוויינט, ביז די מוטער האָט דערהערט... ער האָט זיך אומגע־דרייט, פיינער איז געלעגן מיט פעסט צוגעמאַכטע ליפּן, אויפן שטערן זיינעם האָט זיך אַ קנייטש געצויגן, דאָס פּנים זיינס איז געווען בלייך, פול מיט קנייטשן, דער אָטעם שווער און טיף. דאָס ברוגזינע העמד אויף די אַקסלען האָט זיך געהויבן, אינגאַנצן האָט ער אויסגעזעהן שוואַך, אומבאַהאָלפן... אויפן דאַך האָבן זיך שוין אָפּגעשפּיגלט די ערשטע שטראַלן, — באַלד וועט די זון אַהינקומען אין צימער...

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און גענומען קוקן אויף איין פּונקט.

## II.

זיי זיינען ביידע געווען אָרים, פּאַרלאָזט און עלנט, אָפּגעריסן פון דער גרויסער וועלט. זייערע באַקאַנטע זיינען געווען אָרים, פּאַרלאָזט און עלנט, ווי זיי. פיינער האָט געהאַט אַ באַשעפ־טיגונג אין אַ דרוקעריי אויף עטליכע רובל אַ מאָנאַט, גוטמאַן האָט געהאַלטן אין זוכן. נאָר עס איז שווער געווען צו גלויבן, אַז דער מענש זאָל אַמאָל עפּעס געפינען. דערווייל איז ער אַרומ־געגאַנגען אויף די גרויסע רוישנדיגע גאַסן פּאַמעליך, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן בליק, און די מענשן, וואָס האָבן זיך געאיילט, האָבן אים אויסגעמידן, ווי אַ סלופּ פון טעלעפאָן. טיילמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, דורכגעלעזן אַ שילד מיט כּונה און ווייטער געגאַנגען, ביז ער איז מיד געוואָרן און האָט זיך אַהיים געשלעפּט. אין דערהיים האָט ער זיך געלעגט אויפן בעטל און האָט געטראַכט.

פאַרנאַכט, ווען דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט, פלעגט ער זיך זעצן באַם פענסטער און אַרויסקוקן. אַרום האָבן זיך נאָר געזעהן דעכער און קוימענס. די וואָלקנס זיינען געהאַנגען אזוי נידעריג, אַז ס'האָט זיך געדוכט, אָט, אָט פאַלן זיי אַראָפּ.

די פינסטערניש איז צונעפאַלן, אַ הויכער שפּיץ פון אַ קירכע האָט זיך שוין אין דערווייטנס פאַרלוירן אין דער טונקלקייט. אַלץ אַרום האָט באַקומען א י י ן אויסזעהן און אויסדרוק, אַ טרויעריגן און אַ שווערן, וואָס האָט געצויגן באַם האַרצן. ער איז געזעסן רוהיג אָנגעלענט מיט איין האַנט אויפן פענסטער און זיינע קורצזיכטיגע אויגן האָבן זיך טיף איינגעקוקט אין דער טונקלקייט, וואָס האָט צונעפליסט פון אַלע זייטן, אַ קליין שטערנדל האָט געציטערט און האָט זיך פאַרלוירן. די אויגן זיינע זיינען מיד געוואָרן, און ער האָט זיך אויפגעשטעלט, געריבן די הענט איינע אין דער אַנדערער און האָט געצויגן:

— אַזוי, יאָ־יאָ.

מיט וואָס אינטערעסירט זיך דער מענש, מיט וואָס לעבט ער, האָט פיינער נישט געוואוסט, און דאָס נישט וויסן האָט אים געמאַכט אומרוהיג, געטריבן דעם מוח צו טראַכטן און געוועקט דאָס געוויסן.

אַמאָל איז פיינער אַהיים געקומען פאַרנאַכט. אין דרויסן האָט געקאַפּעט אַ רעגן, און ער האָט גערעכנט צו טרעפן זיין חבר זיצן באַם פענסטער. גוטמאַן איז געזעסן באַם טישל, פאַר אים איז געלעגן אַ פאָטאָגראַפיש בילד. דערהערנדיג דאָס עפענען פון דער טיר, האָט ער זיך אומגעקערט, זיי האָבן זיך באַגריסט, און גוטמאַן האָט זיך ווידער גענומען איינקוקן אין דעם בילד מיט עפּעס אַ כונה און באַאָבאַכטונג, וואָס פיינער האָט נאָך ביז אַהער נישט באַמערקט באַ אים. פיינער האָט זיך געדרייט אַרויף און אַראָפּ איבערן צימער און האָט, פאָראיבערגייענדיג, יעדעס מאָל אַ בליק געוואָרפן אויפן בילד. דאָס איז געווען אַ בילד פון אַ פרויענצימער, קענטיג, אַ מיידל. דאָס פּנים איז געווען אַ שיינס, די ליניען גלייך און האַרמאָניש, נאָר אָהן עפּעס אַ באַזונדערן אויסדרוק. די אויגן האָט ער פון ווייטן נישט געקאָנט באַטראַכטן גענוי, נאָר, קענטיג, האָבן זיי אויך געקוקט רוהיג און זיכער. דאָס איינציגע, וואָס האָט אויף זיך אויפמערקזאַם געמאַכט, איז געווען די פאַרקעמונג פון די האָר, זיי זיינען געווען פאַרקעמט אין דער הייך אַזוי, אַז דער גאַנצער הויכער, שיינער שטערן זאָל זיך זעהן.

— קוקט, פיינער... האָט זיך גוטמאַן אָנגערופן אין אַ ווײַלע אַרום. און האָט אים דערלאַנגט דאָס בילד זעהר פאָרזיכטיג, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, יענער זאָל עס אים נישט צוכאַפּן.

— יאָ, אַ שיין מיידל...

— אַ מיידל... האָט גוטמאַן איבערגעחזרט, — קוקט, איר זעהט? קוקט גוט.

— איך זעה, אַ שיין מיידל, כאָטש קיין אויסדרוק אויפן פּנים איז נישט פאַראַן.

אויף גוטמאַנס ליפּן האָט געשפּילט דער דינער שמייכל, און ער האָט געקוקט פיינערן גלייך אין די אויגן אַריין מיט איראָניע:

— איר פאַרשטייט נישט, — האָט ער געזאָגט, און אין טאָן זיינעם איז געווען אַ זיכערקייט און שטאָלץ, — איר האָט שוין אַמאָל געטראָפן אַזאַ בליק? פאַרשטייט איר, דאָס איז אַ בליק, נו...

פיינער האָט נישט געוואָלט מער ענטפערן, זעהענדיג, אַז זיין חבר איז אַזוי ערנסט און פאַראינטערעסירט. עפּעס אין האַרצן איז ער צופרידן געווען צו זעהן, וואָס זיין חבר אַנטציקט זיך און איז נאַריש כאָטש אַמאָל. דערצו, אַז ער האָט זיך מער איינגעקוקט אין בילד, האָבן די אויגן באַקומען אַלץ מער אויס־דרוק, זיי זיינען אַלץ לעבעדיגער געוואָרן, און די ליפּן, האָט זיך אים איצט געדוכט, וואָלטן זיך אָט, אָט באַוועגט צו ריידן עפּעס רוהיגס, גוטס און פרישס.

— דאָס איז אייערס אַ משפּחה? — האָט ער געפרעגט נייגע־ריג, — איך האָב עס ביז אַהער באַ אייך נישט געזעהן.

גוטמאַן האָט אים ווידער אויסגעמאָסטן מיט אַ בליק, אויף זיינע ליפּן האָט זיך באַוויזן דער דינער שמייכל, און ער האָט נאָרנישט געענטפערט.

ער איז געזעסן און אַלץ איינגעקוקט זיך. און אַז ס'האָט אין צימער אָנגעהויבן טונקל צו ווערן, איז ער צוגעגאַנגען צום פענסטער און געדרייט דאָס בילד פאַר די אויגן.

און אַרײַנלײַנגדיג דאָס בילד אין בוזעם־קעשענע און עס פּאָרזיכטיג פאַרפּאַקנדיג, האָט ער געזאָגט:

— דאָ איז דאָ, פאַרשטייט איר, אַזעלכעס... יאָ, איר פאַר־שטייט נישט.

מען האָט אָנגעצונדן אַ ליכט און עס צוגעטריפט צו אײנעם פון די שטיקער חלב, וואָס האָבן זיך געפונען אַ סך אויפן טיש.

פיינער האָט זיך געלעגט אויפן בעטל און געקוקט אויף זיין חבר, וואָס האָט זיך איצט געדרייט איבערן צימער מיט פאַמעליכע שווערע טריט און האָט געטראַכט. איינגאַנצן איז ער עפּעס היינט מאָרגנע אויסגעקומען. עפּעס האָט זיך פיינערן געדוכט, אַז ער האָט זיין פּנים ביז אַהער נאָך נישט אַזוי געזעהן, אַזוי ווייך, אַזוי עלנט און אַזוי ליבליך. „ער איז פאַרליבט“, האָט ער געטראַכט, און עפּעס אַ ניי געפיל האָט זיך אין זיין האַרצן דער־וועקט צו גוטמאַנען, אַ שטילס, אַ ווייכס און זעהר אַ גוטס, וואָס ער פלעגט אָפט פילן, אַ פאַרליבט פאַר־פאָלק אָדער ליבע קינדער זעהענדיג.

— זעצט אייך, גוטמאַן — האָט ער צוגערופן זיין חבר, אָנ־ווייזנדיג מיט דער האַנט.

— צו וואָס?

— זעצט אייך, מיר וועלן ריידן.

גוטמאַן האָט זיך געזעצט.

— וואָס? — האָט ער געפרעגט און האָט זיך געוואָלט באַלד אויפהויבן פון אָרט.

— זיצט, וויזט דאָס — האָט אים פיינער אָפּגעהאַלטן.

— מען ברויך נישט — האָט גוטמאַן גענטפערט מיט שטאָלץ — איר זעהט דאָ גאָרנישט.

— נו, איך האָב מיך טועה געווען, איך האָב נישט גוט געקוקט.

גוטמאַן האָט אים דערלאַנגט דאָס בילד, און פיינער, ווילנדיג ווייזן זיין חבר, אַז ער אינטערעסירט זיך זעהר, האָט זיך אַנידערגעזעצט, צוגעבויגן זיך צום ליכט און לאַנג געקוקט.

— יאָ־אָ! — האָט ער זיך באַמיהט נאָכצומאַכן זיין חברס טאָן, — יאָ־אָ.

— זעהט איר! — האָט גוטמאַן געענטפערט און האָט זיך דערפרייט, ער האָט נאָך אַמאָל לאַנג באַטראַכט די קאַרטע, אַריינגעלעגט זי און איז געזעסן שטיל.

פיינער איז אַראָפּגעלאָפן מיט אַ טשייניק און האָט געבראַכט טיי און זעמל. עפּעס איז דאָס צימער, ווי ברייטער געוואָרן, ביידע האָבן זיך געפילט הייטערער און ליבליכער און האָבן גערערט וועגן דעם, אַז מאָרגן וועלן זיי גיין אין טעאַטער אַריין, אַז מאָרגן וועט פיינער באַקומען דריי רובל.*

נאָכן עסן האָט זיך פיינער אויפגעשטעלט און געזאָגט צו גוטמאַנען מיט אַ געלעכטער:

— איר זייט אַזאַ שווערער...

— איך?

— איר — האָט פיינער געשמייכלט — לאָזט, וועל איך אייך פּרובן אויפהויבן.

— ע...

— נו, שטעלט אייך אויף! — האָט פיינער קאָמאַנדירט.

גוטמאַן האָט זיך פיל אַנידערגעשטעלט, עפּעס מאָרנע נאַריש לאַכנדיג.

פיינער האָט אים אַרומגענומען מיט ביידע הענט, אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט מיט אימפּעט, מיר ווערנדיג. אויפן טיש איז דאָס ליכט אומגעפאַלן, די גלעזער האָבן געקלונגען, און אין צימער איז פינסטער געוואָרן. גוטמאַן האָט שוין געוואָלט צוגיין אָנצינדן דאָס ליכט, נאָר פיינער, פילנדיג עפּעס, ווי אַ שכרות אין קאָפּ, האָט אים איינגעהאַלטן.

— מען ברויך נישט! — האָט ער געזאָגט — לאָז זיין אַזוי. נו, הויבט איר מיך איצט אויף.

— נו... צו וואָס? — האָט זיך גוטמאַן געבעטן.

— מיר וועלן זיין אויף „דו". נו, הויב דו מיך אויף!

גוטמאַן האָט אַרומגעוויקלט זיינע הענט אַרום פיינערן, ער האָט אים הויך אויפגעהויבן און רוהיג, פּאַמעליך אַראָפּגעלאָזט.

אין דרויסן איז די לבנה פונקט אַרויס פון אונטערן דאַך. אין צימער האָט זיך געלעגט איר שיין, און ביידע האָבן זיך פאַרשעמט.

## III.

דער זומער איז געווען אַ הייסער. עטליכע טעג נאָכאַנאַנד האָט זיך קיין וואָלקן נישט געוויזן. די פּאַסן הימל איבער די גאַסן האָבן אויסגעזעהן שטויביג, אָהן שום פאַרב און אויסדרוק. די גאַס האָט אַלץ גערוישט. מענשן, דערשוויצטע, פאַרהאָרעוועטע האָבן געאיילט און געלאָפן, און קוקנדיג אויף זייערע פּנימער, וואָס האָבן אויסגעדריקט נאָר לייזן, מידקייט און פאַרביסנקייט, וואָס האָבן זיך ווי געבעטן רוה, — איז עפּעס אויסגעקומען מאָדנע, אַז אָט די פאַרהאָרעוועטע מענשן מאַכן אָן דאָס גערויש און געקלאַפּעריי. קיין פריש פּנים, קיין פרייע, לעבעדיגע באַזעגונג איז אויף דער גאַס נישט געווען צו זעהן. און פיינער, אַרומשלעפּנדיג זיך פאַרנאַכט אויף די גאַסן דערשוויצט און פאַרמאַטערט, האָט זיך געפילט אַליין געטריבן און געיאָגט, ווי די גאַנצע גרויסע מאַכע. באַטראַכטנדיג זיין לעבן ביז אַהער, דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן און גערעדט, האָט ער זיך געפילט פאַר אַ דריידל, וואָס איז געלאָזט געוואָרן, און דרייט זיך נאָר אָהן ווילן דערצו. אין דער צוקונפט זיינער האָט ער מורא געהאַט צו קוקן, עס איז דערביי אויף אים אָנגעפאַלן אַן אומעט, און ער האָט די געדאַנקען דערשטיקט. נאָר אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן, און ער איז מיד געוואָרן און האָט זיך אַהיים געשלעפּט אין צימער, איז אים שווער געווען די געדאַנקען צו דערשטיקן. ער פלעגט שטיין עטליכע מינוט אונטער דער טיר, האַלטנדיג די קליאַמקע אין דער האַנט, און האָט געוואַרט. און אין בעט ליגנדיג, האָבן די שווערע געדאַנקען צוגעפּליסט אין זיין מוח אַריין, ווי געפּרעסט וואַסער, פון אַלע זייטן. „אַ צעבראָכן אייזערן בעט, וואָס האַלט זיך קוים", האָט ער געטראַכט, „פיר ווענט, וואָס שטיקן, — אָט דאָס איז דאָס לעבן מיינס, דאָס איז אַלץ, אַלץ"...

מיט גוטמאַנען האָט ער ווייניג נאָר גערעדט. ווען זיי זיינען געווען צוזאַמען, האָט זיך געפילט, אַז חוץ זיי צווי געפינט זיך נאָך אַ דריטע פּערזאָן, אַ פריש, יונג און גליקליך לעבעדיג באַשעפעניש. און ביידן האָט זיך פיינערן געוואָלט נאָר וועגן איר.

אָנהויבן האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט זיך פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז מקנא זיין חבר, אַז ער איז אַ שלעכטער, פאַרביסענער מענש, וואָס האָט פיינט אַ גליקליכן נאָר דערפאַר, וואָס ער איז נליקליך. גוטמאַן האָט אויך ווייניג גערעדט. ער האָט אַלץ געד חזרט, אַז ער דאַרף קריגן אַ בריוו און אַוועק פון וואַרשע. דער פּאַס איז אים אויסגעגאַנגען, די קאַמאַשן זיינען געווען צעריסן... און בּאַ דעם אַלעם איז ער געווען רוהיג, שטענדיג גלייך און צופרידן, ווי נאָר מענשן, וואָס ליבן...

— דו ביסט אַ גליקליכער מענש, — האָט אַמאָל אין דערפריה פיינער געזאָגט צו זיין חבר, — דו ביסט רוהיג, ברויכסט נישט צו גיין אין דער דרוקעריי, האָבן צו טון מיט די קאָרעקטן, האָפסט און ליבסט...

ער האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, אַרויסרייידנדיג, וואָס ער האָט נישט געוואָלט זאָגן...

— מיר טוט דער קאָפּ וויי... האָט ער פאַרריכט, און איז בייז געווען אויף זיך, צו וואָס ער זאָגט ליגן.

גוטמאַן איז נאָך געלעגן אין בעט. אין די האָר זיינע זיינען געווען אַ סך פּערערן; די שיין פון דער זון איז אים געלעגן אויף אַ האַלב פּנים, נאָר ער האָט דאָס נישט באַמערקט. ער האָט געביסן די אונטערשטע ליפּ און האָט עפּעס געטראַכט.

— קיין בריוו איז נישטאָ, — האָט ער געענטפערט נישט צו דער זאַך.

— דו ווילסט טאַקע אַוועק פון וואַרשע? וואַרשע געפעלט דיר נישט?

— ניין, דאָ איז אינטערעסאַנט, נאָר דאָ איז עפּעס אַלץ פרעמד...

— איך פאַרשטיי דיך נישט קלאָר, די מענשן געפעלן דיר נישט?

גוטמאַן האָט אָנגעקוקט זיין חבר מיט אַ איראָנישן בליק, ער האָט אַ ווילע געטראַכט און געזאָגט:

— איך וועל היינט אַוודאי באַקומען אַ בריוו.

גוטמאַן האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען זיך אָנטון. פײנער האָט געבראַכט זעמל און טײ. ער איז צוריקגעקומען מיט אַ יונגענמאַן. דאָס איז געווען אַ באַקאַנטער מיט זעהר אַ בלייך פּנים און מיט אַ קליין שוואַרץ בערדל, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי צוגעקלעפּט. אַרײנקומענדיג, האָבן זיי געטראָפן גוטמאַנען זיצן בײַם טיש; ער האָט געהאַלטן די קאַרטע פאַר די אויגן און האָט געקוקט.

דער באַקאַנטער האָט נישט געוואָלט עסן. ער איז געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ איבער דער שטוב, האַלטנדיג דאָס שטעקעלע אין דער האַנט. ער האָט געטײט דערמיט פאַר זיך און האָט געערערט בייז, קוקנדיג אויף דער ערד:

— דאָס איז אַ שאַנד! אַרײנצוטרעטן אין אַ בורזשואַזישן מיניסטעריום! (אין פראַנקרייך זײנען דעמאָלס אַרײן אין נײעם מיניסטעריום צוויי סאָציאַליסטן). דאָס איז אַ שאַנד! אַ שאַנד!

נאָר פּלוצלינג איז ער צוגעגאַנגען צו גוטמאַנען, געגעבן אים אַ קלאַפּ אויפן אַקסל און געזאָגט, קוקנדיג אויף דער קאַרטע:

— אַ נו! ווײזט אייערע! וואָס? טפוי!

ער האָט אויסגעשפּיגן.

גוטמאַן האָט געקוקט אויף דעם פלעק, וואָס דער שפּײ האָט געמאַכט אויף דער פּאָרלאָגע, דערנאָך אויף פײנערן און האָט גאָרנישט געענטפערט.

אַלע האָבן זיך שלעכט געפילט. דער באַקאַנטער האָט זיך באַלד געזעגנט. „פונדעסטוועגן האָב איך צו אײך קײן צײט נישט“, האָט ער געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען. פײנערן האָט זיך געדוכט, אַז גוטמאַן איז אויף אים בייז, וואָס ער האָט דערציילט אַנדערע וועגן זײן ליבע... ער האָט זיך געפילט זעהר זינדיג און זעהר נאַריש. אין גוטמאַנס בליק האָט ער געלעזן: „אַ מאוסער מענש ביסט דו! אַ נאַרישער פּלוידערער!“ פאַר־ענטפערן האָט ער זיך נישט געקאָנט. ער האָט געלאָזן שטײן אַ האַלבע גלאָז טײ ניט אויסגעטרונקען און איז אַרויסגעגאַנגען. און אַראָפּגײענדיג פון די שטיגן, האָט ער זיך געפילט אַרויסגע־יאָגט פון זײן אײגן צימער דורך גוטמאַנען, און ער האָט נישט

פאַרשטאַנען, צו וואָס ער האָט צו טון מיט דעם מענשן, וואָס װיל ער אייגנטליך פון אים...

„איך פאַרשטיי נישט, איך פאַרשטיי גאָרנישט!" — האָט ער געחורט פאַר זיך. און קוקנדיג אויף די גרויסע מויערן, אויף די מענשן אין דער גאַס, האָט זיך אים געדוכט, אַז ער האָט קיינמאָל גאָרנישט פאַרשטאַנען, אַז אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט און געטאָן, זייט ער געדיינקט, איז נאָר דעריבער, ווייל עפּעס אַנדערש טון און ריידן איז נישט געווען וואָס, אַז בּאַ אים אין קאָפּ איז קיינמאָל קיין געדאַנק נישט געווען...

ער איז געגאַנגען איבּער דער גאַס געשווינד, נישט וויסנדיג וואו אַהין. ער האָט זיך עטליכע מאָל אָנגעהאַקט אָן מענשן. און יעדעס מאָל האָט זיך יענער אָפּגעשטעלט און אים אָנגעקוקט עפּעס מיט אַ פראַגע:

„דול בּיסט דו?"

און פּלוצלינג ווי עפּעס אַ פרעמדע קראַפט זאָל אים אָפּהאַלטן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט צו זיך:

„לאָז קלערן!"

יער שטאָט־זייגער פון דער הויכער קירכע האָט געשלאָגן. פאַרן בּילד האָט געקנים עפּעס אַ פרויענצימער און האָט געבּעטן. אויפן ראָג פון אַ נאָהענטער גאַס איז געשטאַנען אַ פּאָליציאַנט און האָט געקוקט אויף אים.

ער האָט געוואָלט איין מאָל קלערן ווי געהעריג, וויסן וואו דער געדאַנק הויבּט זיך אָן און לאָזט זיך אויס, נאָר שטייענדיג אויף דער גאַס עטליכע סעקונדעס, האָט ער נישט געוואוסט, פון וואָס ער האָט אייגנטליך צו טראַכטן, און ער האָט גענומען גיין ווייטער מיט פאַמעליכע טריט.

עס איז געווען קענגן צען. אין דער דרוקעריי האָט זיך אים נישט געגלוסט צו גיין, דאָרט האָבּן אויף אים געוואַרט קאָרעקטן, וואָס ער וואָלט איצט נישט געקאָנט לעזן. ער איז דורכגעגאַנגען עטליכע גאַסן און האָט זיך דערמאָנט, אַז פאַר עטליכע טעג האָט ער ראָ בּאַגעגנט זיינעם אַ בּאַקאַנטן פון עטליכע יאָר צוריק. דער בּאַקאַנטער, וואָס האָט זיך אַמאָל אינטערעסירט מיט אַלעם, מיט וואָס פיינער האָט זיך אינטערעסירט,

האָט פּאָר צוויי יאָרן חתונה געהאַט; ער האַנדלט היינט מיט פּלעצער און וואוינט אויף אַ זומער־וואוינונג, נישט ווייט פון וואַרשע. יעדעס מאָל, ווען זיי באַגעגענען זיך אויף דער גאַס, שמייכלט דער באַקאַנטער, פרעגט, פאַרוואָס ער קומט נישט אַמאָל אַריין צו אים און שלעפּט פיינערן שטענדיג מיט מיט זיך אַ האַלבע גאַס, טיילמאָל עטליכע גאַסן, און יעדעס מאָל פילט זיך פיינער באַליידיגט מיט יענעמס שמייכל און מיט זיין איינענער שוואַכקייט, וואָס ער לאָזט זיך פון יענעם שלעפּן... בּאַם לעצטן באַגעגענען האָט דער באַקאַנטער געבעטן, ער זאָל אַרויפקומען צו אים אויף דער זומער־וואוינונג אַמאָל, ווען ער וועט האָבן צייט.

— קומט אין דערפריה — האָט ער געזאָגט, אַז זיי האָבן זיך געזעגנט — און אויף דערנאַכט וועט איר קאָנען זיין צוריק.

„און אין דער אמתן", האָט פיינער געטראַכט, „איך בין שוין לאַנג נישט געווען הינטער דער שטאָט".

ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט גיכע טריט צום באַנהויף. און גייענדיג, איז בּאַ אים געווען אַזאַ געפיל, ווי עמיצער יאָגט אים, און דער „עמיצער" איז נישט געווען קיין אַנדערער, ווי גוטמאַן...

„וואָס וויל ער פון מיר?" — אים איז געוואָרן אַ רחמנות אויף זיך אַליין, און אים האָט זיך געוואָלט וויינען.

אויף די פעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן ווייט און ברייט, איז געווען אַ סך גרינס און ליכט. ער האָט אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ פון וואַגאָן, און די אויגן זיינע האָבן זיך געפרייט, קוקנדיג אָהן שום שטערונג, אין עק האָריזאָנט האָט זיך געזעהן אַ וואַלד, וואָס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ שוואַרצער פּאַס, איבער דעם פּאַס האָט זיך געצויגן אַ גאַנצע מחנה גרויסע און קליינע וואָלקנס, וואָס האָבן באַגלייט דעם גייענדיגן צוג שטיל, רוהיג און ערנסט. בשעת דאָס אַלץ, וואָס איז געווען נאָהענט, האָט זיך געאיילט און איז אָפּגעשפּרונגען אין דער אַנדערער זייט אומגערולדיג, האָט דאָרט אין עק האָריזאָנט אַלץ אויסגעזעהן רוהיג, שטיל

און זיכער. דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ סך געפּייפט און געשטערט. דער צוג האָט זיך אַלע ווײַלע געשטעלט, און אַז ער איז צוגע־קומען צו דער לעצטער סטאַנציע, האָט זיך פײַנערן נישט גע־גלוסט אַראָפּצוגיין; אים האָט זיך געוואָלט לאַנג נאָך שטיין בײַם פענסטער און אַרויסשטעקן דעם קאָפּ.

אַרויסגייענדיג פון וואַגאָן, איז ער ווידער געוואָרן אומרוהיג; ער האָט זיך באַראַרפט נאָכצופרעגן, וואו עס וואוינט זיין באַ־קאַנטער און אַרײַנגיין צו אים, באַקענען זיך מיט זיין ווייב, רידן; און אפשר עסן דאָרט... און דאָס אַלץ איז אים שווער געווען. דער צוג איז שוין אַוועקגעגאַנגען, און ער איז אַלץ נאָך גע־שטאַנען באַ דער סטאַנציע און האָט געטראַכט. די עטליכע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן אַרויסגעשטיגן מיט אים צוזאַמען, ראַבן זיך געקושט מיט די, וואָס האָבן געוואַרט אויף זיי. עפּעס אַ קליין יינגל האָט געהאַלטן אַן עלטערן מאַנס האַנט, קענטיג, אַ פאָטערס, אין זיינער און האָט זי געקושט. דער פאָטער האָט זיך געאיילט און איז גיך געגאַנגען, האַלטנדיג אין דער צווייטער האַנט אַ רייזע־קעסטל, דאָס קינד איז נאָכגעלאָפן און האָט זיין האַנט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן... באַלד זיינען אַלע מענשן פאַרשוואונדן געוואָרן, באַהאַלטנדיג זיך, ווי די פויגלען, ערגעץ צווישן די בוימער. און פײַנער האָט פאַר זיך קיינעם שוין מער נישט געזעהן, חוץ דעם וועכטער, וואָס איז געשטאַנען מיט דעם טרומייט אין דער האַנט, געקוקט אויף דער ליניע און האָט עפּעס געטראַכט.

ער איז אַריין אין אַן אַלייע, צווישן צוויי שורות ווילעס. פון ביידע זייטן האָבן זיך געזעהן מענשן. ערגעץ האָט מען אַ פאָרהיינגל אַוועקגערוקט, און פײַנער איז געגאַנגען גיך, פילנדיג זיך באַגלייט פון ביידע זייטן מיט פרעגנדיגע בליקן: „ווער איז דער? וואָס טוט ער דאָ? וואו וואוינט ער“? אויף די אַלע פראַגן האָט ער אַליין נישט געהאַט קיין ענטפער... און אַז ער איז דורך די ווילעס, און אים האָט קיינער נישט אָפּגעשטעלט, איז אים געוואָרן לייכטער, און ער האָט אויפגעהויבן די אויגן...

ער איז אַרויס אויף אַ פּלאַץ, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט וועלדלאַך, קענטיג, איז דאָס געווען אַ

פאַרלאָזט אָרט, וואו קיינער איז נישט געגאַנגען. די ערד איז געווען זאַמדיג, ערטערווייז נאָר באַדעקט מיט גראָז, און עטליכע קליינע, זעהר נידעריגע בוימלאַך האָבן זיך ווי געמאַטערט צו ציהען פייכטינקייט פון דעם זאַמד. זיי האָבן אויסגעזעהן טרויעריג און עלנט. פון וואַלד אַרוים האָט זיך געהערט אַ גערויש פון צווייגן און אַ געשריי פון קראָען... דאָ איז געווען שטיל. פייגעלע האָט זיך געפילט פריי פון מענשליכע בליקן און פון זיך אַליין... די זון האָט געברענט, דער הימל איז געווען ריין, בלוי און טיף. פייגער האָט שוין לאַנג, לאַנג אַזאַ הימל נישט געזעהן. ער איז גאָר לאַנג דאָ אַרומגעגאַנגען, און אין מח באַ אים האָט זיך קיין געדאַנק נישט גערירט. דער קאָפּ האָט אָנגעהויבן שווער צו ווערן, אין די שלייפן האָט געהאַקט: איינס, צוויי, דריי... די היץ האָט אַלץ געקוועלט, און אים איז שווער געוואָרן צו שלעפּן די פיס...

ער איז איינגעשלאָפן אין וואַלד אויף דער ערד. אַז ער האָט געעפנט די אויגן, איז זיין בליק געפאַלן אויף די שטיקער הימל, וואָס האָבן זיך געזעהן צווישן די צווייגן. עס האָט זיך געשלעפּט אַ וואָלקן פאַמעליך און פויל. פון דערווייטנס האָט דער וואַלד גערוישט, און עטליכע פויגלען האָבן געפּישטשעט... אינגאַנצן איז ער געווען דורכגענומען מיט עפּעס אַ פוילקייט; ער האָט געפילט אונטער זיך די ערד און דאָס קלאַפּן פון זיין האַרצן אויף איר, און אים האָט זיך נישט געוואָלט קיין ריר געבן מיט אַן אבר. ער איז געלעגן און האָט אַרויסגערופן אין זיין מח ערינערונגען פון היינטיגן טאָג, און אַלץ האָט אויסגעזעהן, ווי אַ חלום אַזוי, אַז כ'האָט זיך אים געוואָלט ווייטער נאָך חלומען... נאָר די אויערן זיינע האָבן דערהערט נאָהענטע מענשליכע שטימען, אַ געלעכטער און אַ געלויף, און ער האָט זיך ראַש אויפגעשטעלט אויף די פיס. נישט ווייט פון אים, צווישן די בוימער, זיינען געלאָפן עטליכע יונגע מיידלאַך און גימנאַזיסטן און האָבן הויך געלאַכט. ער האָט זיך געאיילט אַרויסצוגיין פון וואַלד און האָט אַלץ נאָך נישט קלאָר געריינקט, ווען און ווי אַזוי ער איז דאָ אַריינגעקומען. עפּעס האָט זיך אים גערוכט, אַז עמיצער האָט

אים געוועקט, געפּרעגט עפּעס בײַ אים, ווען ער איז געשלאָפן, נאָר ער איז געווען מיד און האָט זיך געפּוילט צו עפענען די אויגן.

די זון איז שוין געווען נידעריג. צום צוג איז נאָך געבליבן אַן ערך פון צוויי שעה, און ער איז אַראָפּגעגאַנגען צו דער ליניע, אַרײַן אין דער שאָפּע, וואָס האָט געדינט פאַר אַ באַנהויף. ער האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק, פאַרלעגט די הענט און האָט געקוקט אין דער ווײַט.

נעבן אים איז געשטאַנען דער זעלבער וועכטער, וואָס פריהער, און אין דער זעלבער פּאָזע, ער האָט געקוקט אויף דער ליניע און האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק, ווי אַ דראָנג פון אַ וויאָרסט. פײַנערן האָט זיך איצט קלאָרער פאָרגעשטעלט, ווי ער האָט דורכגעלעבט דעם הײַנטיגן טאָג, ווי ער איז אַנטלאָפן פון זײַן אייגן צימער, ווי ער איז אַרויס דאָ אַהער, אין אַ ווילדער פרעמדער געגנט, וואו ער איז אַן איבעריגער און קאָן נאָר שטערן אַנדערע... און אַ שווער געפיל האָט זיך ווידער געלעגט אויף זײַן האַרצן. ער האָט געקוקט אויפן וואַלד, וואו ס׳האָבן זיך באַהאַלטן אַ סך ווילעס, און האָט געטראַכט, אַז ראָס אַלץ, וואָס לעבט און איז צופרידן, באַהאַלט זיך און פאַרבאָרגט זײַן גליק פון שלעכטע אויגן, אַז ווען עמיצער וואָלט אים, פײַנערן, אַרײַנגעלאָזט אין זײַן צימער, וואָס באַהאַלט זיך דאָרט ערגעץ אין וואַלד, וואָלט ער מיט זיך אַרײַנגעבראַכט אומגליק, פאַרדאָרבנקייט, קנאָה און שנאה. ער האָט זיך דערמאָנט אָן גוטמאַנען, אויך ער איז אַ גליקליכער, און ער באַהאַלט זײַן גליק, ווי ער קאָן עס באַהאַלטן! נאָר ער איינער שלעפּט זיך אַרום מיט אַן אָפן האַרץ פאַר אַלע, ווי אַ שיינק, און איז יעדן צו לאַסט...

„אָך, גאָט!" — האָט ער אָפּגעזיפצט.

פון צווישן די ביימער האָט זיך אַרויסגערוקט אַ שוואַרצע פיגור. אַ פרויענצימער, אַ שלאַנקע, אין שוואַרצן געקליידט האָט זיך דערנעהענטערט. אַז זי איז צוגעקומען צו דער ליניע, האָט זי איבערגעווישט מיט דער האַנט די האָר און אַרויפגערוקט זיי פון איבערן שטערן. געגאַנגען איז זי פאַמעליך, די טריט און די באַוועגונגען זײַנען געווען זיכער און שיין, און אַז פײַנער האָט איר בליק באַגעגנט, האָט זי די אויגן אַראָפּגעלאָזט. דער בליק

האָט אים נעטראָפן צאַרט און לייכט, נאָר געהאַלטן האָט ער זיך אויף זיין פּנים מיט עפּעס אַ זיכערקייט: זי האָט געקוקט, ווייל זי האָט געוואָלט קוקן, און אַזוי לאַנג, ווי זי האָט געברויכט. דאָס פּנים איז געווען זעהר שיין; און אין דער פאַרקעמונג פון די האָר, אין דעם שטערן, מיט וואָס זי האָט, קענטיג, שטאָלצירט איז געווען אַזעלכעס, וואָס האָט געלעכערט אין מח באַ פיינערן און האָט דאָרט געזוכט באַשייד.

עס זיינען אָנגעקומען נאָך מענשן, מערסטנטיילס יונגע לייט און יונגע מיידלאַך, לייכט און פריי געקליידעטע. קליידער האָבן גערוישט, קליינע שטיינדלאַך האָבן זיך געוואָרפן אונטער די פיס, אַלע פּנימער האָבן נעשמייכלט, צוגעגרייט זיך צו שמייכלען און זיך אָפּגערוהט פון שמייכלען. פיינער, האָבנדיג שוין אַ בילעט באַ זיך, האָט זיך געדרייט צווישן אַלע, עטליכע מאָל באַרירט אַ קלייד און איז צופרידן געווען, וואָס ער געפינט זיך צווישן אַזוי פיל מענשן און איז פריי, אינגאַנצן פריי, טוט, וואָס אַלע טוען, האָט אַ בילעט, ווי אַלע... נאָר יעדעס מאָל, אַז ער איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר דעם מיידל אין שוואַרצן, האָט זיך אין מח אָנגערופן עפּעס אומרוהיגס און אין זיין האַרצן איז געווען אַזאַ געפיל, ווי באַלד וועט עפּעס געשען, עפּעס זעהר וויכטיגס...

אויף דער זייט, וואוהין דער צוג האָט געראַפּט אַוועקצוגיין, איז ערשט די זון אונטערגעגאַנגען. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז עפּעס אַ ריזנהאַנט דרייט דאָרט באַ אַ רעדל אונטערן הימל און בייט דאָרט די דעקאָראַציע פאַמעליך, כדי קיינעם נישט איבערצושרעקן. מען האָט אָנגעצונדן די לאַמטערנעס.

דאָס מיידל האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און איז אָפּגע־גאַנגען עטליכע טריט. פיינער האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט אויפן אָרט. ער האָט זי דערקענט.

„דאָס איז זי! זי! זי, זי... גוטמאַנס!"

פון דערווייטנס האָט דער לאָקאָמאָטיוו געפייפט און געוועקט. עמיצער האָט אים אַ שטויס געגעבן. פון וואַלד האָט אַרויס־געקוקט די לבנה. און אויף מערב זייט איז געווען אַזוי שטיל און רוהיג, אַז ס'האָט זיך געוואָלט דאָרט אַהין אַוועקפירן זיך מיט אַלע שלעכטע געדאַנקען...

## IV.

אַז פּיינער איז געקומען קיין וואַרשע, איז שוין געווען נאַכט. ער איז געווען מיד און צעבראָכן. דער קאָפּ האָט אים ווי־געטאָן. און אַלץ איז אים געווען ווי צעשרויפט און האָט זיך נישט געפונען אויפן ריכטיגן אָרט. אַ גאַנצן וועג האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט די געראַנקען וועגן גוטמאַנען און זיין געליבטער, וואָס ער האָט געזעהן. אים האָט זיך אַלץ פאָרגעשטעלט, אַז זי, די שיינע, די רוהיגע און גליקליכע שטרעקט אויס אירע צוויי אָרעמס און נעמט אַרום גוטמאַנען, קושט אים... און גוטמאַן, צופרידן מיט זיך, מיט אַ גלויבן, אַז ער האָט דאָס פאַרדינט, שמייכלט און קושט זי פאַמעליך. ער האָט אויפן וועג אַ סך מאָל איבערגעווישט מיט די הענט דאָס פּנים און האָט זיך געמאַטערט צו פאַרטרייבן די געדאַנקען, נאָר דאָס בילד איז אַלץ ווידער פאָרגעקומען אין זיין מח, און אַ סך מאָל איז פאַרשוואונדן די גרענעץ צווישן אים און גוטמאַנען, און אָנשטאָט גוטמאַנען האָט געקאָנט זיין ער, פּיינער... ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַמאָל, נייענדיג פאַרנאַכט אויף דער גאַס, האָט ער געקלערט, אַז גוטמאַן וועט חתונה האָבן, בּאַ אים וועט זיין אַ שיין, ציכטיג הויז, און ער, פּיינער, וועט אין דעם הויז זיין אַ געליבטער גאַסט... און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער איז דאַמאָלס אַזוי צופרידן געווען, טראַכטנדיג אַזוי, און פאַרוואָס אים איז איצט אַזוי נישט גוט.

ער איז נישט גלייך געגאַנגען אַהיים. ער האָט נישט געוואָלט טרעפן גוטמאַנען וואַכנדיג, ווייל ער וואָלט נישט געוואוסט, ווי צו ריידן מיט אים, און ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט אין די גאַסן. אויפן הימל איז געהאַנגען די לבנה, זי איז געווען ציטעריג און בלאַס, ווי דערשראָקן. דער געטומל אין די גאַסן איז נאָך נישט איינגאַנצן נעשטילט געווען און בּאַ יעדן ראָג האָט אים אַ פּאָליציאַנט נאָכגעקוקט.

ער איז מיד געוואָרן, אים האָט זיך געוואָלט ליגן און ער האָט זיך ווידער געפילט אַרויסגעיאָגט פון זיין איינן צימער.

עס איז שוין געווען נאָך צוויי, ווען ער איז אַהיים געקומען. פיינער האָט זיך דורכגעגנבעט דורך דעם פאָדערשטן צימער, ווי אַ גנב, און איז אַריין אין זיינעם. ער האָט קיין ליכט נישט אָנגעצונדן, ער האָט זיך אויסגעטאָן און געלעגט, און געדרוכט האָט זיך אים, אַז גוטמאַן הערט און איז וואַך, נאָר ער מאַכט זיך שלאָפנדיג. ער האָט זיך אַוועקגעדרייט פון אים מיטן פנים, האָט צוגעמאַכט די אויגן און האָט איינגעדרימלט.

אין דרימל האָט ער געהערט, עמיצער איז אַריינגעקומען שטיל. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט באַם טישל און האָט געקלאַפּט פאַמעליך מיט דער פויסט אויפן טיש עפּעס מיט אַ זיכערקייט און שטומקייט: איינס, צוויי, דריי, פיר... ער האָט זיך נאָך יערן קלאַפּ אָפּגערוקט, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַן ענטפער... פיינער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וועקט מען אים, ער זאָל אויפשטיין, און ער האָט זיך מיט געוואַלד אויפגעריסן פון שלאָף...

— ווער איז דאָ? — האָט ער אויסגעשריען.

גוטמאַן האָט זיך גערירט און זיך נישט אָנגערופן. פון דערוויייטנס האָבן די לאָקאָמאָטיוון געפייפט, געפירט צווישן זיך אַ געשפּרעך. אין דרויסן איז ליכטיג געווען.

— גוטמאַן, דאָ איז קיינער נישט געווען?

גוטמאַן האָט זיך ווידער גערירט און האָט נישט געענטפערט. פיינער האָט פאַרביסן די ליפּן און געקוקט אויף גוטמאַנס צעשויבערטע האָר, אויף זיין פּנים, און אים האָט זיך ווידער פאָרגעשטעלט, אַז אָט דעם ברודיגן גוף נעמען אַרום צוויי ווייכע, פרישע אָרעמס... און אַ ווילדע שנאה האָט ער געפילט צו דעם מענשן, וואָס איז אַזוי פול מיט זיין גליק, אַז ער וויל נישט ענטפערן אויף פרעמדע ליידן.

— מאוסער מענש, — האָט ער געברומט און האָט זיך אויסגעדרייט.

אַז ער האָט זיך אין דערפריה אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער געזוכט אין בעט, צי גוטמאַן איז דאָ. ער האָט געדיינקט, אַז באַנאַכט איז עפּעס געשען, און אַז ער האָט געעפנט די אויגן און האָט קיינעם נישט געזעהן אין צימער, האָט ער זיך

דערמאָנט, אַז ער האָט גוטמאַנען גראָב באַליידיגט, אַז יענער האָט זיך אַוודאי אָנגעטאָן פאַרטאָג און איז אַרויס פון צימער.

„וואָס טוט זיך דאָס מיט מיר?“ — האָט ער געברומט און אַרייננעשטעקט דאָס פּנים אין קישן, — „וואָס טוט זיך מיט מיר?!“

ער האָט זיך געבראָכן צו אײַלן אין דרוקערײַ. געאַרבעט האָט ער מיט אַ מין פאַרביסנקייט, שנעל אָהן אויפהער, דרײַ האָט ער געענדיגט די אַרבעט און איז אַרויס אויפזוכן גוטמאַנען.

ער האָט אים געטראָפן זיצן אין די אַלייען אויף אַ באַנק, אָנגעלענט מיט דעם קאָפּ אויף דער האַנט און האָט נאָכגעקוקט אַ וועלאָסיפּער.

— וואָס טוסט דו דאָ? — האָט פײַנער געערעדט און האָט זיך געפילט אויפגערעגט, — איך זוך דיך.

גוטמאַן האָט זיך אויפגעשטעלט פון אָרט, אָנגעקוקט פײַנערן זיכער, ווײַל ער האָט געוואָלט קוקן. פײַנער האָט זיך ווידער דערמאָנט אין די בליקן פון מײדל נעכטן פאַרנאַכט.

— איך בין דאָ געזעסן, — האָט ער געענטפערט נאָך אַ קורצער פּויזע און האָט זיך צוריקגעזעצט אויף דער באַנק. פײַנער האָט זיך אויך געזעצט.

— זאָג, — האָט פײַנער אָנגעהויבן, און ער האָט געפילט, אַז זיין שטימע ציטערט, — דו ביסט בייז אויף מיר, איך בין ניט שולדיג, ווייסט די נערוון מײַנע זײַנען צערודערט.

— דו רעדסט, ווי אַ קינד, פײַנער, — גוטמאַן האָט אים געקוקט גלײַך אין די אויגן אַרײַן מיט איראָניע. — איך שטער דיר. איך באַקום קיין בריוו נישט, איך מוז הײַנט פאָרן.

— דו וועסט הײַנט נישט פאָרן. דו האָסט דאָך קיין געלט נישט. אויף דער אַנדערער וואָך וועל איך האָבן אַביסל געלט.

— איך וועל מיך לײַגן אונטער דער באַנק... יאָ, איך האָב אַ פּאַספּאָרט, מיר וועט מען גאָרנישט טון! — האָט ער געענדיגט מיט ענערגיע, ווילנדיג זיך אַליין איבערצײַגן, אַז ער וועט אַזוי טון.

פײַנער האָט פאַרקרימט די ליפּן, ווי אויף אַ שמייכל. אינגאַנצן איז ער געווען פאַרוואונדערט און האָט נישט געוואוסט, וואָס ס'טוט זיך. גוטמאַן וויל אַוועקפאָרן — און דאָס מײדל? — און ער אַליין וואָס וויל?

— דו װעסט נישט פֿאָרן, גוטמאַן. איך בעט דיך. איך בין זיכער, אַז זיי וועלן נישט שולדיק זיין.

ישט שולדיג, גלויב...

גוטמאַן האָט אים איבערגעהאַקט:

— וואו ביסט דו נעכטן געווען?

— יאָ. איך האָב דיר פֿאַרגעסן צו דערציילן. איך בין נעכטן געווען אין וו. אויף זומער־וואוינונג. דאָרט וואוינט מיינער אַ באַקאַנטער, דאָרט איז שיין, זעהר שיין, מיר וועלן אַמאָל אַהין פֿאָרן. יאָ?

פֿיינערן האָט זיך געדוכט, אַז די ווערטער האָבן גוטמאַנען אויפגערעגט, אים איז אַוודאי נישט אָנגענעם געווען, אַז ער זאָל זיין מיט אים צוזאַמען דאָרט, וואו זי איז.

— לאָמיר פֿאָרן, — האָט גוטמאַן געזאָגט — איך האָב שוין לאַנג נישט געזעהן קיין פֿעלדער, נאָר צו דיין באַקאַנטן וועל איך נישט אַריינגיין.

אין וואַגאָן זיינען זיי געזעסן איינער קעגן אַנדערן. צוערשט האָט זיך פֿיינער געשטעלט באַם פֿענסטער און גענומען אַרויסקוקן, אַלץ איז געווען, ווי נעכטן, און ער האָט נישט געוואוסט, וואו עס האָט זיך אַהין געטאָן דער נעכטיגער נחת פֿון האַרץ, ווען ער האָט אַרויסגעקוקט. ער האָט אָפּגעטרעטן דאָס פֿענסטער גוטמאַנען, וואָס האָט לאַנג אַרויסגעקוקט און געזאָגט:

— פּונקט אַזוי, ווי באַ אונז, די איינענע הייזלאַך און די זעלבע פּויערים.

פֿיינער איז געוואָרן אומגעדולדיג, דער צוג האָט זיך געשלעפּט גאָר צו פּאַמעליך, דער וואַגאָן איז געווען פֿול מיט רויך. אויסגעקרימטע פּאַרביסענע, נערוועזע פּנימער האָבן זיך נאָה געזעהן, וואָס האָבן אים דערמאָנט זיין אייגן פּנים.

— מיר זיינען געקומען, — האָט פֿיינער געזאָגט צו גוטמאַנען, וואָס איז אַלץ געשטאַנען באַם פֿענסטער און האָט אָנגערירט זיין אַקסל. קומט, גוטמאַן.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט שטום מיט פֿראַגן אין די בליקן.

זיי זיינען אַרויס פֿון וואַגאָן, און פֿיינערן האָט זיך געדוכט, אַז גוטמאַנען איז די געגנט באַקאַנט. ער האָט זיך גאָרנישט

געפרעגט און גענומען גיין צו דעם זעלבן אָרט, פון וואַנען דאָס מיידל איז נעכטן אַרויסגעגאַנגען.

— וואוהין גייסט דו? — האָט פיינער געפרעגט, — דאָ זיינען ווילעס.

— מען טאָר דאָ נישט גיין? — האָט גוטמאַן איבערגעפרעגט, אומקוקנדיג זיך אין אַלע זייטן — דאָ איז גוט, ווייסט, מיך עקלט די גרויסע שטאָט.

פיינער האָט נישט געענטפערט, זיי זיינען געגאַנגען גלייך מיט דער ליניע, פיינער האָט זיך אַלץ אומגעקוקט צו דער סטאַנציע, גוטמאַן האָט געזאָגט:

— לאָמיר זיצן, — און האָט זיך אַנידערגעוואָרפן אויפן גראָז, אונטערגעלעגט די הענט אונטערן קאָפּ און געקוקט. פיינער האָט זיך געזעצט נעבן אים:

— ווייסט, ווער מען איך האָב דאָ נעכטן געזעהן? — האָט ער געזאָגט.

גוטמאַן האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף אים און האָט זיי אַראָפּגעלאָזט. קענטיג, ס׳האָט אים נישט אינטערעסירט, וואָס פיינער רעדט. ער האָט אַרויסגענומען פון דער בוזעם־קעשענע די קאַרטע און האָט גענומען קוקן.

— וויז די קאַרטע אַ מינוט, — האָט פיינער געזאָגט.

גוטמאַן האָט זי אים דערלאַנגט און האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ. פיינער האָט גענומען די קאַרטע פאַר די אויגן. אַ פּאָר אויגן האָבן אויף אים געקוקט זיכער. די הענט האָבן זיך געדראַלטן אין באַוועגן. גוטמאַן האָט אויף אים געקוקט מיט באַאָבאַכטונג.. פיינער האָט זיך ווידער געפילט צעדרודערט. „איך פאַרשטיי נישט, איך פאַרשטיי גאָרנישט!“ — איז אים דורך דורכן מח די נעכטיגע פראַזע. די קאַרטע איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט, גוטמאַן האָט זי אויפגעהויבן, איינגעוויקלט אין פּאַפּיר און אַריינגעלעגט אין טאַש.

— קום! — האָט פיינער געזאָגט.

— צו וואָס גיין? — האָט גוטמאַן געענטפערט רוהיג.

עס איז געווען שטיל. די זון איז געשטאַנען איבערן וואַלד. אַ זשאַבע איז דורכגעשפרונגען, גוטמאַן האָט זיך דערשראָקן און האָט אַ ציטער געגעבן.

פיינער האָט זיך אָנגערופֿן:

— דו ווייסט, ווּעמען איך האָב דאָ נעכטן געזעהן? טרעף! דו ווייסט... ער האָט אים שטריינג געקוקט אין די אויגן אַריין.

— וועמען?

— זי — ער האָט אים אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף נוט־מאנס בוזעם־קעשענע.

גוטמאַן האָט זיך געזעצט, פאַרשטעלט מיט דער האַנט די אויגן פאַר די שטראַלן און האָט געזאָגט מיט שפּאָט, שמייכלענדיג:

— דו זאָגסט אַ ליגן, דו קענסט זי נישט.

— איך קען זי! — האָט פיינער זיך געבייזערט.

— נו... האָט זיך גוטמאַן געבעטן, — זאָג נישט קיין ליגן. דו קענסט זי נישט.

— ווילסט? וועל איך זי דיר היינט ווייזן.

— דו וועסט זי מיר ווייזן?

— יאָ.

— ווייז! — האָט גוטמאַן געענטפערט אַנטשלאָסן.

אַז זיי זיינען צוגעקומען צו דער סטאַנציע, האָט בײַ פיינערן דאָס האַרץ געקלאַפּט. בײַ אים איז געווען אַ געפיל, ווי ער זאָל עמיצן פירן צו אַן אומגליק. ער האָט זי באַמערקט פון דער־ווייטנס, זי איז געזעסן און געקוקט אויף זיי. גוטמאַן איז גע־גאַנגען שנעל, די טריט זיינע זיינען געווען גיכערע, ווי געוויינליך. פיינער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווען זיי זיינען דורכגעגאַנגען די שאָפּע.

— האָסט געזעהן? — האָט ער געפרעגט גוטמאַנען.

— וואו?

— נו, דאָרט, — ער האָט אים געשטופּט בײַ דער האַנט...

זיי האָבן זיך געדרייט עטליכע מאָל אַרויף און אַראָפּ און האָבן גאָרנישט גערעדט צווישן זיך. פיינער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, וואָס ס'טוט זיך. ער האָט געקוקט אויף מערב זייט און אים האָט זיך דערמאָנט די גרויסע, רוישנדיגע שטאָט, וואָס ליגט אונטערן וואַלד. און אַז דער צוג איז צוגעקומען, האָט ער זיך דערפרייט און האָט געאיילט צו נעמען בילעטן.

פיינער האָט זיך געשטעלט באַם פענסטער און האָט עפּעס מוראָ געהאַט צו קוקן זיין חבר אין פּנים אַריין. גוטמאַן האָט געשוויגן. אין דרויסן איז די נאַכט צוגעפאַלן. וואָלקנס האָבן באַצויגן דעם הימל און אַ טראָפּ רעגן האָט אַ קאַפּ געגעבן אויפן פּנים. ער האָט דערפילט איבער זיין אָרעם אַ האַנט, וואָס האָט אַרויסגעוואָרפן צעריסענע שטיקלאַך טאָוול. איין שטיקל איז געפאַלן אויף פיינערס אַקסל, ער האָט עס באַטראַכט און האָט דערקענט אויף אים אַ באַקאַנטן אָרעם פון דעם מיידל. עטליכע פונקען זיינען דורכגעפלויגן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט. גוטמאַן איז געזעסן מיט פאַר־לענטע הענט און האָט געקוקט אויף דער ערד.

— דו האָסט צעריסן די קאַרטע? — האָט פיינער געפרעגט, פאַרקרימענדיג די ליפּן אויף אַ שמייכל — דו ביסט אַ מאָרנער מענש, פאַרוואָס האָסטו צעריסן?

גוטמאַן האָט געענטפערט שטיל:

— וואָס? אַ מיידל, ווי אַלע. — נאָך וואָס טויג זי מיר...

— נאָר פון וואַנען האָסטו די קאַרטע באַקומען? איך האָב געמיינט... פיינער האָט נישט געקאָנט ענדיגן... אין האַלז איז עפּעס צוגעקומען און האָט געשטיקט.

גוטמאַן האָט געשמייכלט, עפּעס מאָרנע פאַרצויגן די ליפּן און געזאָגט:

— דאָס האָב איך געפונען. איך בין געגאַנגען אויף דער גאַס, איז דאָס געלעגן.

— איך האָב מיך טועה געווען.

אויפן הימל זיינען די וואָלקנס געדיכטער געוואָרן, פיינער האָט אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ אין דער פינסטערניש אַריין און האָט געוואָלט פאַרלירן זיך אין זיינע געדאַנקען. אין מח באַ אים איז געווען שטיל, ווי אויף אַ בית־עלמין... נאָר פלוצלינג איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין דאָס יינגל, וואָס האָט געוויינט און געקוקט אויפן הימל, פון וועלכן גוטמאַן האָט אים אַמאָל באַנאַכט דערציילט, ער האָט זיך איצט אַזוי קלאָר פאַרגעשטעלט דאָס יינגל אין אַ צעריסענער קאַפּאָטע, ווי ער שטייט אָנגעלענט אויף דער וואַנט, און ער האָט זיך טיף פאַרטראַכט.

## V.

אין איינגעם צימער איז געווען פינסטער, אויף די שויבן איז געלעגן די שוואַרצע נאַכט. אויף די רעכער אַרום האָט געקלאַפּט דער רעגן. דער ווינט האָט געבלאָזן דורך אַ האַלב אויסגעהאַקטער שויב. ביידע זיינען געלעגן שטיל, אָפּגערוקט איינער פון אַנדערן, און האָבן געשוויגן. גוטמאַן האָט געקוקט אויפן פענסטער און האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי איבערן הימל ציהט זיך איצט איין שווערע כמאַרע, וואָס האָט קיין אָנהויב און קיין סוף נישט. און ער האָט זיך דערמאָנט אַמאָל אַ ניסן־טאָג פון זיין קינדהייט, ווי ער איז געשטאַנען אויפן שולהויף און האָט געקוקט צום עק הימל, וואַרטנדיג אויפן לעצטן וואָלקן, וואָס וועט פון דאָרט אויפגיין. איצט האָט זיך אים געדוכט, אַז אַזעלכע שווערע כמאַרעס ציהען זיך איבער זיין קאָפּ און ער ליגט זיך רוהיג, שטיל און מישט זיך נישט אַריין, ווי נישט אים וואָלט עס אָנגעגאַנגען. נאָר אין דער שווערער כמאַרע האָט עפּעס אויפגעבליצט אַ געדאַנק, און אין מח זיינעם איז ליכטיג געוואָרן. זיינע געדאַנקען האָט גוטמאַן ליב געהאַט, ער האָט זיי געקאָנט ציילן און האָט זיי זעלטן אַמאָל עמיצן געזאָגט. איצט אָבער האָט זיך אים געוואָלט ריידן.

— פיינער, דו שלאָפסט? — האָט ער געפרעגט נישט דרייסט.

— ניין, ווילסט עפּעס? — פיינער האָט זיך צו אים אויסגעדרייט מיטן פּנים.

— הער, וואָס וואָלט געווען, אַז מענשן וואָלטן נישט געהאַט קיין אויגן? דו האָסט עפּעס געלעזן וועגן דעם?

— איך האָב עפּעס געלעזן, — פיינערן האָבן די רייד געשראָקן.

— דו האָסט געלעזן? נו, שטעל דיר פאָר... מיר וואָלטן גאָר נישט געזעהן, קיין מענש וואָלט נישט געזעהן דעם צווייטן. עס וואָלט פינסטער געווען... וואָס וואָלט געווען, ווען מען וואָלט צופעליג געטראָפן אויף אַ פרעמדער האַנט? שטעל דיר פאָר...

— וואָס? — האָט פיינער געפרעגט דערשראָקן.

— מיט וואָס פאַר אַ פרייד וואָלט מען געדריקט די האַנט! מיט וואָס פאַר אַ פרייד! פאַרשטייסט?

— איך שרעק זיך, איך פאַרשטיי גאָר נישט. ווייסט, איך האָב דיר מקנא געווען... לאָז שלאָפן...

# בריון

יעקב בענדער, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיג, אַ הויך־געוואַקסענער מיט אַ מאָגער, בלאַס פנים, מיט פיל קנייטשן אויפן שטערן און מיט אַ געגאָלטער באָרד, האָט געשפּאַנט איבער זיין צימער אַרויף און אַראָפּ, פאַרטיפט אין געדאַנקען. אויפן טיש איז געלעגן אַ בריוו, וואָס ער האָט ערשט דערהאַלטן פון רחלען, פון דעמזעלבן מיידל, וואָס ער האָט צוויי יאָר גאָכאַנאַנד נישט געלאָזט פון אויג. איצט האָבן אַלע זיינע געדאַנקען געפלאַטערט אַרום איר. יעדעס מאָל, ווען ער איז פאַרביינגעגאַנגען פאַרן טיש, האָט זיין בליק זיך ווי אומגערן אָנגעשלאָגן אָן דעם בריוו.

קלאָר זיינען איצט זיינע געדאַנקען נישט געווען; ער האָט נאָר געטראָגן איין געפיל אין האַרצן, אַ געפיל פון צופרידנקייט און פון זיג. און איז געווען נישט ווי געוויינליך אויפגעמונטערט. אין אַזאַ אַרט צושטאַנד האָט ער געקאָנט שפּאַנען איבערן צימער דריי, פיר שעה, איבערגעבן זיך אין רשות פון לייכטע, פלאַטער־דיגע געדאַנקען, און פילן דערביי אַ דערלייכטערונג, ווי עמיצער וואָלט אים שטיל גלעטן די האָר און איינרוימען: „דו ביסט אַן ערנסטער, אָרנטליכער מענש, בענדער: נישט אומזיסט...“

אין זיין צעשפּילטער פאַנטאַזיע האָבן זיך אַלע ווילע אָנגערופן פון דאָס ניי די ווערטער, וואָס רחל האָט געלאָזט פאַלן אין איר בריוו ווי אומגערן: „נאָך דעם אַלעם מוז איך מודה זיין, אַז איך קען אייך נית: האָט איר מיך ליב?“ און יעדעס מאָל, ווען די ווערטער האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיין געדעכטעניש, האָט אַ צופרידענער שמייכל געשפּילט אויף זיינע ליפּן, און ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס רחל האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז זיין

געלעכטער איז עפּעס אַ מאָדנער, אַז אַפילו ווען ער לאַכט, בלייבט זיין פּנים ערנסט און טרויעריג, ווי געוויינליך. דאַמאָלסט, ווען זי האָט אים דאָס געזאָגט, האָט ער עס זיך גענומען צום האַרצן און עס האָט אים געערגערט: איצט פאַרקערט, האָט דער געדאַנק נאָר אַרויסגערופן צופרידנקייט און שטאָלץ, ווי אַלע איבעריגע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין זיין קאָפּ.

אַ סקריפּ פון דער טיר, וואָס מען האָט געעפנט, האָט איבער־געריסן דעם פאָדעם פון זיינע געדאַנקען, אין צימער איז אַריינ־געקומען די רינסט, אַ יונגע שיינע קריסטין, און איז געבליבן שטיין, ווי געוויינליך, באַ דער טיר, אַשטיינער, ווי זי וואָלט מורא האָבן נעהענטער צוצוגיין צו אים.

— דער „פּאַן“ וועט טרינקען טיי? — האָט זי געפרעגט.

בענדער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, האָט גע־שמייכלט און געזאָגט:

— איך וועל טרינקען.

די רינסט האָט אויסגעזעהן איצט נאָר באַזונדערס שיין. דאָס גרינע ליכט פון דער לאָמפּ, וואָס האָט באַדעקט איר פּנים און איר ברוסט, האָט צוגעגעבן עפּעס אַ באַזונדערן רייץ צו איר איינפאַכער שיינקייט. זי איז, ווי געוויינליך, געשטאַנען אַ ווײַלע באַ דער טיר און נישט גערירט זיך פון אָרט. דער גאַנצער בענדער, זיין בליק, וואָס זי האָט ניט געקאָנט פאַר־טראָגן, זיינע קורצע אָפּגעהאַקטע ענטפערן און זיינע נערוועזע, גיכע באַוועגונגען — זיינען איר מאָדנע פאָרגעקומען און האָבן באַליידיגט איר ווייבליכעס זעלבסט־געפיל. זי איז געווינט געווען צו יונגעלייט, וואָס זיינען איר נאָכגעלאָפן, וואָס האָבן זי געקושט און אַרומגענומען, און וואָס זי האָט אָפּגעשטופּט און געזידלט. בענדער אָבער האָט מיט איר פיל ניט גערעדט. ניט געקושט זי, אַפילו זי ניט איינמאָל אָנגערירט. און דאָך, יעדעס מאָל, ווען ער איז צו איר נעהענטער צוגעגאַנגען איין טריט, האָט זי זיך דערשראָקן און איז בלאַס געוואָרן. איר האָט זיך געדוכט, אַז אָט פאַלט ער אָן אויף איר...

בענדער, וואָס האָט זיך איצט געפילט אויפגעמונטערט און פריילעך, האָט זיך געווענדט צו איר מיט אַ שמייכל.

— צי האָט מאַריאַשאַ אַ חתן? —

— אַ חתן? פון וואַנען זאָל איך האָבן אַ חתן? איך דאַרף ניט קיין חתן.

— נאָר... און בענדער האָט געפילט, אַז די צונג באַוועגט זיך אים ניט פריי, און וואָלט שוין צופרידן געווען, די דינסט זאָל אַרויסגיין פון צימער, זי אָבער איז ווייטער געשטאַנען און געזאָגט מיט אַ געלעכטער:

— איך האָב געהאַט אַ חתן. פאַר צוויי יאָר האָב איך געהאַט אַ חתן, כ'וואָלט געהאַט פיל געלט, וואָלט איך געהאַט אַ חתן...

— נו, זאָל מאַריאַשאַ ברייגנען טיי.

די דינסט איז אַרויסגעגאַנגען, באַלד איז זי צוריקגעקומען און געבראַכט טיי, נאָך אַמאָל איז זי געבליבן שטיין אַ ווײַלע בײַ דער טיר און האָט געקוקט אויף בענדערס קאַרק, וועלכער איז געזעסן בײַם טיש איינגעבויגן, ווי פאַרזונקען אין געדאַנקען. ער האָט עקסטרע ניט אויסגעדרייט זיך און האָט נאָר געפילט איר נאָהענטקייט, וואָס איז איצט אים געווען צו לאַסט. צום סוף איז זי אַרויס פון צימער; בענדער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט. גענומען שפּאַנען אַרויף און אַראָפּ און איבערלייגן זיך אין קאָפּ אַ בריוו צו רחלען.

„איך האָב קיינמאָל נישט געזאָגט קיין ליגן און וועל ניט זאָגן!" — האָט ער געטראַכט מיט שטאָלץ אויפגערעגטערהייט. „איך וועל פּרובירן צו געבן איר מײַן האַרץ נאַקעט אַזוי, ווי עס איז; איך וויל זײַן פאַר איר, וואָס איך בין". ער האָט זיך צוריקגעזעצט, איבערגעווישט מיט דער האַנט דעם שטערן, אַ ווײַלע געגלאָצט אויפן שפּיץ פעדער, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, און האָט גענומען שרייבן:

„טײַערע רחל!

„אָט ערשט איצט האָב איך ערהאַלטן אײַער בריוו, וואָס האָט מײַן האַרץ דערפילט מיט צופרידנקייט און פרייד. און איך אײַל זיך באַלד אײַך צו ענטפערן, ניט אַבטנדיג, וואָס איך דאַרף געבן אַן ענטפער אויף אַזאַ שווערער און ערנסטער פראַגע, ווי די, וואָס איר האָט מיר פאָרגעלעגט. איך וויל אײַן מאָל ריידן,

ווי מיט מיין אייגן האַרץ, דערקלערן אייך, טייערע, און אויך מיר אַליין קלאָר מאַכן מיינע געפילן.

„איך האָב אייך שוין געשריבן, אַז די לעצטע צייט, זינט איך האָב באַקומען אַ שטעלע און פיר אַן אַנשטענדיק, רעגולער לעבן, פיל איך מיך זעהר שלעכט און אומצופרידן, מיינע נערוון זיינען נאָך מער אויפגערעגט. מיינע אַלטע באַקאַנטע דערווייטערן זיך פון מיר איינער נאָכן אַנדערן, גלייך איך וואָלט באַגאַנגען אַ שווערע זינד, און, דעם אמת זאָגנדיק, פיל איך זיך אַליין אויך זינדיק... פאַרוואָס? — איך ווייס ניט. סילייכט דעריבער, ווייל איך בין געוווינט שוין עטליכע יאָר צו וואוינען אין אַן איינגן, שמוציג צימערל, ניט צו דערעסן און ניט צו דערשלאָפן, טיילמאָל צו הונגערן, מיט איין וואָרט: ווייל איך האָב מיך צוזאַמענגעלעבט מיט דער נויט. יעדער אָנפאַנג איז שווער. איך וועל צוגעוויינט ווערן און דאַמאָלסט וועל איך לעבן, ווי אַלע מענטשן אַרום מיר, זאָל זיין, וואָס ס'וויל! מ'קאָן מיך רופן „בורזשואַ“, „אַ מענש פון דער מענגע“; איין זאַך וועל איך ניט לאָזן צונעמען באַ מיר, איין זאַך נאָר ווייס איך זיכער: איך האָב קיין ליגן ניט געזאָגט, איך האָב קיינמאָל ניט געוואָלט קיין ליגן זאָגן, און דאָך גלויבט מיר, טייערע, אַז פון ייִנגלווייז אָן ביז איצט האָט זיך נאָך ניט געטראָפן, איך זאָל ריידן מיט אַ מענטשן אַ לענגערע צייט, און איך זאָל דערביי ניט האָבן דאָס אומאַנגענעמע, עקלדיגע געפיל: אַז איך באַהאַלט עפּעס אין מיר, אַז איך מאַך זיך שענער און בעסער, אַז איך בין ניט, וואָס איך בין. נאָר מיט אייך, טייערע, האָב איך פאַרבראַכט פיל שטונדן, ניט צו האָבן דערביי דאָס עקלדיגע זינדיגע געפיל. און אויך איצט שרייב איך אייך, און מיין האַרץ פילט זיך פריי און וואָר דערביי.

„אייך האָט געוואונדערט מיין אויפפירן זיך די גאַנצע צייט, ווען איר זייט דאָ געווען, קיין איינציג קלאָר וואָרט האָב איך אייך ניט געזאָגט: קיין איינמאָל ניט געדריקט מיט ליבע אייער האַנט, דאָס האָט אייך געווים באַליידיגט. איך פאַרשטיי דאָס, נאָר וואָס האָב איך געקאָנט טון? איר דאַרפט וויסן, אַז פון מיין גאַנצן זוכן, פון מיינע אַלע שטרעבונגען, פון אַלעם דעם, וואָס האָט

נעגעבן, ווי מען זאָגט, אַז אינהאַלט מיין לעבן, אַז פון די גאַנצע צען פאַרוואָגלטע יאָרן איז מיר גאָרנישט געבליבן, וואָס איך זאָל דערויף זאָגן: „אָט דאָס וויל איך און דאָס איז מיר ליב", און נאָר איר, טייערע, זייט מיר געבליבן. פיל, זעהר פיל האָב איך געטראַכט וועגן אייך. צי האָב איך געקאָנט אויסקלייבן אַ וואָרט פון ווערטער־בוך און אייך זאָגן? האָב איך געקאָנט ליגן זאָגן פאַר דעם איינציגן באַשעפעניש, מיט וועמען איך האָב מיך געפילט פאַרבונדן? ניין! דאָס האָב איך ניט געקאָנט טון. איר זייט מיר צו טייער, און פילן זיך זינדיג קעגן אייך האָב איך ניט געוואָלט.

„צי איך ליב אייך? — יאָ, געוויס.

„איך דערמאָן זיך איין אָוונט אין אייער צימער, איר האָט פיל געלאַכט און זייט געווען זעהר שיין. אייערע האָר און אייער גאַנצער צאַרטער פרישער קערפּער האָבן געלאַכט. אייערע שוואַרצע אויגן האָבן געפינקלט און געשפּראָצט מיט נחת און לוסט, און יענץ שטריינג דורכדרינגענדער פייערל, וואָס האָט מיך צוריק געשטויסן יעדעס מאָל, ווען איך האָב מיך געוואָלט דערנעהענטערן צו אייך — יענץ פייערל האָט מער ניט געפינקלט אין אייערע אויגן. איר זייט געווען איינגאַנצן לוסט און געלעכטער. און איך געדיינק, אַז יעדעס מאָל, ווען איר האָט הויך זיך צעלאַכט, האָב איך געפילט, ווי אַ וואַסער־פאַל וואָלט אָנקלאַפּן אויף מיינע געהירן. איך בין מיר געווען און האָב מיך געלעגט אויף דער סאָפע. איר זייט צוגעגאַנגען, אָנגענומען מיך פאַר דער האַנט און מיך געצויגן. רוקט זיך, איר האָט געזאָגט: „זעהט נאָר, ווי ער האָט זיך צעלעגט"! און דאַמאָלס — דער מאָמענט שטייט לעבעדיג אין מיין געדעכטעניש — איז ווי אַ מעכטיגער שטראָם דורך מיין גאַנצן קערפּער. איך האָב געוואָלט אייך אַרומנעמען, פאַלן אויף אייער האַלז און וויינען. איך האָב אָבער דאָס ניט געקאָנט טון אין אָנוועזנהייט פון אַנדערע. און אַז איר האָט אייך אָפּגערוקט פון מיר, האָט מיין גאַנצער קערפּער געציטערט, ווי אין אַ פיבער; אַ גרויסע מידקייט האָט מיך באַוועלטיגט, דער קאָפּ איז געווען לער, און נאָר דעם שטראָם האָב איך דאָרט געפילט, ווי ער וואָלט אויף אייביג פאַרגליווערט געוואָרן

אין מיר... און יענע נאַכט, אַז איך בין אַהיים געקומען אין מיין צימער, האָב איך געפילט, אַז איך בין ניט מער עלנט און איינזאַם — און דאָס האָט מיך געפרייט. נאָר דאָס געפיל איז דורך, האָט זיך נאָר אָפּגעשטעלט אין מיין נערעכטעניש, און פיל־פיל מאָל האָב איך אייך געוואָלט עפּעס זאָגן און האָב ניט געקאָנט.

„איר געדיינקט געוויס דעם פאָריגן שבועות, ווען מיר זיינען געגאַנגען שפּאַצירן אונטער דער שטאָט. מיר האָבן די קאָמפּאַניע געלאָזט אינטער זיך און געגאַנגען אין צווייען פאָראויס. אין מיטן וועג זייט איר אַרויפגעגאַנגען אויף אַ קליין בערגל און זייט אַזוי געשטאַנען. זעהר שיין זייט איר דעמאָלס געווען. יונג, פריש, פול לעבן זייט איר געשטאַנען, ווי אַ בוים אין בליהען. איך דערמאָן זיך אייער פּנים, אייערע האָר און די לעצטע שטראַלן פון דער זון, וועלכע האָבן געשפּילט אויף אייך, אייערע אויגן, וואָס האָבן געבליקט מיט אַזוי פיל ווייכקייט און ביינקשאַפט העט וויט, דאָרט אַהין, וואו ס'איז געשטאַנען אַ קליין הייזל און האָט אינגאַנצן געפינקלט, באַגאָסן מיט ליכט. איך דערמאָן מיך אָן דעם בליק, וואָס איר האָט געוואָרפן אויף מיר, און ווי איר זייט פלוצלינג אַראָפּגעשפּרונגען פון בערגל מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס... דעמאָלט האָב איך געוואָלט צולויפן און איך אַריינגעמען צווישן מיינע אָרעמס. נאָר איך האָב פאַרשפּעטיגט. די קאָמפּאַניע איז אָנגעקומען.

„שטענדיג האָט מיר עפּעס געשטערט, שטענדיג איז דאָס געפיל אָפּגעשטאָרבן אין האַרצן, איידער נאָך ס'איז אַרויס אויף דער ליכטיגער וועלט.

„אַז איר זייט געפאָרן פון דאַנען, און איך האָב אייך באַלייט, האָב איך די גאַנצע צייט געטראַכט אייך עפּעס צו זאָגן — און האָב געשוויגן. איך האָב ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגן. עטליכע מינוט, איידער דער צוג האָט גערירט, האָב איך שוין געפילט, אַז אַלץ בלייבט באַם אַלטן. און מיט שרעק האָב איך געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען דו וועסט פאַרשווינדן און פאַר מיינע אויגן וועט בלייבן דער לערער רוים. איך האָב געמיינט, אַז עפּעס וועט געשען: איך וועל וויינען, לאַכן, שרייען... און איך בין צוריקגעקומען אַהיים מיט אַ היסט האַרץ.

„איך ווייס ניט, וואָס מיט מיר איז. מיר הויבט אָן צו שווינדלען אין קאָפּ. איך הער מענשן ריידן וועגן ליבע, האַס, קנאה און פאַרשיידענע אַנדערע זאַכן. טיילמאָל דוכט זיך מיר, אַז זיי פּלוידערן נאָר, אַז זיי זיינען ניט וואָרהאַפטיג, אַז אין אמתן איז אויף דער וועלט נישטאָ נישט קיין ליבע, נישט קיין האַס, נישט קיין קנאה און דעסטגלייכן. עס זיינען פאַראַן נאָר טויזנטער פאַרשיידענע פאַרבייגייענדיגע געפילן, נישט ענליכע איינס צום צווייטן; דער מענש אַליין ענדערט זיך פון מינוט צו מינוט... און ווען איך טראַכט אַזוי, ווערט מיר לייכטער אויפן האַרצן. דעמאָלט געפין איך אין זיך דאָס העכער זיין איבער אַנדערע, דאָס געפיל פון שטאָלץ, וואָס קלעפּט אָן מיר פון מיינע יאָרן. דעמאָלט זאָג איך מיר: איך קאָן ניט לעבן, ווייל איך בין קלוג, ווייל איך האָב אָפענע אויגן. זעלטן אָבער פּאַסירט דאָס מיט מיר. געוויינליך טראַכט איך: טאָמער? ווער ווייס? פיליכט איז יאָ מיין האַרץ אַזוי פאַרדאָרבן, פיליכט נאָר מיין לעבן איז אַזוי צעבראָקלט, פיליכט זיינען שולדיג דאָ נאָר די צען פאַרוואָגלטע יאָרן אָהן פריינט און פאַמיליע, אָהן הויז און אָהן אַ ווייבליך וועזן?

„איך שרייב אייך דאָס אַלץ, אום איר זאָלט ווּיסן מיין זעלך־צושטאַנד, אום איר זאָלט פאַרשטיין, פאַרוואָס איך האָב געשוויגן און ניט אַרויסגערעדט די עטליכע ווערטער, וואָס האָבן אייך געקאָנט פאַרבינדן מיט מיר. איך האָב געשוויגן, ווייל איך האָב ניט געוואוסט, ווייל איך האָב ניט געוואָלט ריידן קיין ליגן.

„וואָלט איך שוין געהאַט אַמאָל אין מיין לעבן ליב געהאַט, וואָלט איך פאַרגלייכט מיינע איצטיגע געפילן מיט די יעניגע, און וואָלט געוואוסט. נאָר איך האָב קיינמאָל ניט געליבט, ניט אַמאָל אַרומגענומען, ניט אַמאָל געקושט אַ פרוי“...

בענדער האָט פּלוצלינג אויפגעהערט צו שרייבן, און משונהדיג פאַרקרימט זיין פּנים: געעפנט דאָס מויל, און פון זיין געזיכט איז געוואָרן איין קנויל פון קנייטשן. אין זיין קאָפּ איז געוואָרן אַ מישמאַש, וואָס פלעגט יעדעס מאָל פּאַסירן מיט אים, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אַ מיאוסע געשיכטע פאַר דריי יאָר מיט אַן אַנדער מיידל אין אַן אַנדער שטאָט, וואָס ער איז זיך מיט איר באַגאַנגען אַזוי ווי מיט ר ח ל ע ן; און איינמאָל, ווען זיי זיינען

געבליבן אַליין, האָט ער זי פּלוצלינג אַרומגענומען, און זי האָט אים אָפּגעשטויסן און געשריען: „אומפאַרשעמטער!“... עטליכע סעקונדעס זיינען פאַרביי ביז בענדערן איז קלאָר געוואָרן אין קאָפּ און ער האָט אויפגעצייכנט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר דריי מאָל: „אומפאַרשעמטער, אומפאַרשעמטער, אומפאַרשעמטער“. ווידער איז ער זיך עטליכע מאָל איבערגעגאַנגען איבערן צימער און האָט ווייטער געשריבן:

„איין זאַך נאָר ווייס איך זיכער: אַז פון קינדהייט אָן, בײַ דער גרעסטער אויפרעגונג, ווען איך האָב געערדט מיט דער שטאַרקער באַגייסטערונג פאַר צוהערער, ווען איך האָב געלאַכט און געטרייסלט זיך פאַר געלעכטער — שטענדיג איז איין געדאַנק געלעגן באַהאַלטן אין אַ ווינקל פון מיין מח: „ווען דו וואָלסט געוואָלט, בענדער, וואָלסט דו געקאָנט זיין רוהיג“. די שטימע האָב איך שטענדיג געהערט אַרויסרייד פון מיין אינערליכן וועזן.

„אַזוי, מיין ליבע, איך באַלעסטיג אייך אומזיסט מיטן לעזן מיין בריוו, און איר פאַרצייט מיר. איך מוז דאָך זיין, וואָס איך בין, כאָטש פאַר איין לעבעדיג באַשעפעניש: פאַר אייך, טייערע. באַגער איך אייך? — אָ! ווי לייכט מיר איז צו ענטפערן אויף אַזאַ פראַגע: יאָ, יאָ און יאָ! נאָך מער, טייערע, איך פיל, אַז אויסער אייך האָב איך גאָרניט, אַז לעבן אָהן אייך איז מיר כמעט אוממעגליך. איך האָב קיין פריינט, קיין נאָהענטן ניט, קיין חבר, קיין פאַרטרויט האַרץ. די באַקאַנטע דערווייטערן זיך פון מיר, ניטאָ מער, וואָס ס'זאָל מיך פאַרבינדן מיט זיי. איך בין איינזאַם, פול ווידערווילן און עקל...

„ס'וועט אייך גוט זיין בײַ מיר, טייערע. איך וועל אייך ליב האָבן, אַ, ווי איך וועל אייך ליב האָבן! איך שטעל מיר פאָר: מיר וועלן זיצן צוזאַמען בײַם מיטאָג, איך וועל אויפשטיין צופרידן און גינסטיג. און וועל קושן אייער שטערן, אייער שיינעם שטערן, טייערע. איר ווייסט ניט, ווי טיף איך קאָן ליב האָבן. קיין שלעכטס האַרץ האָב איך דאָך נאָך אַלעם ניט געהאַט“...

די טיר איז געעפנט געוואָרן, און די דינסט איז אַריינגעקומען צו נעמען די גלאַז. בענדער האָט אַוועקגעלעגט די

פּערד. די רינסט האָט אים אָנגערירט מיט איר אַקסל, צונעמענדיק די גלאָז, און ער האָט אויף איר געגלאָצט שטום, זינלויז.

— וואָס קוקט דער פּאַן אַזוי? — האָט זי געפרעגט.

— אַזוי — אַ קורצער שמייכל האָט פאַרקרימט זיינע ליפּן, און ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט.

די רינסט איז אַרויס פון צימער.

בענדער איז געבליבן אַליין און געקוקט אויפן בריוו, אויף די ביינעלאַך פון ביידע־זייטן־באַשריבענעם פּאַפּיר, און האָט געגעניצט. ער האָט שוין געפילט, אַז דעם בריוו וועט ער ניט אַוועקשיקן; אַז זיין איצטיקע אויפרעגונג איז ניט מער, ווי אַלע זיינע אויפרעגונגען: אַ נאַרישע קינדערשע געוויינהייט, די נייגונג זיינע צו פילאָזאָפירן און גריבלען, וואָס האָט פאַרגיפטעט זיין לעבן, זינט ער געדיינקט זיך. „וואָס איך האָב דאָ געשריבן רחלען" — האָט ער געטראַכט — „האָב איך געקאָנט שרייבן יעדער ניט־העסליכער פרויענצימער, אַפילו דער רינסט האָב איך דאָס געקאָנט זאָגן". די ביינעלאַך פּאַפּיר זיינען געלעגן צעוואָרפן אויפן טיש, און ער האָט מורא געהאַט דורכצולעזן זיי פון אָנהויב ביז צום סוף. ווידער האָט ער געפילט, ווי די שווערע מאַטערדיקע גערדאַנקען באַפאַלן אים, און אום לויז צו ווערן פון זיי, האָט ער זיך געזעצט אויפן בעט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גענומען אונטערברומען אַ רוסיש לידל. און ברומענדיק, האָט זיין האַרץ זיך געטראָגן מיט בייגקשאַפט צו יענעם ווייבליכן וועזן, וואָס שיפט זיך צוזאַמען מיט איר געליבטן אָונט־צייט איבערן טייך, וועגן וועלכער דאָס ליד האָט דערציילט. די געפילן פון פולן לעבן, פון לוסט און באַגערן, פון געזונטקייט און קראַפט, וואָס דאָס ליד איז געווען פול מיט זיי, האָבן אים פאַרשכורט. אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער געזעהן דאָס שיפל, דעם אויפגעבלאָזענעם זעגל, די גלאַטקייט פון וואַסער, דעם אָונט־ווינט; ער האָט געפילט דעם שטאַרקן געזונטן קערפּער, אַ רויט שפּראָצנדיק פּנים... נאָר פּלוצלינג, נישט צו וויסן פון וואַנען, איז געקומען עפּעס אַ געדאַנק אים אין קאָפּ אַריין און האָט אים אויסגעניכטערט.

— „איך ווייס ניט, וואָס אַרום מיר טוט זיך! אַ נאַר בין איך!" — האָט ער זיך געזירלט, שפּאַנענדיג בייז איבערן צימער — „וואָס וויל איך רען? וואָס איז מיין פאַרלאַנג? וואָס פילאָזאָפיר איך? לעבן וויל איך, איך בין מיד! זי וויל מיט מיר חתונה האָבן. און וואָס איז דאָס קרימען זיך? וואָס?! צי האָב איך ניט דאָס רעכט צו נעמען אַ ווייב? פאַר וועמען שרעק איך מיך? פאַר וועמען? פאַר וואָס?"

„ליגן, ליגן, ליגן"! — האָט ער אַרויסגערערט בייז, אַז ער האָט זיך דערמאָנט אָן די ווערטער פון בריוו: „איך קאָן ניט לעבן". — „ליגן! איך קאָן יאָ, איך קאָן!"

דער געדאַנק, אַז ער איז אין אמתן ניט פייהיג צו לעבן, ווי אַנדערע, אַז זיין געלעכטער איז אַן אַרט זיפץ, ווי רחל האָט אים אַמאָל געזאָגט, — דער געדאַנק האָט איצט געדריקט זיין האַרץ. ער האָט געביסן זיין אונטערשטע ליפּ פאַר צאָרן, און מיט אַ ווילדן האַס איז ער צוגעגאַנגען צום טיש און גענומען שרייבן גאָר אַן אַנדער בריוו צו רחלען:

„מיין לעבן, מיין זעלע!

„איך לייען און לייען דיין בריוו און גלויב אַליין ניט אָן מיין גליק. אָט איז דיין בריוו פאַר מיינע אויגן, דער בריוו געשריבן מיט דיין אייגענער האַנט. מיט דיין קליינער שיינער ווייסער האַנט. אָ! ווי וואָלט איך וועלן, דו זאָלסט זעהן, וואָס אין מיין האַרצן קומט איצט פאָר! דו, דו אַליין רעדסט דאָך צו מיר. איך לייען יעדעס וואָרט, יעדן אות — און כ'וואונדער זיך און פרעג: צי בין איך טאַקע גליקליך? צי געהערסט דו מיר, רחל? און איך ליב דיך, ווי איך ליב דיך! וויל דאָך נאָר פאַר פיל ליבע, ווייל מיין האַרץ איז געווען פול איבער די ברעגעס, האָב איך ניט געקאָנט ריידן. איך האָב ניט געקאָנט, איך האָב ניט געוואָלט וואָכעדיג מאַכן מיט ווערטער די הייליגקייט פון מיין ליבע. מיר זיינען דאָך גליקליך! אָט די מינוט האָב איך דערהאַלטן דיין בריוו און קאָן ניט צוריקהאַלטן מיינע געפילן. איך קוש דיך און ליב דיך אויף איביג, אומענדליך, מיין לעבן און מיין זעלע! דיינער, דיינער, דיינער בין איך! שטעל דיר פאָר: נאָך צען יאָר פאַרוואָגלט זיין, אָהן פונק ליבע, אָהן פונק לעבן, בין איך פּלוצלינג געוואָרן

גליקליך, דער גליקליכסטער אויף דער וועלט, ווייל דו געהערסט מיר, מיין ליבע, טייערע. איך קוש דיך און פרעס דיך צו מיין האַרצן. מאָרגן וועל איך דיר שרייבן אַן אויספירליכן בריוו און וועל אַלץ גענוי אַרומשרייבן. מיין גליק האָט מיך שכּור געמאַכט. איך וויין, פאַרגיס טרערן פון גליק. דיין"...

„איך קאָן יאָ!" איז דורך אַ געדאַנק באַ בענדערן אין קאָפּ, אַז ער האָט געענדיגט לייענען דעם בריוו — און מיט אַ געפיל פון אַ זיגער האָט ער זיך אָנגעלענט אויפן שטול און געקוקט גראַד פאַר זיך. אין עק טיש דאָרט, אין אַ זייט, איז געלעגן דער ערשטער בריוו, און שטום, אָהן ווערטער, אַזוי ווי דער פאַריאָגטער, באַליידיגטער אמת, האָט ער געוואונקען פון דאָרט און געפאָדערט, וואָס אים געהערט: דעם זאַפט פון לעבן, בלוט און דעם מאַרך פון די ביינער.

— נו? — האָט ער זיך געפרעגט.

צי זאָל ער אָוועקשיקן דעם צווייטן בריוו? ער האָט אים נאָך אַמאָל דורכגעלעזן און זיך פאָרגעשטעלט, ווי רחל וועט דעם בריוו לייענען, ווי זי וועט זיך וואונדערן צו הערן אַזעלכע רייד פון אים, ווי שווער איר וועט אויסקומען צוצופאַסן דעם טאָן פון דעם בריוו צו זיינע באַוועגונגען, צו די צוגן פון זיין געזיכט, צו זיינע געוויינליכע רייד...

אַ ווילע נאָך איז ער געזעסן שטום, מיד און מאַט. דער קאָפּ איז געווען לער אָהן איין איינציגן געדאַנק.

— וואָס טוט מען? — האָט ער זיך ווידער געפרעגט.

און ער האָט געפונען אַ נייע קאָמבּינאַציע. ער האָט צוגערוקט דאָס פלעשל מיט קליי, האָט צוזאַמענגעקלעפּט ביידע בריוו און האָט אויפגעשריבן מיט אַ רויטער בלייסטיפט איבער ביידע בריוו: „קלויב אויס!".

„אַ גוטער אויסוועג" — האָט ער געטראַכט, און מורא האָבנדיג, ער זאָל ווידער ניט חרטה האָבן, האָט ער גיך אַריינגעלעגט ביידע בריוו אין אַ קאָנווערט און איז אַרויסגעגאַנגען. אין דרויסן האָט געשיינט, אין דער גאַנצער לופט האָבן זיך געקייקלט גרויסע, ווייסע שטיקער שניי. מען האָט שוין גענומען

פֿאַרמאַכן די גענוועלבער. בענדער איז געלאָפֿן גיך צו דער עק גאַס, צום פּאָסט־קאַסטן. ער האָט שוין געהאַט אויפֿגעהויבן דאָס רעקל, גרייט אַרײַנצוואַרפֿן דעם בריוו. און פּלוצלינג האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן. אין זײַן פֿאַנטאַזיע האָט ער שוין געהערט דעם קלאַפּ פֿון רעקל, ווען ס׳פֿאַלט צוריק, און האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דעם געדאַנק, אַז ער קאָן אָפּטון אַ זאַך, וועלכע מען קאָן מער ניט פֿאַרריכטן.

„דאָס איז נאָך מער לעכערליך!" — האָט ער גערעדט צו זיך און אים האָט געוואונדערט, ווי אַזוי האָט ער גאָר ניט געטראַכט דערפֿון, אַז שיקן די צוויי בריוו צוזאַמען, דאָס איז נאָך ערגער, נאָך שענדליכער, נאָך מער לעכערליך און עקלדיג. עפּעס אַ מיידל איז פֿאַרבײַגעגאַנגען און האָט אים באַרירט מיט איר קערפּער, און ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט געשריבן וועגן דעם שטאַרקן שטראָם, וואָס איז דורך זײַן קערפּער, ווען ר ח ל האָט אים אָנגענומען פֿאַר דער האַנט... דער בריוו, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, איז שוין דורכגעווייקט געוואָרן פֿון צעגאַנגענעם שניי. אים איז געוואָרן קאַלט, די פֿיס האָבן אָנגעהויבן צו פֿרירן — איילנדיג האָט ער פֿאַרגעסן אָנצוטון די קאַלאָשן — ער האָט אַרויסגעלאָזט דאָס רעקל פֿון דער האַנט, צעריסן די בריוו, און די שטיקלאַך האָט דער ווינט צעטראָגן אויף אַלע זייטן.

„איך דאַרף ניט, איך דאַרף גאָר ניט, איך דאַרף גאָר ניט!" — האָט ער געבורמעט, גייענדיג צוריק אַהיים מיט גיכע טריט אײַנגעבויגן.

נאָך אַ לאַנגע צייט האָט בענדער געשפּאַנט איבער זײַן צימער. געדאַנקען, ווי בליי שווער, האָבן זיך געשלעפּט אין זײַן קאָפּ. ער האָט שוין ניט געטראַכט מער וועגן רחלען און האָט געמאַכט אַ רעכענונג פֿון זײַן לעבן. און אַלע זאַכן, וואָס זײַנען פֿאַרבײַ אין זײַן קאָפּ, אַלע זײַנע טאַטן און געדאַנקען, די גאַנצע צען פֿאַרוואָגלטע יאָר האָבן אויסגעזעהן, ווי איין לאַנגע קייט פֿון גריבלערייען, פֿון פֿילאָזאָפֿירן און קרומערייען, ווי עפּעס אַן אומנאַטירליכע זאַך, וואָס דערוועקט נאָר עקל און אויסלאַכן.

ער האָט געוואָלט פאַרטרייבן די געדאַנקען פון זיין קאָפּ, נאָר זיי האָבן זיך ווי צונעקלאַמערט צו זיין מוח, זיינען אַוועקגעלאָפן און צוריקגעקומען און זיך אָנגעזעצט ווי אַ מענגע פליגן, וואָס לאָזן זיך ניט פאַריאָגן. דאָס צימער איז געווען פול מיט רויך פון פאַפּיראָסן. פון דרויסן האָבן אַריינגעקוקט די ווייסע דעכער. דער זיינער האָט געקלונגען צוויי: „מאָרגן פריה דאַרף מען גיין אין קאַנטאָר״.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן צימער, אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַראָפּגעלאָזט ביידע הענט גלייך צו די פיס און האָט אַרויסגערעדט קלאָר און דייטליך, וואָרט בײַ וואָרט, ווי אַ שילער, וואָס זאָגט פאָר זיין לעקציע:

— און — אויב — איך — וויל, קאָן — איך — זיין — רוהיג, — איננאַנצן רוהיג...

דער שאָטן זיינער, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד, האָט אים אַלץ נאָכגעטאָן, נאָר ער האָט געשוויגן.

---

# רכילות

בײַ בערנשטײנען אין עס־צימער זײַנען געזעסן געסט: עטלעכע פרויען, עלטערע און ייִנגערע, איין פרײַלין פון אַ יאָר 15—16, צוויי מאַנסלײַט, אויסער דעם בעל־הבית, הער בערנשטיין. די פרויען האָבן גערעדט רכילות, די מאַנסלײַט האָבן געשפּילט אין קאָרטן. בײדע קאָמפּאַניעס האָבן זיך שלעכט געוויילט. די פרויען צום רכילות האָט געשטערט דאָס פרײַלין, אַ ברונעטקע מיט ברענענדיגע אויגן, מיט אַ ווײַך געזיכט און מיט ניכע, ראַשע באַר ווענגנען. איבער איר האָבן די פרויען געמוזט רײדן שטיל, מיט אָנצוהערענישן, און טײלמאָל אינגאַנצן איבערהיפּערן די סאַמע אינטערעסאַנטסטע, פּיקאַנטסטע ערטער. די מאַנסלײַט ווידער, וואָס זײַנען אפשר געווען בעלנים אויף אַ רעכטע „אָקע“ אין פינף הענט, האָבן זיך מיט דעם „קלאַבעריאַש“ געלאַנגווײליגט. אַם ענגרע האָבן זיך אַלע בליקן געווענדט צו גראָסמאַנען, אַ מענש פון אַ יאָר דרײַסיג, מיט אַ שוואַרץ ציגנבערדל און שעלמישע, שטעכיגע אויגן, — איינער פון די דרײַ, וואָס האָבן געשפּילט „קלאַבעריאַש“. ער איז נישט געווען רײַך, נאָר אים האָט מען זעהר גערן געזעהן אין די רײַכע הײַזער פון דעם קרײַז. ער איז געווען באַריהמט פאַר אַ קלוגן, געבילדעטן מענשן, אַ גוטער אַנעקדאָטן־דערצײלער און אַ שטאַרקער בקי אין אַלערלײ ליטעראַרישע און קינסטלערישע סקאַנדאַלן.

— פאַן גראָסמאַן וועט עפּעס דערצײלן — האָט זיך די ווירטין פון הויז, פרוי בערנשטיין, צו אים געווענדט אויף פּויליש.

דעם זעלבן פאָרשלאַג האָט דער ווירט, הער בערנשטיין, איבער־געחזרט אויף רוסיש; דער דריטער פון די מאַנסלײַט, אַ ייִד אַ פּראָצענטניק, אַ גרויסער מאַכער בײַ פּריצים און גענעראַלן, און אַ גביר דערצו, האָט די פראַזע געזאָגט אויף פּראָסט מאַמע־לשון אַזוי:

— דרייט אָן די קאַטערינקע, גראָסמאַן, אַרויס מיט די כּלים! אַ סוף, אַן עק!

גראָסמאַן האָט זיך געוויינליך נישט געלאָזט לאַנג בעטן, איצטיגס מאָל אָבער האָט ער געשוויגן. ער האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ מיט די געקרייזלטע האָר צו דער זייט צו, וואו דאָס פרייליין איז געשטאַנען, אָנגעלענט זיין געמבּע אויף דער האַנט און אויסגעגלאָצט זיינע קאַלטע, כיטרע אויגן אויפן פרייליין אַזוי לאַנג, בּיז דאָס אָרימע בּאַשעפעניש האָט נעבּעך דערפילט, אַז דאָס פּנים פלאַמט איר ווי אַ פייער, און האָט שיער נישט אויסגעבּראָכן אין אַ געוויין פאַר גרויס אַנגסט. אַלע האָבּן פאַרשטאַנען די דאָזיגע שטומע סצענע און האָבּן געשמייכלט. גראָסמאַן האָט געוואָלט דערציילן עפּעס פּיקאַנטס און האָט שטום געוואונקען דעם פרייליין, זי זאָל אַרויסגיין. דאָס פרייליין אָבּער האָט גאָר נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט. פון דעם אָנגעשטריינגטן בּליק אויף איר האָט זיך איר אַזש אָנגעהויבּן צו מישן אין קאָפּ, די געדאַנקען האָבּן זיך אָנגעהויבּן צו דרייען און קאָזשעליקעס צו מאַכן, ווי משוגענע טייוולאָנים. פאַר די אויגן האָט איר געשווינדלט, און דער קאָרסעט האָט זי געדריקט, אַז דער אָטעם האָט פאַרכאַפּט. אַם ענדע האָט אויף איר מיטלייד בּאַקומען דער מעפּיסטאָפּעל פון דער געזעלשאַפט, גראָסמאַן אַליין, און האָט זיך צו איר אָנגערופן:

— פרייליין רוזשאַ וועט אַזוי גוט זיין אַריינגיין אין זאַל, אַבּיסל שפּילן אויף דעם פאָרטעפּיאַן.

דאָס פרייליין האָט שטילערהייט געפאָלגט און איז אַריין אין זאַל, בּאַגלייט פון אַ שטיל געלעכטער. וואָס זי האָט דאָרט געטאָן, צי זי האָט אויפגעלאָזט דעם קאָרסעט, אָדער זיך צעוויינט, דאָס האָבּן אונזערע געסט נישט געוואוסט. געשפּילט אויף דעם פאָרטעפּיאַן האָט זי געוויס נישט; יערנפאַלס, האָט קיין איינציגער טאָן נישט דערגרייכט בּיז צו דער עס־שטוב. און דאָך האָבּן אַלע געסט, און צווישן זיי אויך די מומע פון דעם פרייליין, פרוי קנעפּפּענמאַכער, זיך גאָר נישט געקימערט וועגן דער סצענע, וואָס האָט זיי אויסגעזעהן גאַנץ נאַטירליך און זעהר פּאַסנד פאַר אַזאַ חויצלינג ווי גראָסמאַן.

— איך וועל אייך דערציילן — האָט ער אָנגעהויבן — וועגן אַלגעמיינע באַקאַנטע. אייגנטליך האָבן זיי דאָ היינט געזאָלט זיין, נאָר אַזוי ווי זיי זיינען נישט געקומען, קאָן מען זיך ערלויבן אַביסל רכלות צו ריידן וועגן זיי. נישט וואָר?

אַלע האבן באַלד געטראָפן וועגן וועמען ער רעדט: פאַרשטייט זיך, וועגן די פייערמאַנס. די פייערמאַנס זיינען געווען די רייכסטע פאַמיליע פון דעם קרייז. ער האָט געהאַט אַ פאַבריק, אַן אייגן הויז, און האָט געשמט פאַר אַ קלוגן, געריבענעם יונג, וואָס האָט זיך שטענדיג געמשפט אין די סורעס און שטענדיג געוואונען און אויסגעפירט דאָס זייניגע. זי ווידער האָט געפירט אַן אינטעליגענטישן שטאַט, האָט זיך שטענדיג געהאַלטן אין לערנען עטליכע שפראַכן; ביי איר אין הויז זיינען געווען באָנעס, לערערס און לערערינס, אַליין האָט זי געפירט באַקאַנטשאַפטן מיט פיל פערזאָנען פון דעם ליטעראַריש־קינסטלערישן מאַרק אין פאַרשיידענע קאָנדיטאָרייען. אים האָט מען מקנא געווען; זי, די מאַדאַם בערטאַ פייערמאַן, האָט מען פיינט געהאַט פאַר איר שטאָלץ. אַלע זיינען דעריבער זעהר צופרידן געווען מיט דעם אָנהויב.

— קאַטאַי! — האָט דער פראָצענטניק געזאָגט. גראָסמאַן האָט ווייטער דערציילט:

— צווישן זיי, פאַרשטייט איר מיך, איז געוואָרן אַ שלעכט לעבן — דער דערציילער האָט אָנגעהויבן ריידן יידיש — עס האָט שיער נישט געהאַלטן ביי אַ גט. ווי איר זעהט מיך אַ לעבעדיגן — ביי אַ ג.ט. איר וואונדערט זיך? עס איז ווירקליך אַביסל אַ וואונדער. זיי וואוינען שוין פיפצען יאָר צוזאַמען, בערטאַ האָט שוין געהאַט אפשר אַ טוץ געליבטע, איך אַליין קאָן אָנציילן אויף די פינגער פינף. איר מיינט, אַז פייערמאַן האָט דערפון נישט געוואוסט? דער ממזר־קאָפ, זעהסטו, וועט פון עפעס נישט וויסן! ער האָט זיך געטראַכט: „טו דיר, וואָס דו ווילסט, און איך וועל מיר טון, וואָס איך וויל; פאָר דו דיר אונטער דער שטאָט מיט דיינע שנעקעס און שטער מיר אויך נישט.“ ער לאָזט זיך אויך נישט בלאָזן אין דער קאַשע אַריין. און זיי האָבן זיך געלעבט, אויף מיין ערליך וואָרט, גוט געלעבט. מען זאָגט גאָר, אַז זיי האָבן זיך אַמאָל צופעליג געטראָפן עפעס אויף אַן אָרט, זי איז געזעסן אין איין קאַבינעט

מיט אַ „שנעק“ (אַזוי רופט זי פּייערמאַן), און ער איז געזעסן מיט עפּעס אַ שלאַק אין צווייטן קאַבינעט, און זיי האָבן זיך גע־טראָפן אין קאָרידאָר — און גאָרנישט. אָפּגעווישט זיך דאָס מויל און געפירט אַ גוט לעבן. און פּלוצלינג: נאַ דיר אַ שלעכט לעבן און סצענעס און שיער נישט אַ גט! געווים אַביסל אַ וואונדער. פאַרשטייט איר מיך אָבער, מען מוז קענען פּייערמאַנען. אַזוי איז ער אַ רוהיגער, געלאַסענער; צו בערטאַן — ווי פּוטער ווייך, קושט זי אין שטערן. נאָר מען זאָל אים דערקוטשען האָט ער נישט ליב. אויב איר שטעלט אייך אים אין וועג, דעמאָלט איז ער אויף אַלעם גרייט, אויף אַלעם. אַ סקאַנדאַל — אַ סקאַנדאָל, אַ גט — אַ גט, און בערטאַ האָט אים אין דער לעצטער צייט אָנגעהויבן צו דער־קוטשען.

די געזעלשאַפט האָט זיך צוגעהערט מיט אָנגעשטריינגטער אויפ־מערקזאַמקייט. גראָסמאַן איז אויסגעוואַקסן אין זייער פאַנטאַזיע צו דער הויך פון אַ נביא, וואָס זיינע ווערטער טרעפן שטענדיג אין די לעבנדיגסטע סטרונעס פון דער נשמה, וואָס רערט שטענ־דיג דאָס סאַמע אינטערעסאַנטסטע, וויכטיגסטע. די פרויען האָבן זיך מורא געהאַט צו רירן פון אָרט, זיי זאָלן אים נישט שטערן. די צוויי מאַנסלייט האָבן אויסגעגלאָצט די אויגן און געהאָרכט מיט אַן ערנסטקייט, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין אַ פאַרדינסט פון עטליכע טויזנט קערבלאַך.

— אין דער לעצטער צייט, פאַרשטייט איר מיך — האָט ער ווייטער דערציילט — איז בערטאַן נישט געגאַנגען. שעמענסקי האָט זי אַוועקגעוואָרפן. טרעפט — פאַרוואָס? זי האָט אים אַלץ גע־געפּיינינגט, ער זאָל זיך לאָזן וואַקסן וואָנצעס, און ער האָט דוקא געוואָלט ווערן אַן אַקטער. און דאָ זיינען געקומען די אומרוהען, דער קריגס־צושטאַנד. זי איז שוין, ווייסט איר דאָך, געווען אין אויס־לאַנד און צוריקגעקומען, און גראָסמאַן האָט געענדערט דעם טאָן, בערטאַ איז שוין נישט דאָס, וואָס פאַר עטליכע יאָר...

— זי פּודערט זיך דאָך! — האָט איינע פון די פרויען כמעט אויסגעשריען, נישט קאָנענדיג מער געוועלטיגן איבער זיך.

— איך בעט נישט איבערצוהאַקן — האָט גראָסמאַן געזאָגט רוהיג, פּילנדיג זיין צויבערקראַפט אויף דער געזעלשאַפט — זי

פּורערט זיך שוין צוויי יאָר, איך געדיינק דאָס גענוי. דאָס האָט איר פאַרשאַפט פיל קריינקונג. אויף מיין ערליך וואָרט: ווען זי רעדט וועגן „די טיפע טראַגעדיע פון איר זעלע״, ווייס איך, אַז די טראַגעדיעס זיינען נישט מער און נישט ווייניגער, ווי די קריינקונג, אַז זי ברויך זיך צו פּורערן. איך האָב עס געזאָגט שעמענסקין...

אַ שטיל ציטעריג געלעכטער האָט דעם דערציילער אָפּגעשטעלט אויף עטליכע סעקונדעס. ער האָט ווייטער דערציילט:

— בערטאַ האָט זיך געפילט זעהר שלעכט. געזעסן אין דער היים און געגעסן זיך דאָס האַרץ. דאָס מוז שוין נישט זיין קיין גרויס פאַרגעניגן, אַז אַ פרוי האָט גאָרנישט וואָס צו טון. און זיצט אַ גאַנצן טאָג אין דער היים און טראַכט אַלץ נאָך אַנאַנדער נאָר וועגן דעם, אַז זי איז אַלט געוואָרן און מוז זיך פּורערן. פאַר איין זאַך אַכט איך זעהר מיין געשלעכט, דאָס מענליכע: דערפאַר וואָס מיר, מיינסלייט, שרעקן זיך נישט אַזוי פאַר אַלט ווערן, ווי די פרויען; דערפאַר האָבן זיי, די פרויען, ווייניגער מורא פאַרן טויט, ווי מיר, און שטאַרבן פיל רוהיגער און אָנשטענדיגער ווי מאַנסלייט...

— נו, קאַטאַי, ווייטער! — האָט דער פּראַצענטניק צוגעיאָגט — וואָס טויגן דאָרט די פילאָזאָפיעס? איך ריעלו!

גראָסמאַן האָט זיך, קענטיג, געפילט אַביסל באַליידיגט, ער האָט געמאַכט אַ זויערע מינע און האָט שוין געוואָלט גיכער אַן ענדע מאַכן.

— פאַרשטייט איר מיך, בערטאַ האָט אָנגעהויבן צו דערקוטשען דעם מאַן מיט פראַגן, וואו ער גייט און וואו ער איז געווען און וואָס ער האָט געטאָן. און ער האָט איר אַן עצה געגעבן, זי זאָל זיך אָפּגעבן מיט די קינדער... זי האָט אים געענטפערט, אַז ער האָט אַ קאָמערצישן, גראָבן גייסט און פאַרשטייט נישט אירע שטימונגען, און עס איז געוואָרן אויס שלום־בית... עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט זי אויסגעזידלט אין די אויגן פון מענשן אַזוי גראָב — נו, עס איז אַ חרפּה צו דערציילן...

גראָסמאַנען האָט מען אָנגעהויבן צו בעטן פון אַלע זייטן, ער זאָל ווייטער דערציילן, די פרויען האָבן אָנגעשטעלט אומבאַהאָלפענע מינעס און האָבן געבעטן מיט אַזאַ ווייכער, צאַרטער שטימע, ווי זיי וואָלטן אַלע פאַרליבט געווען אין גראָסמאַנען. ביי די יינגערע

איז עס אויסגעקומען נאָך צו דערלייזן, בײַ די עלטערע אָבער האָט דאָס געמאַכט אַן אָפּשוליכן אײַנדרוק.

— דערציילט, נו, דערציילט... דערציילט שוין... זאָל דער פּאַן זײַן גינסטיג (אויף פּויליש), טוט אַ טובה, זײַט אַזוי ליבליך (אויף רוסיש)... האָט מען אים געבעטן פון אַלע זײַטן.

דער ווירט פון דער קוואַרטיר, הער בערנשטײַן, האָט זיך אָנגערופן פּראָסט, רוסיש רייִדנדיק:

— איר מוזט דערציילן, וואָס איז דאָס אַזעלכס? איר לאָזט אונז אין דער מיטן?

— נו, איך וועל דערציילן — האָט זיך גראָסמאַן געלאָזט איבערבעטן:

עס איז געזעסן אַ קאָמפּאַניע און געשפּילט אין קאָרטן בײַ פּייערמאַנען אין שטוב, און בערטאַ האָט געוואָרפן אויגן אויף פעלדמאַנען. איר קענט אים נישט. ער וואוינט אין איין הויף מיט די פּייערמאַנס. אַ גאַנצער סאָציאַליסט, אויף מײַן ערליך וואָרט, אַ סאָציאַליסט. איר זאָלט אים הערן רייִדן! בערטאַ, מוזט איר ווידער וויסן, האָט די לעצטע צײַט שטאַרק ליב באַקומען דעם סאָציאַליזם. פון קונסט רעדט זי מער קיין וואָרט נישט, זינט שעמענסקי האָט זי אַוועקגעוואָרפן. וואָס מיר קונסט, ווער מיר קונסט, אַז דער עיקר איז דער קלאַסן־קאַמף א. ז. וו.... און אַ נאַכט איז דעמאָלט געווען אַ שרעקליכע. די „סאַמאָ־אָבאָראָנאַ" איז געשטאַנען אין טויער. אַלע האָבן געוואַכט און זיך צוזאַמענגעקליבן גרופּנווײַז אין די הײַזער. בײַ די פּייערמאַנס איז געווען דער מיטלפּונקט, דאָרט איז פאַראַן אַ טעלעפאָן... מען האָט זיך צוגעהאָרכט צו יעדן גערויש אויף דער גאַס. טראַך־טראַך... פון דערווײַטן שיסט מען... בערטאַ דרייט זיך אַהין און אַהער, קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען און מוטשעט דעם מאַן, ער זאָל אויפהערן צו שפּילן. ער, ווייסט איר דאָך, ענטפערט וויך:

— דו ביסט מיר, בערטאַ, גײ שלאָפן... און האָט איר אַפילו אַ קוש געגעבן אין שטערן.

— האָט בערטאַ געקאָנט גיין שלאָפן? אַז אַ גאַנצן טאָג גייט זי אויס פאַר ליידיג גיין, און דאָ זיצט אַ סאָציאַליסט, און דערצו אַ שיינער יונג, אַ ברונעט, מיט שוואַרצע ברענענדיגע אויגן —

איר זאָלט אים זעהן! און אין דרויסן איז אַ שרעקליכע נאַכט, אַ שטימונג... מיט איין וואָרט: בערטאַ האָט געכאַפּט די קאָרטן און צעריסן און נאָך אָנגעפאַלן אויפן מאַן מיט זידלערייען, אַז ער איז אַ בורזשואַ, ערלויבט זיך צו שפּילן אין קאָרטן, ווען אויף די גאַסן „קאָכט די מלחמה“. נו, נו, איז געווען אַ סקאַנדאַל, אַ סקאַנדאַל! פייערמאַן איז געוואָרן רויט ווי אַ פייער, ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון אָרט און האָט איר פאָרגעלעזן אַ צעטל עברות פון די גאַנצע פופצען יאָר:

— איך ווייס, וואָס דיר פעלט — האָט ער געשריען, אַ געליבטער פעלט דיר! שעמענסקי האָט דיך אַוועקגעוואָרפן, קיינער וויל אויף דיר נישט קוקן, נידערטרעכטיגע דו! טאָ זיץ דיר רוהיג, בייס דיר די פינגער, אויב דו ווילסט, קריך אויף די ווענט...

איז געווען אַ סצענע!

אַ מערכה, פאַרשטייט איר מיך, וואָס פעלדמאַן האָט זיך אַריינגעמישט, ווען נישט, וואָלט זיכער געקומען צו אַ גט. איך זאָג אייך זיכער, מיין ערן וואָרט גיב איך אייך...

די געזעלשאַפט איז געווען אויסער זיך פאַר אַנטציקונג. און גראָסמאַן האָט שוין גענומען דערציילן עפּעס זעהר פּיקאַנטעס און ציניש וועגן דער ליבע צווישן מאַדאַם פייערמאַן און פעלדמאַן, די ליבע, וואָס האָט באַרוהיגט אים און זי און האָט צוריקגעבראַכט שלום צווישן דעם צעקריגטן פּאָר־פאָלק, נאָר אַן אומגעריכטער צופאַל האָט געשטערט:

עס האָט געקלונגען אין פאָר־הויז, און אין אַ קורצער ווייַלע אַרום זיינען אַריינגעקומען אין שטוב — די פייערמאַנס, ער אַ הויך־געוואַקסענער, געזונטער מאַן פון אַ יאָר פערציג, מיט קליינע, כיטרע אויגן, שווערע געזונטע טריט און אַ פּנים, וואָס האָט זיך געדוכט צו זאָגן: „איך קאָן אַלע אויסנאַרן, און מיך קיינער נישט“. זי, אַ שאַטינקע פון אַ יאָר פינף און דרייסיג, מיט שיין־געשניצטע ברעמען און מיט צייכן פון אַמאָליגער שיינקייט; דאָס פּנים האָט אויסגעדריקט פוילקייט, גיריגקייט. געפּודערט איז זי דאָס מאָל געווען שוואַך, קוים צו דערקענען, און אַ מאַטע, אָפּגעוועלקטע בלייכקייט האָט טאַקע געשפּילט אויף אירע באַקן. אין אירע אויגן האָט געבלישטשעט אַ בייז פייערל, און איר גאַנץ באַנעמען האָט

זיך געדוכט צו זאָגן, פאַרקערט ווי איר מאַנס: „מיך האָט מען שטענדיג אויסגענאַרט און מיך וועט מען ווייטער אויסנאַרן, און איך וועל מיך לאָזן אויסנאַרן, ווייל די זינד איז זיס...״

ביי זייער אַריינקומען האָט זיך די גאַנצע געזעלשאַפט געפונען צערודערט. טייל האָבן זיך אויפגעשטעלט פון די ערטער, טייל זיינען בלייך, אַנדערע רויט געוואָרן. נאָר נאָכדעם, ווי בערטאַ האָט זיך מיט אַלע געקושט, און איר מאַן האָט זיך מיט אַלע באַגריסט, האָבן זיך אַלע באַלד געפילט גוט און מען האָט אָנגעהויבן צו פלוידערן און רכילות צו ריידן אויף וואָס די וועלט שטייט.

דעם אָוונט איז אָבער נישט באַשערט געווען אָפּצוגיין גלאַטיג, און אַ קליינעם סקאַנדאַל האָט אָנגעמאַכט דאָס פריילין רוזשאַ, וואָס איז פאַריאָגט געוואָרן אין זאַל אַריין, ווען וועמען די געזעל־שאַפט האָט ווי פאַרגעסן.

דאָס באַליידיגטע פריילין איז די גאַנצע צייט געזעסן אין דער צווייטער שטוב. אין אָנהויב, אינגאַנצן צעמישט און נישט וויסנדיג, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָט זי אָנגעצונדן אַ ליכט פאַר דעם פאָרטעפּיאַן און איז מיד אַנידערגעפאַלן אויף דעם בענקל. דער־נאָך האָט זי זיך אויפגעהויבן און ווידער זיך אַנידערגעזעצט און אַלץ נישט געקאָנט קומען צו זיך, אַם ענדע האָט זי זיך פאַר־כליפּעט אין אַ געוויין, און אַלץ מער און מער דערקענענדיג זיך פאַר באַליידיגט, האָט זי פאַר כעס אויסגעלאָשן דאָס ליכט און ערשט אויף רעכט נאָך אַמאָל זיך צעוויינט, דערנאָך ווידער אָנ־געצונדן דאָס ליכט און נאָך אַמאָל געוויינט שטיל, געלאַסן. צום סוף איז דאָס אַלץ איר מאוס געוואָרן און זי האָט זיך געשטעלט הינטער דער פאַרמאַכטער טיר און געהאָרכט. דאָס, וואָס גראָסמאַן האָט דערציילט, האָט זי אַזוי אינטריגירט, אַז זי האָט פאַרגעסן איר באַליידיגונג און אירע טרערן, און צורריקנדיג איר אויער צו דער טיר, האָט זי געהאָרכט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און נאָר זיך געשראָקן, טאָמער וועט זי פאַרהערן איין איינציג וואָרט.

נאָר אָט האָט גראָסמאַן געענדיגט. עס גייט דורך צען מינוט, נאָך צען מינוט, קיינער רופט זי נישט, דער גאַנצער פריהערינער האַס צו גראָסמאַנען רופט זיך ווידער אָן אין איר יונג האַרץ, זי וויינט...

אַבּ ענדע האָט זי זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן, געעפנט די טיר און איז אַריין אין צימער. אַלערערשטנס האָבּן זי באַגעגנט גראָסמאַנס אויגן. די גאַנצע באַליידיגונג, דער גאַנצער האַס און די נאָך־אַלץ־איינגעהאַלטענע טרערן האָבּן זיך ווי צעגאָסן אין איר גאַנצן קערפּער, און פילנדיג, אַז אָט, אָט וועט זי זיך פאַר־כליפּן אין אַ געוויין, האָט זי געאײַלט אויסצוגיסן איר כּעס אויף גראָסמאַנען:

— איר זייט אַ פאַלשער — האָט זי געזאָגט — ערשט האָט ער דערציילט אַזעלכע מאוסע זאַכן וועגן מאַראַם בּערטאַ, און איצט רעדט ער גוט. אַ פאַלשער, אַ מאוסער... מאַראַם בּערטאַ! שפּייט אים אין פּנים אַריין! ער איז אַ שלעכטער, בּייזער...

מער האָט זי נישט געקאָנט ריידן, פאַרכליפּנדיג זיך אין אַ געוויין.

די געסט האָבּן זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן. די פרויען האָבּן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און געמאַכט זויערע מינעס; די מאַנס־לייט האָבּן אויסגעגלאָצט די אויגן און געקנייטשט די שטערנס, מאַראַם בּערטאַ און איר מאַן האָבּן זיך בּיידע אויפגעשטעלט און זיך צוריק אַנידערגעזעצט. ס'איז געוואָרן שטיל, אומערטרעגליך שווער. און רוזשאַ איז שוין געווען אין קיך און דאָרט זיך אַנידער־געוואָרפן אויפן בּעט און ערשט אויף רעכט זיך צעוויינט.

עס איז אַרויס אַ סקאַנדאַל, וועגן וואָס גראָסמאַן האָט געהאַט צו דערציילן און צו דערציילן אין פאַרשיידענע הייזער.

# די גאָלדענע פּאַנטאָוויע

— איר זאָגט, אַז עס זיינען פאַראַן מענשן אָהן פאַנטאַזיע, וואָס לעבן אָהן האָפענונגען, אָהן אילוזיעס? לויט מיין מיינונג, איז דאָס אַ טעות. איך קאָן מיר נישט פאָרשטעלן אַ מענשליך לעבן אָהן האָפענונג, ווי למשל, אָהן לופט.

דער יונגער, ערשט־געענדיגטער דאָקטאָר, האָט געגלעט זיין שוואַרץ בערדל און האָט ווייטער געזאָגט:

— אויב איר ווילט, וועל איך אייך דערציילן אַ געשיכטע פון אַ מענשן, וואָס געפינט זיך איצט ביי אונז אין שפּיטאָל פאַר משוגעים. דאָס איז געווען אַמאָל, פאַר פינף יאָר צוריק, מיינער אַ באַקאַנטער. איך בין דעמאָלט אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון אוני־ווערסיטעט און האָב געלעבט צווישן זעהר אַן אינטערעסאַנטן קרייז יונגעלייט: פאַרוואָגלטע, פאַרשטויסענע, פאַרבלאָנדזשעטע אויף דער וועלט. מיר האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, געלעבט ווי חברים. אונז האָט צוגעבונדן איינעם צום אַנדערן די אָפּגעריסנקייט פון לעבן, כאָטש לויט די כאַראַקטערן און איבערצייגונגען זיינען מיר נישט געווען גלייך.

נישט פיל זיינען געבליבן פון אונז, עטליכע האָבן זיך דאָס לעבן גענומען, איינער געפינט זיך אין סיביר, איינער איז געשטאָרבן אין טורמע, טייל האָבן זיך גענומען צו אַ קאַריערע אַ. ז. וו.... נאָר אַנטשולדיגט: איך האָב אייך געוואָלט דערציילן וועגן אַ מענשן אָהן אילוזיעס, וואָס געפינט זיך איצט אין שפּיטאָל פאַר משוגעים. אים האָב איך גוט געקענט, און דוכט זיך, איך האָב אים גוט פאַר־שטאַנען, כאָטש אַ לאַנגע צייט איז ער פאַר מיר געווען אַ לעבעדיג רעטעניש. און נישט נאָר פאַר מיר אַליין. ווער עס האָט אים געקענט — גורשטיין האָט ער געהייסן — האָט זיך נישט געקאָנט גענוג וואונדערן אויף זיין רוהיגקייט און גלייכגילטיגקייט. קיין זאַך, דוכט זיך, האָט נישט געקאָנט רירן דאָס האַרץ פון דעם ראָזיגן

מענשן, נישט ענדערן אויף אַ האָר דעם אויסדרוק פון זיין גלייכ־גילטיג־צופרידן פּנים, נישט אויסלעשן דעם שמייכל אין זיינע פאַר־לאָשענע אויגן. וואָס עס האָט נישט געוואָלט פּאַסירן, צי אויף דער ברייטער וועלט, צי אין דעם איינגען קרייז פון זיינע באַקאַנטע, האָט אים נישט געחדושט. אַלץ אויף דער וועלט האָט זיין באַשייד, נישטאָ קיין זאַך אָהן אורזאַך, אַלץ איינס, צי מיר ווייסן די אורזאַך, צי מיר ווייסן זי נישט: וואָס־זשע איז דאָ זיך צו וואונדערן? — אַזאַ מין פילאָזאָפיע האָט צוגעפּאַסט צו זיין נאַכלעסיגקייט און פוילקייט, זי איז געלעגן איינגעבאַקן אין זיין קאָפּ, און ער האָט זי אויך הויך געפּערעדיגט פאַר אַנדערע.

פויל איז ער געווען ביז נאַר, נישט נאָר צו אַרבעטן, עפּעס צו טון, אַפילו צו טראַכטן און קאָמבינירן מיט זיין איינענעם מח האָט ער פיינט געהאַט. סיי ווי סיי וועסטו דערגייען נישט מער, אַז יעדע זאַך האָט זיין באַשייד, און דאָס ווייס איך שוין לאַנג, אַזוי פלעגט ער ריידן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און האָט זיך געפילט דערביי זעהר צופרידן און זעהר קלוג, קליגער פאַר אונז אַלע, יונגע, היציגע קעפּ מיט אונזער שטענדיגער אומצופרידנקייט. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַליין פאַרדינט אויף חיונה האָט ער נישט. מיר אַלע האָבן זיך פאַרנומען, ווער מיט וואָס עס האָט געקאָנט, איינער האָט גע־געבן לעקציעס, דער צווייטער איז געווען אַן איבערשרייבער ביי אַן אַדוואָקאַט, אַ דריטער איז געווען אַ שטיקל בוכהאַלטער אין אַ געשעפט, אַ פערטער האָט געלערנט אין אַ קונסט־שול און האָט באַקומען שטיצע, א. א. וו. אַלע האָבן זיך דערביי געקאָכט, געשפּאַרט, געליטן פון אינעווייניגסטער אומצופרידנקייט, געליבט און געהאַסט, דאָ אומעטיג, דאָ לוסטיג געווען, און ער איינער האָט גאָר־נישט געטאָן, כלומרשט געזוכט עפּעס אַ באַשעפטיגונג און גע־לעבט פון קליינע הלוואות ביי זיינע באַקאַנטע. דערביי אָבער איז ער געווען רוהיג און צופרידן, אָהן ספקות, אָהן טענות און אָהן זאָרג, ווי זעלטן אַ גליקליכער אויף דער וועלט.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז מיר האָבן אים ליב געהאַט. ער איז געווען איינער פון אונז, פאַרוואָגלט און אָפּגעשטויסן פון דער אַרומיגער וועלט, און אָרים דערצו, און האָט זעהר אָפט געהונגערט, ווי זשע זאָל מען זיך נישט אינטערעסירן מיט אים, נישט לייען קיין

געלט, נישט פֿאַרהאַלטן זיך צו אים ווי צו אַ חבר? און דאָך איז ער אונז געבליבן פֿרעמד. אים, דוכט זיך, האָט נאָך קיין מענטש נישט פֿעסט געדריקט די האַנט, נישט אַרויפֿגעלעגט קיין האַנט אויף זיינע אַקסלען. עפּעס ענליכס האָט זיך אויך קיינער נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן. עס האָט אים, מיין איך, אויך ווייניק געאַרט. ער האָט דאָס נישט באַמערקט, און אויב יאָ, וואָלט ער גלאַט פֿויל געווען דערפֿון צו טראַכטן, און ער וואָלט אויסגעקומען מיט זיין פֿילאָזאָפֿיע, טראַכטנדיג: „געוויס זיינען פֿאַראַן אורזאַכן, וואָס מאַכן מיך פֿרעמד. צי ליגן זיי אין מיין געבורט, צי אין מיין ערציהונג, צי אין מיין באַזונדערער גייסטיגער אַנטוויקלונג — דאָס איז אַלץ איינס“... מיר האָבן אים אָבער טייל מאָל אויך פֿיינט געהאַט. זיין גלייכגילטיגקייט, זיין מאַניר אַלץ גלייך צו פֿאַרשטיין און אָפּצושאַצן איז פֿיל מאָל דערגאַנגען ביז ציניזם און גראָבקייט. דעמאָלט האָט מען אים אויך צוגעוואָרפֿן אַ שטעכנדיג וואָרט. אָט זיינען אַלעמ איבעראַשט געווען מיט קאַלטבערגס אַ טאַט. וואָס פֿאַר אַן אינטערעסאַנטער מענטש דאָס איז געווען! איך וויים נישט, אויב איך וועל טרעפֿן נאָך אַזאַ איינעם אין מיין לעבן. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַן אומגעוויינליך גוט האַרץ, וואָס האָט טיף געליטן מיט יעדן ליידנדיגן, צי אַ נאָהענטן, צי אַ וויטן. דאָס מיטגעפֿיל צו מענטשן האָט אים געבראַכט דערצו, אַז ער האָט יעדערן פֿאַרשטאַנען ביז צו די פֿאַרבאָרגענע ווינקעלאַך פֿון זיין נשמה, און איז שטענדיג גרייט געווען צו העלפֿן מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט. אָט דער קאַלטבערג האָט זיך באַקענט מיט אַן אומגליקליך, פֿאַרשטענדיג מיידל: אַ הויקער. איר אומגליק האָט אים טיף גערירט, ער האָט נישט אויפֿגעהערט צו פֿילן מיט דעם קלעמענדיגן האַרץ פֿון דעם באַשעפֿעניש... און ער האָט ערקלערט, אַז ער איז גרייט מיט איר חתונה צו האָבן. דער פֿאַקט האָט געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק אויף אַלע, וואָס האָבן אים געקענט: מען האָט נישט אויפֿגעהערט צו ריידן וועגן דעם מיט באַוואונדערונג, מיט באַגייסטערונג פֿאַר אַזאַ העלדישער טאַט... און שטעלט אייך פֿאָר, אַז אונזער גורשטיין האָט די מעשה אויסגעהערט גלייכגילטיג, און מיט זיין געוויינליכער באַוועגונג מיט דער האַנט האָט ער אונז אויפֿגעקלערט: „וואָס איז דאָ דער חידוש?“ — האָט ער

געזאָגט: „ער איז אַזאַ מענטש. פאַר אים עקזיסטירן אויף דער וועלט נישט מער ווי ליידן. דאָס איז די מאָס, מיט וואָס ער מעסט מענטשן. אַ מענטש וואָס ליידט מער פאַר אַנדערע, איז סימפּאַטישער פאַר אים ווי אַנדערע. פאַרקערט: ווער עס ליידט נישט, עקזיסטירט נישט פאַר אים, איז אַ פּראָסטע נול. איך פאַרשטיי דאָס גאַנץ גענוי, איך קען אים שוין לאַנג פאַר אַזאַ מענטשן...“

דאָ האָט זיך איינער פון דער קאָמפּאַניע נישט מער איינגעהאַלטן און געזאָגט מיט כּעס:

— איר זענט אַ מענטש אָהן אַ האַרץ. אָט וואָס! אַלץ פאַרשטייט ער!...

גורשטיין האָט זיך ניט געריכט אויף אַזאַ אָפּשניט און האָט געצויגן די אַקסלען. נאָר די צופעליגע ווערטער האָבן געהאַט אַ פּעולה. דער דאָזיגער אויפגערעגטער חבר האָט אַרויסגעזאָגט, וואָס מיר אַלע האָבן געוואָלט זאָגן, וואָס איז אונז געלעגן אויף דער שפּיץ צונג. פון דעמאָלט אָן האָבן מיר אים פאַר דער מינדסטער זאַך פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז אַ מענטש אָהן אַ האַרץ.

— וואָס איז דאָס אַ מענטש אָהן אַ האַרץ? — האָט ער מיט מיר אַמאָל גערעדט גאַנץ פאַרטרויליך, ווען מיר זיינען געווען אַליין, און מיט אַזאַ טאָן, גלייך ווי נישט וועגן אים רעדט זיך דאָס, נאָר וועגן אַ פרעמדן אָהן אַ האַרץ — וואָס איז דאָס? אַ נאַרישער הוילער באַגריף אָהן אינהאַלט, לויט מיין מיינונג. צי דען קאָן איך נישט פילן וואָס אַנדערע?

און אַז איך האָב געפּרובט אים איבערצושפּאַרן, אַז אַ מענטש אָהן אַ האַרץ איז אַ באַגריף, וואָס האָט יאָ אַן אינהאַלט, איז ער גרייט געווען מודה צו זיין:

— איבעריגנס — האָט ער געזאָגט — אפשר נישט? אפשר האָב איך אַזאַ גייסטיגע און קערפּערליכע קאָנסטרוקציע, אַז איך פיל נישט אַזוי ווי אַנדערע, וואָס איז דער מער? זיין מענטש איז אַזוי באַשאַפן, דער צווייטער אַנדערש...

און אָט איז אַ צווייטער פאַקט, וואָס ווייזט, די ווייט דער מענטש איז געווען אָהן פאַנטאַזיע, אָהן אילוזיעס, ווי איר זאָגט; אַ פאַקט, וואָס האָט דעמאָלט געוואָרפן טויט־שרעק אויף זיינע אַלעמען: איינער פון אונזערע באַקאַנטע, נאָך גאָר אַ יונגער בחור פון אַ יאָר

נײַנצען, דער אײַנגנער, וואָס האָט געלערנט אין אַ קונסטשול און באַקומען שטיצע — אַ סקולפּטאָר איז ער געווען — האָט זיך אויפֿגעהאַנגען בײַ זיך אין צימער. אים האָט מען געפֿונען ערשט אויפֿן דריטן טאָג, ווען זײַן פּנים איז געווען שוואַרץ און פֿאַרדאַרבן, נישט מער צו דערקענען. אויפֿן טיש האָט ער געלאָזט אַ קורץ צעטל, וואו עס איז געשטאַנען: „איך האָב מיך איבערצײַגט, אַז איך קאָן נישט שאַפֿן קײן האַרמאָנישע זאַך; אָהן האַרמאָניע איז קײן קונסט נישטאָ, און אָהן קונסט איז מיר גאָרנישט געבליבן אין לעבן. איך האָב געלעבט נישט שײן און שטאַרב נישט שײן, וואָס קאָן איך טון? אויף קײן רעוואָלווער האָב איך נישט געהאַט קײן געלט, און וואָלט אויך געווים נישט געהאַט, ווען איך וואָלט לענגער לעבן. מײַנע חברים, און באַזונדער קאַלטבערגן זאָג איך מײַן לעצטן אַדיע". דער צופֿאַל האָט אויף אונז געמאַכט אַ שרעקליכן אײַנדרוק. מיר האָבן באַרויערט דעם יונגען בלאַסן חבר, וואָס איז אַזוי שרעקליך געשטאָרבן; מיר האָבן אים דערמאָנט מיט טרערן אין די אויגן. נאָר חוץ דעם איז אָנגעפֿאַלן אַ שרעק אויף אַלע. מען האָט זיך געפֿילט, ווי די קראַנקע אין שפּיטאָל, ווען עס שטאַרבט פֿון זײ אײנער. צי וועלן אים אַנדערע נישט נאָכטון און גײן דעם זעלבן וועג? און ווער פֿון אונז? — דאָס אומגליק האָט יעדן געדריקט אויפֿן האַרצן ווי אַ שווערער שטײן. פֿון קײן אַנדער זאַך האָט מען נישט געקאָנט רײדן, און פֿון דעם אײנציגן, וואָס איז שטענדיג געלעגן אין קאָפּ, איז געווען אַ האַרצרײסעניש און אַ מאַטערניש צו רײדן. און אָט האָט זיך גורשטײן אַרויסגעוויזן מיט זײַן גאַנצער קאַלטבלוטיגקײט.

— מיך וואונדערט דאָס לגמרי גאָרנישט, אַז אַ מענש קניפּט אָן זײַן גאַנץ לעבן צו אײן אײנציגער זאַך, אַז אַלע זײַנע געדאַנקען און געפֿילן דרײען זיך אַרום אײן פּונקט, און פֿלוצלינג פֿאַרשווינדט די אײנציגע זאַך, דער אײנציגער פּונקט, איז גאָר קײן חידוש נישט, אַז ער האָט זיך דאָס לעבן גענומען. עס קאָן אָבער זײַן, ער וואָלט נאָך אפֿשר מיט דער צײַט באַשאַפֿן עפּעס בעסערס ווי איצט. אָט וואו דער טעות שטעקט...

מיר האָבן אים פֿײַנט געקריגן פֿאַר די רײד און מיר האָבן אויסגעגאָסן אונזער גאַנץ ביטער האַרץ אויף אים: „אַ מענש אָהן

הארץ!" „אַן אַכזר!" — האָט זיך געשאָטן אויף אים פון אַלע זייטן. און איינער פון אונז האָט אים גענומען פּראָבט זירלען:

— ווי איז אייך קיין חרפּה נישט אַזוי צו ריידן! דאָס איז אומ־מענטשליך! אַ נידערטרעכטיגקייט! אַזעלכע מענטשן ווי איר דאַרפן נישט לעבן. אַדרבה, זאָגט, זאָגט שוין: צו וואָס לעבט איר? צו וואָס?

גורשטיין האָט נאַריש געשמייכלט, אין די אויגן זיינע האָט אויפ־געבלישטשעט עפּעס אַ פייערל און ער האָט געענטפערט שטיל, ציהענדיג מיט די אַקסלען:

— נישט מיין זאָרג... איך לעב.

אָט וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז געווען, קאָנט איר זיך פאָר־שטעלן אַ קאַלטערן, ניכטערן מענטשן פאַר אים? ער איז טיילמאָל געווען שיין אין זיין קאַלטבלוטיגקייט, אינטערעסאַנט און טיפּיש. יאָ, מיר האָבן צייטנווייז געפילט אַ מין רעספּעקט פאַר אים, פאַר זיין קלאָרן ניכטערן פאַרשטאַנד, וואָס קיין זאַך קאָן אים נישט פאַרבלענדן. אָט איז אַ מענטש, וואָס ווייסט קיינמאָל נישט דעם ביטערן טעם פון יאוש, ווייל ער נאַרט זיך נישט, האָט קיין „אילו־זיעס" נישט! נישט וואָר?

און דאָך, צי וועט איר מיר גלויבן? איז דער מענטש געווען אַ פאַנטאַזיאָר, וואָס האָט געלעבט אין אַ וועלט פון שפּינוועבס, און וואָס זיין פאַנטאַזיע האָט אים אַראָפּגעפירט פון זין! אומגלויביג, וועט איר זאָגן, נאָר איר קאָנט אים זעהן אין משוגעים־הויז, און מיין חבר, דער הויפּט־דאָקטאָר, אין אונזער אָפּטיילונג, אַ געניטער פּסיכיאַטאָר, וועט אייך באַשטעטיגן מיינע ווערטער. דער מענטש האָט געגערט זיין גייסט מיט אַ פאַנטאַזיע, מיט אַ גאָלדענער פאַנ־טאַזיע. אונטער דער אויסערליכער רוה און צופרידנקייט האָט זיך באַהאַלטן אַ טיף באַגערן נאָך גליק, אַ פאַרלאַנג אַרויסצוקריכן פון דעם זומפּיגן, אָרימען, עקלדיגן לעבן, צו געניסן פון דער וועלט, ער האָט געהאָפט און געוואַרט שטיל, אַ מינוט נישט פאַרגעסנדיג, אַז דאָס לעבן, וואָס ער פירט איצט, איז נישט דאָס עכטע, אַז דאָס ריכטיגע לעבן וועט זיך פאַר אים ערשט אָנהויבן. דערין האָט ער געגלויבט, פעסט געגלויבט. ער האָט געהאָפט אויף דעם טאָג, ווען ער וועט זיין רייך. עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלן, ווי די

פֿאַנטאַזיע האָט זיך בײַ אים אַנטוויקלט. אין אָנהויב איז דאָס געווען נישט קיין קלאָרע האָפֿענונג, זי איז אָבער געוואַקסן צוזאַמען מיט דער נויט און איז אײַנגעוואָרצלט געוואָרן טיף אין זײַן נשמה. מיט דער צײַט האָט די האָפֿענונג אָנגענומען אַ באַשטימטע פֿאָרם: ער וועט געווינען אויף דער לאָטעריע. ער פֿלעגט שעהן־ווײַז אַרומשפּאַצירן אין די גאַסן, אַ פֿאַרחלומטער און אַ פֿאַרטראַכטער, און דעמאָלט האָבן זיך געטראָגן פֿאַר זײַנע אויגן בילדער, איינס שענער פֿאַר דעם אַנדערן. ער אַליין איז גאָר אויסגעוואַקסן אין זײַנע אויגן. ער איז רײַך, געבילדעט, און אַ פֿײַנער מענטש, אַ דזשענטעלמען. וואָס פֿאַר אַ שלעכטע, פֿאַלשע מיינונג האָבן וועגן אים געהאַט זײַנע חברים! דאָס זעהען זיי איצט, ווען אַלע גוטע זײַטן פֿון זײַן כאַראַקטער באַקומען אַ רעאַלן אויסדרוק... דערנאָך פּראָוויזאַנציע, ליבע; רײַזן אין דער ווײַטער וועלט, אונטער דעם הייסן הימל פֿון שפּאַניע, אויף די הויכע שנייבערג אין דער שווייץ... דאָס אַלץ שטעלט זיך פֿאָר לעבעדיג, מיט אַלע קלייניגקייטן. דאָס איז אַ מין שכּרות, וואָס מער מען טרינקט, מער ווילט זיך. אים איז אַ שאָד איבערצוהאַקן דעם גאָלדענעם פֿאָדים פֿון זײַנע געדאַנקען, און ער טראַכט און חלומט.

מיר האָבן אים אָפֿט אָפּגעשטעלט אויף דער גאַס, ווען ער איז געווען שטאַרק פֿאַרטראַכט. קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס אינטערעסירט אים אַזוי טיף, אַז ער זוכט אַפֿילו אויסרייִדן וואָס גיכער פּטור צו ווערן פֿון אונז. מיט דער צײַט זײַנען מיר אָבער געוואָר געוואָרן דעם סוד, דאָס איז געווען לעכערליך, אָבער אויך טרויעריג. קאַלטבערג מיט זײַן טיפֿן געפֿיל צו מענטשן האָט דאָס דער ערשטער באַמערקט, און פֿון דעמאָלט אָן האָט ער זיך מיט אים מער אינטערעסירט, מער אים מיטגעפֿילט און אָפֿטער געליען אים געלט.

גורשטיין האָט געוואָלט צום סוף פּרובן זײַן מזל און שפּילן אויף דער לאָטעריע און איז געקומען צו אים באָרגן עטליכע רובל. קאַלטבערג האָט אים געפֿרעגט, צו וואָס ער באַדאַרף דאָס געלט. גורשטיין האָט אין אָנהויב געפּרובט צו באַהאַלטן, נאָר צום סוף האָט ער אויסגעזאָגט, אַז ער וויל שפּילן אויף דער לאָטעריע. אַן אַנדערער וואָלט אים געענטפֿערט מיט אַ חוזק, נאָר קאַלטבערג,

פּילנריג, אַז דאָ איז נישט אַזוי גלאַט, האָט אים מיט ווייכע רייד ערקלערט, אַז דאָס איז אַן אומזין, ער וועט נישט געווינען און דאָ הונגערן אַרום מענשן און יעדער נויטיגט זיך אין אַ רובל אויף חיכטיגערע זאַכן.

אַזוי האָט זיך אונזער פאַנטאַזיאָר אַנגעשלאָגן אין דער ווירקליכ־קייט, ווען ער האָט געפּרובט מאַכן דעם ערשטן טריט צו דערגרייכן זיין האָפענונג. ער האָט זיך געשעמט פאַר קאַלטבערגן, און נאָך מער פאַר אונז, וואָס מיר זיינען געוואָר געוואָרן. די געשיכטע פון קאַלטבערגן, וואָס פלעגט קיין זאַך נישט באַהאַלטן. נאָר דאָס האָט אים נישט געשטערט ווייטער צו פאַנטאַזירן וועגן דער גליק־ליכער צייט. די פאַנטאַזיע האָט מיט דער צייט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין זיין לעבן. מיט איר איז ער אויפגעשטאַנען, מיט איר האָט ער זיך געלעגט, מיט איר האָט ער אַרומגעשפּאַצירט אין די גאַסן. און דאָס האָט געדויערט לאַנג... יאָרן.

מעגליך איז, אַז ער האָט אַליין באַמערקט, אַז זיין קאָפּ איז פאַרנומען אומנאָרמאַל, אַז ער לעבט אין אַ חלום, נאָר ער איז שוין נישט געווען אימשטאַנד זיך אָפּצוזאָגן פון אים. דאָס טראַכטן איז געווען אַזוי אַנגענעם, ער האָט זיך דערביי געפילט אַזוי גליק־ליך, אַזוי פריי! צו וואָס שטערן?

אונזער קאָמפּאַניע איז דערווייל צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן איבער דער וועלט, יעדער האָט זיך געהאָלפן ווי ער האָט געקאָנט. אַנדערע האָבן געפונען אַרבעט, טייל זיינען זיך צעפאָרן, נאָך איינער האָט זיך גענומען דאָס לעבן. דער בוכהאַלטער האָט געמאַכט אַ קאַריערע... און גורשטיין איז געבליבן אומפאַרענדערט, אַרומ־געשלעפּט זיך איינער אַליין מיט זיין גאָלדענער פאַנטאַזיע, און דער־חייל געהונגערט און געזונקען אין דער נויט. און אָט איז ער אין איין טאָג געקומען צום גליקליכן ברעג. די האָפענונג איז געוואָרן אַ ווירקליכקייט: ער האָט גענומען ציילן און איבערציילן באַנק־נאָטן. דאָס זיינען געווען שטיקלאַך פּאַפּיר, וואָס ער האָט צו־זאַמענגעקליבן אויף דער גאַס.

— איצט קאָנט איר אים זעהן אין שפּיטאָל — האָט דער דאָק־טאָר געענדיגט.

---

# שוויין, שוועסטער!

פעליע פיינשטיין האָט שטענדיג געהאַלטן באַ זיך אַ קליין פלעשעלע ציאַניסטי קאַלי. יעדע מינוט, ווען נאָר זי וואָל דאָס וועלן, קאָן זי אויסטרינקען מיט איין זופּ דעם שאַרפן גיפט, און אין עטליכע מינוט אַרום איז זי טויט. איר איז דאָס פאַרגעקומען אַזוי לייכט צו טון, ווי, צום ביישפּיל, לייגן זיך שלאָפן באַנאַכט.

פּאָר עטליכע יאָר, אין דער זעלבער צייט, ווען זי איז גע־ווען דאָס לעצטע מאָל אַזוי שרעקליך געגאַרט און אַזוי טיף באַ־ליידיגט, האָט זי פעסט באַשלאָסן, אַז — גענוג! זי קאָן מער נישט איבערטראָגן דאָס אייביגע מאַטערניש, זי מוז מיט אירע אייגענע הענט איבעררייסן די קייט פון ליידן, וואָס ציהט זיך און וועט זיך אַזוי ציהען אָהן אַן אויפהער, ווי לאַנג זי וועט לעבן. איר יונגנט האָט שוין דערמאָלט געהאַלטן אין אָפּבליהען; מיט יעדן טאָג איז געוואַקסן דאָס קלעמעניש אין האַרצן, די בייַנקשאַפט, וואָס האָט גענאָגט און גענאָגט און קיין מינוט נישט אויפגעהערט. מענשן זיינען איר דערעסן געוואָרן. די לעצטע גע־שיכטע האָט איר געעפנט די אויגן צו זעהן, וואָס אייגנטליך די אַלע מאַנספאַרשוינען פאַרלאַנגען פון איר. זי האָט זיך געפילט, ווי אַן אומבאַהאָלפן באַשעפעניש אין וואַלד, אַרומגערינגלט פון יעגערס, וואָס ווילן זי פאַנגען. און דאָס האַרץ האָט אַזוי גע־צווינגן און געבייַנקט צו זיי, און דער געדאַנק האָט זיי אַזוי פיינט געהאַט!

זי איז געקומען באַנאַכט אַהיים אין איר צימער, האָט אַרויס־גענומען פון טאַש דאָס קליינע פלעשעלע, האָט עס געשטעלט אויף דער טאַבורעטקע נעבן טיש און האָט אָנגעשריבן אַ קורצן בריוו צו איר מוטער און איר יינגערער שוועסטער. זי האָט זיך

אויסגעטאָן און אָנגעטאָן קלאָרע וועש. דערנאָך האָט זי איבערגעצויגן די קישנס מיט ווייסע ציכלאַך, איבערגעטוישט דעם ליילאַך, אַזוי אַז איר געלעגער האָט געבלאַנקט שפּאָגל־ווייס און נײַ. אין איין העמד האָט זי זיך געשטעלט פאַרן שפּיגל, האָט אויפגעפלאָכטן אירע שוואַרצע האָר — דאָס שענסטע, וואָס איר איז געבליבן — און האָט זיי געלאָזט אַראָפּפאַלן פריי איבער איר קאָפּ, און מיט שטילע רוהיגע טריט איז זי צוגעגאַנגען צום בעט און האָט זיך געלעגט. זי האָט זיך נישט געאיילט. בכלל, האָט זי זיך גענומען אין זין אַריין צו שטאַרבן רוהיג און שיין, נישט אין איילעניש און כאַפּעניש, נישט אין אַן אויפגערעגטער מינוט. זי איז געווען שטאָלץ, האָט געהאַט אַ טיפע אַכטונג צו איר אייגענער פּערזאָן, און איר האָט נישט געקאָנט איינפאַלן קיין ספק, צי זי וועט האָבן מוט אויסצופירן איר באַשלוס.

זי האָט אויסגעצויגן איר שלאַנקען קערפּער אין בעט, גלייך אַראָפּגעלאָזט די הענט איבער דער קאָלדרע, האָט צוגעמאַכט די אויגן און זיך פאַרטראַכט. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם נאָהענטן טויט, און ער האָט זי נישט געשראָקן. וועגן די עטליכע מינוט פון אויסטרינקען דעם גיפט ביז צום עק האָט זי אַפילו נישט געוואָלט טראַכטן. נאַרישקייטן! צוויי־דריי מינוט ליידן, דאָס איז דאָך לעכערליך. און דערנאָך... דערנאָך האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, ווי איר קערפּער ליגט פאַרגליווערט אין בעט, די אויגן פאַרמאַכט, דאָס פנים בלאַס; דאָס האַרץ שלאָגט נישט מער, דער מח איז אָנגעגאָסן מיט בליי און ערגעץ, ערגעץ איז נישטאָ מער קיין שפּור פון דעם שווערן קלעמעניש! איר איז אַפילו שוין איצט פרייליך געוואָרן באַ דעם געדאַנק, אַז איר האַרץ וועט זיין פריי פון דעם געפיל, וואָס האָט עס געשטיקט טאָג און נאַכט, ווי אַ שטיין. אויף איר טיף־פאַרטראַכטן פנים מיט די פאַרמאַכטע אויגן איז דורכגעלאָפן עפּעס, ווי אַ שמייכל.

זי האָט אויסגעלעגט אירע האָר אויפן קישן, האָט געעפנט די אויגן און האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער טאַבורעטקע. די ליכטיגקייט, דער טיש, די באַנק און די איבעריגע זאַכן פון צימער האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין אירע אויגן אויף עפּעס אַ נייעס, גאָר באַזונדערן אַרט. זי האָט געהאַט פאַרגעניגן פון דעם קוקן

אויף זיי, פונקט זי וואָלט זיי אָט אַזוי נאָך קיינמאָל אין איר לעבן ניט געהאַט געזעהן. זיי אַלע, פון דער טאַבורעטקע ביז צו די אויסגעשטריקטע זוימען פון העמד אויף איר ברוסט, ביז צו אירע אייגענע, רוהיג־ליגנדיגע, הענט — אַלץ, אַלץ האָט אויסגעזעהן אַזוי אומבאַקאַנט און דאָך אַזוי באַקאַנט, אַזוי נייַ און דאָך אַזוי אַלט. עפּעס אַ פאַרביגע ליכטיגקייט, וואָס האָט געשטאַמט פון איר אייגענעם וועזן, איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף אַלץ און האָט געגעבן גאָר אַ נייעם קאָלאָריט דער וועלט אַרום, איר אַליין, אירע אַלע געדאַנקען און געפילן. אַלץ האָט זיך איצט אויסגעדרוכט צו זיין שטיל, רוהיג און אַזוי געבענשט אין זיך.

„איצט שטאַרב איך“, האָט זי געטראַכט. און אויך דער געדאַנק, מיט וועלכן זי האָט זיך אַזוי לאַנג אַרומגעטראָגן, האָט איר איצט אויסגעזעהן נייַ. אויך אין אים איז געלעגן באַהאַלטן עפּעס אַ געבענשטע רוהיגקייט, פון וועלכער זי האָט פריהער קיין אַנונג ניט געהאַט. זי האָט שוין גענומען דאָס פלעשעלע אין האַנט און עס צוגעטראָגן צו די ליפּן, אויפהויבנדיג דערביי אַביסל דעם קאָפּ פון קישן, און אין דעם זעלבן מאָמענט האָט אַ נייע אידייע אויפגעבליצט אין איר קאָפּ, אַ אידייע, וואָס האָט זיך געדוכט צו זיין טיף און אומערגרינדליך, ווי דער סוד פון טויט און לעבן, און אַלץ אַרומנעמענד אַזוי ווי זיי. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, האַלטנדיג דאָס פלעשעלע באַם מויל, אום צו טראַכטן דעם גרויסן געדאַנק. זי האָט פאַר אים נישט געהאַט קיין ווערטער, און דאָך איז ער געווען אַזוי פּראָסט און קלאָר. יענע וועלט פון קלעמעניש און ביינקשאַפט, פון ליידן און מאַטערניש האָט זי שוין געהאַט הינטער זיך, און איר איז אויפגעגאַנגען אַ נייע וועלט, וואו ליידן זיינען אוממעגליך, וואו קיין זאַך שרעקט מער נישט, וואו מען ביינקט נישט און מען פאַרלאַנגט גאָרנישט — אַ רוהיגע און אַ געבענשטע וועלט. איר האָט זיך געדוכט, אַז אָט איצט שטייט זי אויף דער גרענעץ פון טויט און לעבן, אויף דעם פונקט, וואו זיי רירן אָן איינער אָן אַנדערן, און ווערן פאַרשלונגען איינער אין אַנדערן און זיינען איינס. זי האָט ווידער צוגעמאַכט די אויגן, צוריקלייגנדיג דעם קאָפּ אויפן קישן. פאַר אירע אויגן האָבן זיך געטראָגן אויפן שוואַרצן פאָן

פאַרשייערנע באַקאַנטע געזיכטער, ציטערנדיג ווי ליכט־פלעקן. עס האָט זיך אויסגעריסעוועט דאָס שמייכלדיג, ווייך, און דאָך אַזוי געהאַסט, פּנים פון דעם סטורענט, מיט וועמען איר לעצטע געשיכטע איז געווען פאַרקניפּט. זי האָט איצט נישט געפילט קיין פיינטשאַפט צו דעם פּנים, קיין האַס פון באַליידיגונג. דאָס פּנים איז געווען שטיל אין זיך, רוהיג אין זיך און געבענשט אין זיך, ווי דער גרויסער געדאַנק, ווי די גאַנצע וועלט. עס האָבן זיך פאַרביינגעטראָגן איר מוטער, איר שוועסטער, באַקאַנטע — אַלע האָבן געהאַט דעם זעלבן אויסדרוק.

„צי בין איך שוין געשטאָרבן"? — האָט זי זיך געפרעגט. נאָר ניין, זי איז נישט טויט, דאָס פלעשעלע גיפט איז נאָך געווען אין איר האַנט, און זי האָט עס נאָך געהאַלטן פאַר אירע ליפּן. און אין דער מיסטישער העלקייט פון איר קאָפּ האָט זיך פאַמעליך אויסגעריסעוועט אַ קלאָרער געדאַנק: „איך שטאַרב דאָך רוהיג, גליקליך און מיט פרייד!" און באַלד דערויף האָט זיך צונעשפּינט אַ נייער געדאַנק:

„אויב מען קאָן אַזוי רוהיג און גליקליך שטאַרבן, וואָס שרעקליכס איז ווידער פאַראַן אין לעבן? צו וואָס זיך איילן?"

די גאַנצע נאַכט איז זי דורכגעלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, און אין איר קאָפּ האָבן זיך געטראָגן אומקלאָרע בילדער און געדאַנקען. אויף מאָרגן, ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן און געעפנט די אויגן, איז נאָך געלעגן אויף אַלץ אַן אָפּגלאַנץ פון דעם נעכטינגן קאָלאָריט, אַלץ האָט נאָך אויסגעזעהן עפּעס ווי ני, און אַליין האָט זי זיך געפילט ווי ניי־געבאָרן... אַ וואונדער איז געשען: איר האַרץ איז געווען פריי, קיין שפּור פון דעם קלעמעניש, קיין שאָטן פון דער ביינקשאַפט איז דערין מער נישט געווען.

„צי האָב איך נישט געהאַט קיין מוט אויסצופירן?" — האָט זי זיך דעם זעלבן טאָג געפרעגט: „נאָר, ניין! איך קאָן רוהיג שטאַרבן, ווען זיך נאָר אָנהויבן דאָס קלעמעניש אין האַרצן, וועל איך דאָס טון, און טון אָהן אַ ציטערינער האַנט, איבער־

לייגטערהייט, מיט קלאָרע גערעאַנקען", און דאָס פלעשעלע גיפט איז געבליבן באַ איר גרייט אויף עס אויסצונוצן, ווען זי וועט באַשליסן.

זי איז געבליבן לעבן אויף דערווייל, פילנדיג זיך אויף דער שוועל פון טויט. יענע נאַכט האָט אַרויפגעלעגט אויף איר אַ באַזונדערן שטעמפל. איר בליק, דער אויסדרוק פון איר פּנים, אירע מאַנירן, איר שטים אַפילו האָבן זיך געענדערט, און זי האָט פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ טיפע, אומפאַרשטענדליכע ערנסטקייט און וויכטיגקייט, אין איר געגנוואַרט איז מען געגאַנגען געלאַסן און גערעדט שטיל. האָט ווער געלאַכט, האָט ער זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגן קול. און ווען זי האָט צופעליג אַרויפגעלעגט איר האַנט אויפן טיש, איר פיין־אויסגעשניטענע האַנט מיט די לאַנגע ווייסע פינגער, האָט מען געפילט אַ דרך־ארץ צו איר, און די בליקן זיינען געווען צו איר צוגעצויגן ווי מיט אַ מאַגנעטישער קראַפט. זי האָט ווייטער געגעבן לעקציעס, געפירט דיווירטשאַפט, גערעדט ווייניג און נאָר צו דער זאַך, נאָר אירע פּראָסטע רייד זיינען פּראָסטע, היימישע זאַכן האָבן געמאַכט אַ מאָרנעם איינדרוק, גלייך ווי אונטער זיי וואָלט זיך פאַרבאָרגן עפּעס אַ גרויסער סוד. זי איז געוואָרן אַ פרעמדע אין הויז. אי די קראַנקע מוטער, אי די שוועסטער האָבן מיט איר נישט גערעדט קיין איבעריגע רייד, און אַלע האָבן געוואוסט, אַז זי טראָגט אין האַרצן באַהאַלטן פון אַלעמען איר גרויס אומגליק.

טעג זיינען פאַרגאַנגען נאָך טעג, זי האָט געלעבט אין איר נעפּל און האָט געשוויגן. די מוטער איז געשטאָרבן, די שוועסטער האָט געענדיגט די גימנאַזיע, זי אַליין איז געוואָרן עלטער, נאָר איר איז עס פאַרגעקומען, ווי קיין זאַך וואָלט זיך נישט ענדערן. אַלץ, וואָס ס'איז געשען, איז געשען אַזוי נאַטירליך און פאַרשטענדליך, אַז אַנדערש האָט גאָרנישט געקאָנט זיין, געדוכט האָט זיך, אַז פון יענעם טאָג אָן איז אַלץ אין איר און אַרום איר פאַרגליווערט געוואָרן און רירט זיך נישט מער. איר יוגנט אַפילו וועלקט מער נישט, און זי בלייבט די זעלבע ווי פאַר אַ יאָר, ווי פאַר צוויי יאָר. זי האָט געלעבט אָהן פרייד און אָהן ליידן, טאָג־איין—טאָג־אויס, אין דער זעלבער גלייכגילטיגקייט, און טייל־

מאָל האָט אויסגעזעהן, אַז זי האָט פאַרלאָרן די פייהיגקייט אונטער־ צושיידן צווישן לייד און פרייד, גליק און אומגליק. מיט דער צייט נאָר האָט זיך בײַ איר אויסגעאַרבעט אַ באַזונדערער געשמאַק; זי האָט נישט ליב געהאַט קיין פאַרביגע קליידער; אַליין האָט זי געטראָגן אָדער שוואַרץ, אָדער — אין דערהיים — ווייס; די בלוזעס אירע האָט זי אַזוי קונציג צונעשניטן און פאַרוואָרפן מיט פאַלבן, אַז זיי האָבן נישט געלאָזט אַרויסזעהן איר ברוסט, און פון ביכער האָט זי נישט געקאָנט ליידן אַלערליי ראָמאַנען און ליבע־לידער, וואָס האָבן אויף איר געמאַכט אַן אָפּשטויסנדיגן איינדרוק, גלייך ווי מען וואָלט באַרירן מיט אומפאַרשעמטע גראָבע הענט אַ הייליגטום.

די יינגערע שוועסטער, אַ נ נ אַ, איז אויסגעוואַקסן שיין און געראָטן. זי פלעגט געפעלן, האָט זיך פאַרליבט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר איר די זעלבע אומרוהיגע צייט, וואָס פ ע ל י ע האָט אַזוי גוט געקענט. אַננאַ פלעגט אַהיים קומען באַנאַכט ראָ פריילין, ראָ טרויעריג, האָט פיל מאָל געוויינט. פעליע האָט אויף איר געקוקט מיט איר טרויעריג־גלייכגילטיגן בליק און האָט גע־ פילט, ווי דאָס יונגע פרייע לעבן פון איר שוועסטער ברעכט זיך, ווי אירס אַמאָל, נאָר זי האָט געשוויגן, געשוויגן, ווייל זי האָט איר נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. זעלטן נאָר האָט געטראָפן, אַז זי האָט זיך געזעצט נעבן דער שוועסטער, האָט געגלעט אירע האָר און האָט געפרעגט, ווי שטייט ס'איז. די יינגערע שוועסטער האָט זיך צוגעטוליעט צו איר, האָט שטיל געוויינט, און איר יונגער קערפער האָט געציטערט אונטער דער שוועסטערס האַנט. פעליע איז אויפגעשטאַנען צערודערט, דאָס האַרץ אירס איז אומרוהיג געוואָרן, עפּעס האָט אָנגעהויבן צו נאָגן. און זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם קליינעם פלעשעלע.

„צי איז שוין געקומען די צייט?" — האָט זי זיך געפרעגט אין אַזאַ אויפגערעגטן מאָמענט. נאָר בײַ דעם געדאַנק אַליין איז איר האַרץ געוואָרן צוריק רוהיג, אַלץ אַרום איר פּאַ שטענדליך און נאַטירליך, און צייטנוייז איז פאַרשוואונדן די גרענעץ צווישן פרייד און לייד.

די אײַנוואוינער פון אַ זומער־וואוינונג, נעבן אַמאַרלאָ, פאַרזאַמלענדיג זיך פאַרנאַכט בײַ דער סטאַנציע, האָבן טאָג טעגליך געזעהן שפּאַצירן אַ פרויען־געשטאַלט, פון װעלכער מען האָט ניט געקאָנט אָפּרײַסן די אויגן. זי איז געװען שלאַנק, בלאַס אויפן פּנים און ניט מער יונג, נאָר האָט אויסגעזעהן צו האַלטן זיך שטאָלץ. געגאַנגען איז זי אַרויף און אַראָפּ פּאַמעליך, די הענט זײַנען געװען אַראָפּגעלאָזן גלײַך, די אַראָפּגעלאָזטע לעפּלאַך האָבן זיך פון צײַט צו צײַט אויפגעהויבן, און דעמאָלט האָבן אַרויסגעקוקט פאַרטרויעמטע, נאָר שאַרפע אויגן, װאָס האָבן גערעדט אויף אַ שפּראַך, װעלכע קײנער האָט ניט פאַרשטאַנען. דאָס איז געװען פעליע, זי האָט זיך געפילט אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן מיט נײַגיריגע בליקן, האָט געהערט, װי מען מורמלט זיך עפּעס װעגן איר, און האָט געהאַט פאַרדראָס, װאָס זי האָט זיך געלאָזט אײַנרײדן פון דער שװעסטער אַרויסצופאָרן אויף אַ זומערוואוינונג.

„צי װאָס, צו װאָס האָט דאָס געהערט“? — האָט זי געטראַכט אויפגערעגט.

דאָס יונגע לעבן, װאָס האָט געװימלט אַרום איר, דער שטענדיגער פלירט, דער פרײליכער געלעכטער, דאָס לויפן און זינגען, די אַלע יונגע קאָמפּאַניעס, מיט װעלכע אויך איר שװעסטער האָט פאַרבראַכט — אַלץ דאָס איז איר געװען דערװידער, האָבן זי געערגערט, און זי האָט זיך נאָך מער פאַרטיפט אין איר אײביגן געדאַנק װעגן טויט. און טראַכטנדיג אַזוי, האָט זי טײלמאָל געקוקט מיט שטאָלץ אַרום זיך, שטאָלץ מיט איר פאַרשלאָסן האַרץ, מיט אירע לײדן, װאָס זי האָט פאַר קײנעם, פאַר קײנעם ניט אַרויסגעזאָגט, שטאָלץ מיט איר מײדלשאַפט, װאָס איז פאַרבליבן בײַ איר, װי אַ פאַרװעלקטע הײליגע בלום. נאָר די לינדע אָװנטן, דער געװויטלטער הימל, דאָס פאַרבן־שפּיל אויף מערבזײַט, די ביסלעכװײַז צופאַלנדיגע פינסטערקײט, — האָט זי ניט געקאָנט מער פאַרטראָגן. זײ האָבן מאָדנע גערײצט דאָס האַרץ, געװעקט די אַלטע שוין פאַרגעסענע בענקשאַפט, און צוריקגײענדיג אַהײם, האָט זי יעדעס מאָל געטראַכט װעגן דעם פלעשעלע.

נאָך איינעם אַזאַ אָוונט איז זי נעקומען אַהיים און האָט גע־טראָפֿן איר שוועסטער אַ פּאַרווייגטע. זי איז געזעסן אויפֿן בעט, אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אויף דער אָנלען פֿון בעט, און אַז פעליע איז אַריינגעקומען, האָט זי באַהאַלטן דעם קאָפּ צווישן די הענט. די דאָזיגע פּאָזע האָט פעליען דערמאָנט אָן אירע איינענע דורכגעלעבטע יאָרן. אַמאָל, ווען זי פלעגט קומען אַהיים באַליידיגט, און דאָס האַרץ, האָט זיך געדרוקט, קאָן מער ניט איבערטראָגן דאָס גרויסע ביטערע געפיל, דעמאָלט פלעגט זי אָט פונקט אַזוי זיצן, וויינען און טראַכטן שעהן לאַנג.

„ווי זי מוטשעט זיך איצט!" — האָט זי געטראַכט וועגן דער שוועסטער, און איר איז דאָס ערשטע מאָל איינגעפאַלן, אַז מען דאַרף זי טרייסטן. זי האָט זיך געזעצט נעבן איר און גענומען, ווי געוויינליך, גלעטן אירע האָר:

— וויין נישט, אַננאַ, וויין נישט...

די יינגערע שוועסטער האָט זיך נאָך מער פאַרכליפּעט, אירע אַקסלען האָבן געציטערט, און מיט אַמאָל האָט זי זיך אומגעקערט צו איר שוועסטער, האָט זיך צוגעטוליעט צו איר, באַהאַלטנדיג דעם קאָפּ אויף איר ברוסט.

— איך קאָן נישט מער, שוועסטער, איך קאָן נישט, איך וועל ליבער שטאַרבן, איך וויל נישט אַזאַ לעבן — האָט זי גע־זאָגט מיט אַ קאַפּריזנעם טאָן.

— איך פאַרשטיי, קינד, — האָט פעליע גערערט שטיל, איך פאַרשטיי אַלץ. איך האָב דאָס אַלץ דורכגעלעבט, לאַנג, שוין לאַנג, און דו זעהסט דאָך — איך לעב...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, דערשראָקן פון אירע אייגענע ווערטער, וואָס האָבן עפּעס אַזוי מאָדנע געקלונגען. און אַננאַ, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט איר שוועסטער ריידן אין אַזאַ טאָן, האָט אויפגעהויבן נייגעריג דעם קאָפּ, און איר בליק האָט שטום געבעטן איר שוועסטער, זי זאָל ווייטער ריידן.

— דו האָסט קיין באַגריף נישט, שוועסטער, וואָס אַ מענש קאָן זיך אָנליידן אויף דער וועלט, וואָס דאָס הייסט ליב האָבן און געגאַרט זיין און באַליידיגט. אַז איך האָב דאָס ערשטע מאָל ליב געהאַט, האָב איך געפילט אַזאַ גליק, אַז מיר האָט זיך

גערוכט, איך וועל עס נישט איבערטראָגן; און דאָס צווייטע מאָל איז שוין מיין גליק געווען געמישט מיט פאַרדראָס; דאָס דריטע מאָל — האָב איך געוויינט און געבענקט, געבענקט און געוויינט. און דאָס פערטע מאָל — איז געווען נאָך ערגער, אַלץ ערגער און ערגער.

זי האָט אָפּגעהאַקט, פילנדיג זיך באַליידיגט פון אירע אייגענע ווערטער, זי האָט אַרומגענומען די שוועסטער און האָט שטיל געבעטן:

— נו, דערצייל, דערצייל...

פעליע האָט געוואָלט דערציילן איר לעצטע געשיכטע, וועלכע האָט איר אויסגעזעהן אַזוי וויכטיג, אַזוי שרעקליך און גרויזאַם, נאָר זי האָט אָפּגעהאַקט באַ די ערשטע ווערטער:

— ניין, ניין... איך וועל נישט דערציילן. דו וועסט דאָס ניט פאַרשטיין.

נאָר אַננאַ איז צוגעשטאַנען צו איר און האָט געבעטן:

— דערצייל, איך בעט דיך, איך פאַרשטיי אַלצדינג, וויס דער טייוול, וואָס זיי טראַכטן וועגן אונז...

די דאָזיגע ווערטער האָבן פעליען טיף באַליידיגט. זי האָט געוואָלט איבערצייגן די שוועסטער, אַז זי האָט אַ טעות, אַז איר אומגליק איז געווען גאָר אַנדערש און אַז ליב געהאַט האָט זי אויך גאָר אַנדערש, און האָט גענומען ווייטער דערציילן. נאָר וואָס מער זי האָט דערציילט, אַלץ אומבאַרייטנדיגער איז דאָס דער־ציילטע אַרויסגעקומען. ס'איז ענליך געווען, ווי איינער זינקט אין אַ בלאָטע, און וואָס מער ער וויל זיך אַרויסראַטעווען, אַלץ טיפער ווערט ער פאַרפאַלן.

— פאַרשטייסטו, דאָס איז געווען ניט אַזוי. מיר זיינען גע־גאַנגען שפּאַצירן, דערנאָך האָט ער מיך באַגלייט אַהיים. מיר זיינען געפאָרן אין אַ דראָזשקע, און פּלוצלינג האָט ער מיך אַרומגענומען און געקושט, איך האָב מיך שרעקליך דערשראָקן...

„דאָס איז נאַריש, באַנאַל", האָט זי געטראַכט, „נישט דאָס וויל איך זאָגן"... און האָט דערציילט ווייטער.

איר האַרץ איז פּוסט געוואָרן, זי האָט זיך דערפילט דער־שלאָגן און צעבראָכן, פּלוצלינג האָט אַ ווילדער העפט:גער וויטאָג

געפּרעסט איר האַרץ. אירע אויגן, וואָס האָבן אַזוי לאַנג שוין נישט געקענט קיין טרערן, זיינען מיט אַמאָל פייכט געוואָרן, און זי האָט געוויינט פאַר דער שוועסטער, געוויינט לאַנג און ביטער, און די טרערן האָבן איר נישט לייכטער געמאַכט, נאָר האָבן זיך געלעגט, ווי שווערע שטיינער, אויף איר האַרצן.

אין דערפריה, ווען אַננאַ איז אויפגעשטאַנען, האָט זי געפונען די שוועסטער טויט, דאָס פלעשעלע איז געווען אויסגעטרונקען, און אויפן טיש איז געלעגן אַ צעטל, אין וועלכן עס זיינען געשטאַנען פאָלגנדיגע ווערטער:

„איך שטאַרב, שוועסטער. אייגנטליך, בין איך שוין לאַנג געשטאָרבן. בלייב געזונט. אויב דיר וועט אויסקומען צו ליידן אַזוי פיל, ווי מיר, דערציי̆ל קיינעם נישט פון דיינע ליידן. היט זיי אין דיין האַרצן, זאָלן זיי זיין פאַרבאָרגן און הייליג, און שווייג, שוועסטער, שווייג!“...

---